STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00239

MENTSHN UN HAYES

Joseph Opatoshu

Permanent preservation of this book was made possible by
Allen & Ruby Mintz & family
in memory of
Dorothy Roosov Copellman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אָפּאַטאָשו

מענטשן און חיות

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן

ניו יאָרק, מאַי, 1938.

209

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
OF THE
JEWISH SECTION, INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
May, 1938
209

געדרוקט אין 3,000 עקזעמפלארן

אינהאלט

זייט

בירגער — 7
קיווקע גנב — 12
אין א רעגנדיקן אָוונט — 17
טרעמפּס — 22
א שיך־פּוצער — 27
אין א העק — 32
באַם איסט ריווער — 37
דער נייער טעסטאַמענט — 42
א מאַמע — 47
טרויער — 52
א יידישער „איטאַליענער" — 56
אויסגעוואָרצלט — 61
אין דער נאַכט פון ניטול — 66
אין צוואַנציק מינוט — 72
פערד — 77
א ביק — 82
דזשונאָ — 87
קאַשטאַנקע — 92
ראַסע — 97
צומאָרגנס — 102
ערב חתונה — 106
אפּריל־ריחות — 111
„שוואַרצן" די גרענעץ — 116
היים געבאָרן — 121
שמוגל — 126
שותפים — 131
א פּאַרשיוט הייבל — 136
נסים — 141

זייט

א הספד	145
באם ייד הקדוש	150
דער אַסטראָוועצער	155
פרייד	160
א שידוך	165
יונגוואַרג	170
צעאַקערטע פעלדער	175
זאַקן	179
סעפּטעמבער־ווינטן	184
אַלעקס און רוט	188
באַגינען	193
אונטערוועגנס	198
א גראַדואירונג	202
יוגנט	207
אין א זאַווערוכע	211
א רביצן	216
א וואַרשעווער מעשה	221
גענעזן געוואָרן	226
אין א שטורעם	231
לעבן	236
אין א שול	241
יחוס	246
איז שאָדן	251
אױף רעליף	255
אַן אַמעריקאַנער	260
מפטיר	266
שכנים	271
א געבראָטענע הון	276
ספרים	281
אַפּן גזשיבאָוו	285

מענטשן און חיות

בירגער

פריער האָט געשפּריצט אַ קאַלטער רעגן. דערנאָך האָט אויפגעהערט. דערנאָך האָט ווידער גענומען שפּריצן. אַזוי האָט דער רעגן זיך געפּאַטשקעט איבער אַ מעת־לעת.

די ברייטע לאַפּאַיעט גאַס, וואָס האָט גערוישט אַ גאַנצן טאָג, איז נאָך האַלבער נאַכט געוואָרן שטיל און ליידיק, ווי אַלץ וואָלט אויסגעשטאָרבן. אונטערן רעגן האָט די גאַס אויסגעזען, ווי אַ צעגאָסענער טייך. בלויז דאָס ליכט וואָס האָט בּאַ דער ניינטער גאַס רעגולירט דעם אויטאָמאָביל־פאַרבייפאָר, האָט זיך געטאָן זיינס, זיך געביטן פון רויט אַף גרין, פון גרין אַף רויט, כאָטש קיין לעבעדיקער מענטש איז ניט פאַרבייגעפאָרן.

די „האַיאַס״־געביידע — טיר און טויער צוגעהאַקט — האָט פינצטערער געמאַכט די אַזוי אויך פינצטערע גאַס. די געביידע האָט זיך צעלייגט איבערן טראָטואַר, ווי אַ שטיק חושך. לעבן די פאַרשלאָסענע אריינגאַנג־טירן, צווישן אַ שטייגערנער קאָלאָנע און דער וואַנט, איז געשטאַנען אַ געבויגענער פאַר־שוין. די הענט צעלייגט אַפן שטיין, דער קאָפּ אַף די הענט, און ס׳געזעס, אַ דאַרס, איז געווען אַרויסגעשטעקט צו דער גאַס. הענט, קאָפּ, פּלייצעס — זיינען נאָך ווי עס איז געווען באַשיצט פונעם רעגן, וואָס האָט געשפּריצט איבער די פיס. די הויזן, קורצע, אויסגעוואַקסענע, האָבן זיך פאַרשאַרצט, אַפּגעדעקט נאַקעטע קנעכלעך. אַרום די צעפּאָרענע, אויפגעשנורעוועטע שיך, האָבן זיך געקליבן גריבלעך וואַסער.

ס׳איז אָנגעקומען פון בראָדוויי אַ צעוואַקסענער פאַרשוין אין אַ שטייפן, צעקנייטשטן קאַפּעלוש. ס׳רעקל מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער איז געווען אַף אים אַזוי ענג, אַז ס׳האָט זיך נישט צוגעקנעפּלט. אַ צי מיט די פּלייצעס — און ס׳רעקל וואָלט געפּלאַצט. און אַז דער פאַרשוין איז צוגעקומען צו דער „האַיאַס״־געביידע, האָבן זיינע לייכטע טריט גענומען לויפן איבערן טראָטואַר, זיינען געלאָפן צום געבויגענעם פאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען צווישן דער קאָלאָנע און דער וואַנט, זיך גענומען הייבן איבער זיינע קנעכלעך.

באם געבויגענעם האבן די נאז־פליגל א ציטער געטאן. ער האט דערשפירט לעבן זיך א מענטש און א הייב געטאן דעם קאפ. מיט איין אויג האט ער זיך איינגעקוקט ווער ס'קומט. דערנאך האט ער זיך גענומען ציען. ער איז געווען דין און לאנג. ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט רוגזה, וואס מען שטערט אים, וואס מען קומט אין זיינע דלד־אמות, און האט א שפיי געטאן אין מיטן טראטואר אריין, ווי דארט וואלט געשטאנען זיינס א שונא.

דער צעוואקסענער האט אויסגעגאסן ס'וואסער פונעם קאפעלוש־ראנד, ארומגעטאפט מיט די אויגן, מיט דער נאז דעם פארשוין, ווי חיות באשמעקן זיך, און ער האט אים געפרעגט:

— אף וועמען שפייסטו?

— כ'שפיי אף דער וועלט, — האט ער א צי געטאן דעם האלדז ווי א זשיראף און געוויזן מיט דער האנט אפן איינגעפאלענעם בויך.

— וואס, ביסט הונגעריק? — האט דער צעוואקסענער א צי געטאן דעם שטייפן, דורכגעווייקטן קאפעלוש ביז איבער דער מיט שטערן. — אז איך בין הונגעריק היים איך מיר ברענגען פון אן ערשט־קלאסיקן רעסטאראן עסן.

— וואס? — האט דער לאנגער שוין אראפגעקוקט אפן צעוואקסענעם מיט ביטול. — טרייבסט חוזק, צי דו האסט א מיש אין קאפ?

דער מאן מיטן מיש אין קאפ האט אריינגעשטעקט די גראבע פינגער פון ביידע הענט אין די וועסטל־קעשענעס און געמאכט א מינע, ווי א קעלנער וואלט לעבן אים געשטאנען. ער האט באשטעלט:

— גיט מיר א געבראטן הינדל, גיט מיר א ביר און זשאלעוועט ניט קיין ברויט!

איצט איז דער לאנגער פארשוין געווען זיכער, אז ער האט פאר זיך א משוגענעם, וואס וועט רעדן א גאנצע נאכט, וועט נישט לאזן צוטאן מיט קיין אויג. ער האט איינגעצויגן די באקן, ווי ער וואלט גענאגט א זויער צוקערל, און מיט א שנאה צו דער וועלט, וואס איז געהאנגען איבער אים ווי א שטיק איינגעווייקט וועש, האט ער זיך א דריי געטאן פון דעם משוגענעם. ער האט קריק אוועקגעלייגט די הענט אפן שטיינערנעם פאסאד, פון וואנען די קאלאנע האט זיך ארויסגעהויבן. אף די הענט — דעם קאפ. און ס'געזעם האט ער איצט, ווי פריער, ארויסגעשטעקט צו דער ליידיקער גאס, צום משוגענעם.

דער מיטן מיש אין קאפ האט אויסגעשניטן מיט ביידע הענט א קרייז

ווי א קיילעכדיק טישל. לעבן טישל — א בענקל. ער האָט זיך צוגעזעצט, זיך צערעדט צום קעלנער:

— ס'הינדל זעט־אויס צו זיין גוט געבראָטן. האָסט געבראַכט שוואַרץ ביר? גוט, גוט.

ס'איז געוואָרן א ווײַלע שטיל. טראָפּנס רעגן זײַנען טעמפּ געפאַלן אין די גריבלעך וואַסער. א הימלאָזע קאַץ האָט זיך געצויגן הארט לעבן דער וואַנט, זיך געהיט זיך ניט צו פאַרנעצן און פון איר דאַרן בויך האָט זיך געטראָגן א פאַרשטיקט וואָרטשען.

דער מיטן מיש אין קאָפּ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי ער וואָלט צוגעהאַלטן ס'הינדל מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער אויס־געריסן א פּאָלקע. ס'האָט א שמעק געטאָן מיט געבראָטענער הון. די קאַץ האָט זיך צעמיאַוקעט. ער האָט זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין דער פּאָלקע, אָפּגעריסן א שטיק, פאַרביסן מיט ברויט, פאַרטרונקען מיט ביר און געקייט מיט ביידע באַקן, געקייט אַפן קול, זיך באַלעקט. די צונג האָט בא אים געאַרבעט מעשים.

אויס רעגן, אויס האַרטער שטיין, אויס פינצטערע נאַכט. דאָס מויל האָט גענומען וואַסערן באַם לאַנגן פאַרשוין. ער איז נאָך קיינמאָל אַזוי הונגעריק נישט געווען. און דאָ האָבן זיך געטראָגן ריחות, פליישֿ־ריחות, ס'האָט געשמעקט מיט געבראָטנס. דער הונגער איז נאָך געוואָרן שטאַרקער. ער האָט ווידער א הייב געטאָן דעם קאָפּ, צעעפנט די אויגן. דער צעוואַקסענער פאַרשוין האָט געקייט אַפן קול, האָט זיך באַלעקט. די קאַץ האָט זיך געריבן אַרום זײַנע פיס, געהויבן דעם עק ווי א לירע. דער לאַנגער פאַרשוין האָט געציטערט אין גאַנצן, פאַרגעסן, אַז דער צעוואַקסענער האָט א מיש אין קאָפּ, אַז דאָס טרייבט ער שפּאַס. דער לאַנגער האָט זיך געבעטן באַם צע־וואַקסענעם:

— גיב א שטיקל.

— נעם. וואָס בעטסטו? ס'איז אַזוי דיינס ווי מיינס, — האָט דער צעוואַקסענער אים געשטופּט אין די הענט אַריין. — דאָ האָסטו א געבראָטענע פּאָלקע, דאָ ברויט. עס, און אַז ס'וועט זיין ווייניק וועלן מיר באַשטעלן נאָך.

איצט האָבן שוין ביידע געקייט, ביידע האָבן פאַרביסן מיט ברויט, פאַרטרונקען מיט ביר. ביידע האָבן געגלעט די קאַץ איבערן רוקן. מיטאַמאָל האָבן זיך ביידע צעלאַכט, קינדעריש זיך צעלאַכט, וואָס אָנשטאָט צו עסן,

שפּילט מען זיך אין עסן. דער לאַנגער פאַרשוין האָט זיך אָפן אָרט אויס־גענינכטערט:

— מיר טרייסטן זיך מיט חלשות.

— און פון חלשות, — האָט דער צעוואַקסענער אָן אויפגעלייגטער צו־געגעבן, — איז נאָך קיינער נישט זאַט געוואָרן.

דער צעוואַקסענער איז בטבע געווען אַ פריילעכער, דער היפּוך פונעם לאַנגן פאַרשוין, בא וועמען אַ שמייכל איז זעלטן דערגאַנגען צום פּנים, שטענדיק ערגעץ אָפן וועג צערונען געוואָרן.

ס'איז אויסגעוואַקסן אַ דריטער פאַרשוין, וואָס האָט געטראָגן צוויי מאַנטלען, צוויי רעק, צוויי פּאָר הויזן. ער איז געווען ברייטער ווי העכער. איבערן רעכטן אַקסל איז בא אים געהאַנגען אַ זעקל מיט עסנוואַרג. אַלע דריי האָבן זיך אָנגעקוקט, ניט גערעדט צווישן זיך און זיך באַשמעקט מיט די נעז, ווי הינט. דער צעוואַקסענער האָט וואויל־ברודעריש אַ פרעג געטאָן דעם פאַרשוין מיטן זעקל:

— קאָנסט אָפּשפּאָרן אַ ביסל דרויב?

און איידער וואָס־ווען האָט ער אַראָפּגענומען פון יענעמס אַקסל ס'זעקל, עס געעפנט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני. אינעם זעקל איז געלעגן אַ גאַנצער רעסטאָראַן: געקאָכטע אייער, ברויט, זעמל, פלייש, אַפילו פּאָמע־ראַנצן. די צוויי פאַרשוינען, דער לאַנגער און דער צעוואַקסענער, האָבן געוויקלט ס'פלייש צווישן ברויט, ווי מען וויקלט־אויס אַ ציגאַרעט, אָנגע־שטאָפּט אַ פול מויל און באַטראַכט דעם דריטן:

— וואָס שווייגסטו? זעץ דיך צו און נעם עפּעס אויך אין מויל אַריין! זעסט־אויס נישט צו זיין קיין הונגער!

— איך? — האָט דער דריטער גענומען קנעפּלען די מאַנטלען, די רעק, — איך בין פונקט אַזאַ בירגער פון די פּאַראַייניקטע שטאַטן ווי איר. בירגער פון אַלע שטעט, פון אַלע פעלדער און וועלדער, און קיין אייגן געלעגער האָב איך נישט!

— דו רעדסט דאָך ווי אַ פּאָעט, — האָבן די צוויי פאַרשוינען געשלעפּט עסנוואַרג פון זעקל און געשטופּט אין מויל אַריין. — רעד ווייטער, רעד.

— איך? — האָט דער דריטער אַלץ געקנעפּלט די רעק, די וועסטלעך, געזוכט אין די בוזעם־קעשענעס. — איך קען נישט בלויז באַוושאָוערן, ראָזנפעלדן, פרוגן אַף אויסנווייניק, כ'קען אויך די גאַנצע ענגלישע פּאָעזיע

אַף אויסוויינִיק. און איר האָט געהערט פון באַוושאָווערן? געהערט פון ראָזנפעלדן?

— מיר, — האָבן שוין די צוויי חברה געהאַט איבערגעכאַפּט די הערצער, — מיר האָבן נישט געהערט. מיר לייענען נישט קיין ענגליש. מיר לייענען יידישע „פּייפּערס". און וואָס גייט אונדז אָן פּאָעזיע? מיר דאַרפן אַ טראַכט טאָן וועגן אַ נאַכטלעגער.

— איר, — האָט דער דריטער אַ נעם געטאָן ס'זעקל אָפּן אַקסל, — איר האָט שפּאָר אַריינגעאַכלט, חברה. איר האָט מיר געמאַכט אַ „שוואַרץ־שבת" אינעם זעקל. — איר זוכט אַ נאַכטלעגער? דאָ אין דער קיך שלאָף איך אַמאָל איבער.

— אַף צענטער גאַס?

— יאָ.

— קום, — האָט דער צעוואַקסענער אַ שלעפּ געטאָן דעם לאַנגן, — האָב נישט מורא. פאַרפירן וועט מען אַ מויד, ניט דיך.

צעקנייטשטע, דורכגענעצטע האָבן זיי זיך אַוועקגעשלעפּט. אַרום פינצ־טערן „האָיאַס" איז געבליבן די קאַץ, וואָס האָט געשניפּט מיט דער נאָז, אַרומגעשמעקט ס'פּלאַץ וואו די דריי „טרעמפּס" זיינען געשטאַנען. און דער רעגן האָט געטריפט, טעמפּ געקלאַפּט אין די גריבלעך וואַסער.

.1935

קיווקע גנב

נאָכן לוסטגאָרטן, וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען אַ צערקווע און היינט איז פון דער צערקווע געבליבן בלויז דער ציגלנער פונדאַמענט — דאָרט, צווישן שטיינער און ווילדע געוויקסן, איז געלעגן קיווקע גנב. לעבן אים — אַ רעקל. אַפן רעקל — אַ בלוי טוכן היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק. קיווקע האָט זיך געוואָרעמט. ס׳העמד אַרום האַלדז איז בײַ אים געווען צע־קנעפּלט. ער האָט הנאה געהאַט, וואָס די סעפּטעמבער־זון בריט נישט מער, וואָס אַרום איז אַזאַ בלויע רחבות. און אין דער רחבות, וואו עס טראָגן זיך אַלול־פעדים, הערט זיך ס׳געקלימפּער פון טרוקענע בלעטער, הערט זיך אַ ווייט געגודער פון ווילדע גענז.

וואוהין פליען די גענז?

פון דער בלויער רחבות, ווי פון אַ גוטן טרונק־בראָנפן, האָט קיווקע דערפילט, ווי הענט און פיס גיסן זיך אָן מיט גבורה. דאָס ליגן אין פעלד האָט אים אָנגעהויבן צו דערעסן. די פוילקייט האָט געהאַלטן אין אויס־וועפּן. ער האָט גרויס חשק געהאַט זיך צו לאָזן מיט די בערגלעך בלעטער, אַוועקצופּאַטשן פונעם שטעטל. און קיווקע האָט דאָ קיינעם נישט געהאַט, כאָטש ער איז געווען אַ געבירטיקער אַ מלאָווער.[1]

פאַר די אַכט יאָר, וואָס קיווקע איז ניט געווען אינעם שטעטל, האָט זיך אַלץ געענדערט, און צום ערגערן. אַז די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז קיווקע געזעסן אין אָדעס פאַר אויפהאַקן אַ קאַסע. און אַז מען האָט אים באַפרייט — איז שוין געווען נאָך דער מלחמה, ס׳איז געווען רעוואָלוציע. פיר יאָר האָט ער זיך געשלעפּט פון אָדעס קיין מלאָווע. ס׳האָט אים געצויגן אַהיים, וואו ער האָט געהאָפט צו טרעפן די אַלטע מאַמע, געהאָפט צו טרעפן מאַרילען, „ס׳גאָלדענע הענטל״, וואָס איז מיט אים געפאָרן אַף יאָר־מערק. די אַלטע מאַמע איז געשטאָרבן אין דער מלחמה, און מאַרילע, וואָס איז אים געווען געטרייער, ווי אַ לייבלעך ווייב, איז ווי אין וואַסער אַריין. דערצו אַזאַ דלות! פריער באַם רוס האָט די שטאָט געלעבט פון דער גרענעץ. מען האָט געמולכט פון פּרייסן זיידנס, ציגאַרן, בלאָזן אַקעווויט, זייגערלעך. מען

האָט „געשוואַרצט" קיין דייטשלאַנד פערד, פאַרשוינען, וואַגאָנען מעל. באַם פּאָליאַק האָט אַלץ אויסגעווירטשעפט. אויס מולכן, אויס שוואַרצן, אויס גרענעץ. דרייען זיך אַרום אַ שטאָט מיט מתים.

קיווקע וואָלט באַלד צומאָרגנס אַנטלאָפן פון מלאווע. האָט ער אָבער געוואָלט שטעלן דער מוטער אַ מצבה, געוואָלט בלייבן דאָ איבער די ימים נוראים.

פון לוסטגאָרטן האָבן זיך דערטראָגן קולות, פאַרשטיקטע קולות, ווי מען וואָלט עמיצן געשלאָגן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ ווייל און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט, אַ בייז בילן. נאָכן בילן — ווידער קולות.

קיווקע האָט זיך אַ האַסטיקן זעץ־אויף געטאָן. די בלויקייט האָט באַ אים צוגענומען די ראיה. ער האָט זיך געריבן די אויגן און זיך איינגעהערט. ס'געניטע אויער האָט אויפגעכאַפּט שטיקלעך געוויין. ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מען שלאָגט עמיצן, מען שלאָגט אַ ייִד.

ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך ס'רעקל, ס'היטל און זיך אַ לאָז געטאָן מיט די בערג בלעטער, וואָס זיינען געלעגן צווישן די קאַשטאַן־ביימער. מיטן לויפן איז אין אים געוואַקסן אַן אימפּעט. אָט איז ער שוין אין לוסטגאָרטן. ער קען דאָ יעדן בוים, יעדע אַלייע, יעדעס ווינקל און אונטערווינקל. דאָ האָט מען זיין פאָטער, אליה „ווילנער", דערהרגעט. פּויערים מיט דרענגער, מיט שטעקנס, האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, זיך געיאָגט פון אַלטן פערד־מאַרק, אים אַריינגעטריבן צווישן די קאָרטשעס, ווי מען טרייבט אַריין אַ וואָלף, און מיט די דרענגער, מיט די שטעקנס, אים אַוועקגעלייגט. דעם פאָטערס קולות, באַנומענע קולות, שטייען נאָך איצט באַ אים אין די אויערן. ווען איז דאָס געווען? מיט אַ קנאַפּ פערטל יאָרהונדערט קריק. קיווקע איז נאָך געווען אַ קינד, קיין זיבן יאָר נישט אַלט געווען. פאַר דער צייט האָט ער שוין נישט איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון שטעקנס, פון דרענגער. אַ מאַרק פּויערים יאָגן זיך נאָך דיר — כאַפּט אַ גנב, כאַפּט אַ גנב — און די ערד שפּאַלט זיך נישט אונטער דיר, ווענט צערוקן זיך נישט און ס'נעמט רעגענען מיט שטעקנס, מיט דרענגער.

אויף אַ זייטיק ווינקל איבער אַ באַנק איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענער ייִד. אַ רויטער הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע איז ער געווען גרייט זיך אַ וואָרף צו טאָן אויפן ייִד.

אַן אַ זייט איז געשטאַנען אַ געוויקסיקער פּאַליאַק מיט געלאַקטע וואָנסן, ווי פּייקעס. ער האָט גרויס נחת געהאַט וואָס דער כלב זייַנער איז גרייט צו דורסן אַ ייד. אַ וואָרט, צי אַ וואונק — און דער הונט וועט אומוואַרפן דעם ייד, וועט צערייסן אים די קאַפּאָטע, וועט אים אויסרייסן די באָרד. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס דער ייד האָט זיך געבעטן באַם גוי ער זאָל צונעמען דעם הונט. און אַז דער הונט האָט אָפּגעדעקט די שאַרפע, שפּיציקע ציין און זיך צעבילט, ווי אַ מלחמה־רוף, האָט דער ייד זיך צעשריגן מיט באַנומענע קולות.

פאַר קיווקען איז דאָס נישט געווען סתם קיין ייד. דאָס האָט ער מיט־אַמאָל דערהערט דעם אייגענעם פאָטער שרייען. ער איז אַנגעלאָפן אָפן פּאַליאַק מיט אַזאַ רציחה, אַז דער גוי האָט זיך גענומען רוקן אָף קריק. קיווקע האָט געגוואַלדעוועט:

— דו הינטישער זון, אַ ווינט דיר אין די חזירשע אויגן! וואָס ווילסטו פון דעם מענטש, אַ שטילן מענטש, וואָס דו רייצסט אָף אים אָן דיין הונט? שטייסט, דו פאַרזשאַווערטער קנאָפּ, און פרעגלסט זיך פון נחת, וואָס דער ייד שרייט! וואַרט, איך וועל דיך אַזוי אָוועקשטעלן, דו הינטישער עק, וועסטו איינמאָל אויסטאַנצן אַ מאַזורקע!

— און וואָס פאַר אַ „גרויסער פּאַן" ביסטו דאָס מיר, וואָס האָסט זיך אַזוי צעפּיסקעוועט? — האָט דער פּאַליאַק גענומען גיין אָף קיווקען.

אין דעם באַלעבאָס בייזערן זיך האָט דער הונט זיך אַנגעשטויסן, אַז מען דאַרף זיך וואַרפן אָף דעם נייעם פאַרשוין. און איידער דער הונט איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיך, האָט דער גוי געוויזן אָף קיווקען און שטיל דורך די ציין אַ צישע געטאָן:

— נעם אים, צעזאַר, נעם אים!

קיווקע האָט וואוילעריש אַ צי געטאָן איבערן קאָפּ דאָס טובענע היטל, פאַרשפּיליעט ס'געפּאַסטע רעקל אָף אַלע קנעפּלעך, ווי דאָס וואָלט אים צו־געגעבן גבורה, און איז געווען גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיטן הונט, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעלאָזט דעם ייד און זיך געקליבן אַ שפּרונג טאָן אָף קיווקען.

פון די צעוואָרפענע אַלייעס האָט זיך גענומען טראָגן אַ נייגעריקער עולם, זיך איבערגעוואָרפן לויפנדיק:

— מען שלאָגט?

— וועמען שלאָגט מען?

דאָס אַלץ האָט בלויז געדויערט אַ רגע. אין דער רגע האָט קיווקע אָפּ־געמאַכט בײַ זיך, אַז ער טאָר זיך נישט קיין ריר טאָן פון אָרט. טוט ער זיך אַ ריר — איז דער הונט אַף אים. ער האָט געקוקט אפן הונטס גרויסן בויך און ס'איז אים אויך איינגעפאַלן, אַז ס'איז נישט קיין יונגע סוקע. און ווי דער הונט האָט אויפגעכאַפּט די טריט פונעם עולם און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, איז קיווקע מיטן גאַנצן כח און אימפּעט פאַרפאָרן מיטן נייעם שוך דער סוקע אין בויך אַריין. פונעם קלאַפּ האָט זיך באַם הונט אין בויך ווי עפּעס אָפּגעריסן. דער הונט איז אַ פאַל געטאָן מיט פאַרוואָרפענע לאַפּעס.

דער פּאָליאַק איז אַ ווײַל געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, ווי נישט דער פרעמדער וואָלט דערהרגעט דעם הונט, נאָר אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. באַלד האָט זיך ארויסגערוקט אַ פאַרשוין.

— איך וואָלט דעם ייד נישט געשוויגן.

— ס'איז דען אַ ייד?

— ס'איז דאָך קיווקע גנב.

ערשט איצט האָט דער פּאָליאַק זיך געוואָרפן אַף קיווקען, וואָס האָט פאַר דער צייט אָפּגעבראָכן אַ צווייגל פון אַ בוים און מיט אַ דין, לאַנג מעסערל עס געשניצט. קיווקע מיט די איינגעפאַלענע באַקן, מיטן פאַרמעט־פּנים, איז געווען אַזוי רואיק, ווי נישט צוליב אים האָט זיך דער עולם גע־בונטעוועט. און אַז דער באַלעבאָס פונעם הונט האָט זיך געוואָרפן אַף אים, איז ער אַלץ געבליבן מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן בוים, זיך קיין ריר נישט געטאָן, בלויז ס'קלינגל האָט זיך געשניטן אין פייכטן האָלץ אַריין, ווי אין ווייסן קעז. ער האָט רואיק אַ זאָג געטאָן צום פּאָליאַק:

— דעם הונט האָב איך אָפּגעשלאָגן די געדערים און דיר וועל איך זיי אַרויסלאָזן, אָט מיט דעם מעסערל. נו, וואָס וואַרפסטו זיך נישט אַף מיר?

— מען וועט זיך וואַרפן, מען וועט זיך, — האָבן זיך פון אַלע זייטן געהערט קולות.

— וועסט האָבן אַן ערגערן סוף ווי דער הונט! ביסט געזעסן איבערן בלעכענעם עמער און וועסט ווייטער זיצן!

— אַזאַ גנב!

— אַזאַ ייד!

— ער האָט דערהרגעט סטאַשעווסקיס הונט!

דער רואיקער קיווקע איז מיטאַמאָל אומרואיק געוואָרן. ער האָט פון

דערוויטנס דערזעון ווי מען ברענגט א פּאַליציאַנט. ער האָט זיך א שאַר געטאָן פון בוים, איז אריין אין די קאַרטשעס, געוואָלט אַפּציען. פון דער זייט איז מען אים פאַרלאָפן דעם וועג, מען האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א שטעקן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון א ברי, און זיך געוואָרפן אַפן שייגעץ. ביידע זיינען א פּאַל געטאָן אַף דער ערד. ס'האָט גענומען רעגענען מיט שטעקנס, מיט שטיינער. אין די אויערן — באַנומענע קולות, דעם פּאָטערס קולות, וואָס איז אומגעקומען דאָ אין לוסטגאָרטן. די בלויע רחבות האָט גענומען איינלויפן, מיטגעבראַכט די אַלטע מאַמע, מיטגעבראַכט מאַרילען, „ס'גאָלדענע הענטל", זיך אָראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער, אים איינגעדעקט.

1937.

אין אַ רעגנדיקן אָוונט

וואָלף איז צוגעקומען צו דער וויליאַמסבורג בריק. דער דראָבנער רעגן, אַ קאַלטער, וואָס האָט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג נישט אויפגעהערט, איז גע־האָנגען איבער דער בריק, ווי אַ נעפּל. פּלעמלעך האָבן פון מאָל צו מאָל אַרויסגעטוקט פונעם נעפּל, באַלויכטן די שטאָלענע פּאַרענטשעס פון דער הענג־בריק, וואָס האָבן פון דערווייטנס אויסגעזען, ווי ריזיקע האַרפעס. פון די באַנען, טראַמוווייען און אויטאָמאָבילן האָט דער שטח אַרום דער בריק געציטערט. דער ציטער האָט זיך דערטראָגן צו וואָלפן און איבער זיין מיד אויסגעהונגערט לייב האָבן זיך גענומען שאַרן קאַלטע פינגער. אַ שוואַכקייט, ווי אַ ריח, האָט זיך געטראָגן פון אים. ער האָט איצט די אייגענע שוואַכקייט געקאָנט אָנטאַפּן.

— וואו גייט מען?

ווען אַהיימגיין האָט ער אפילו נישט געטראַכט. אייערנעכטן האָט אים די באַלעבאָסטע געלאָזט שטיין הינטער דער טיר, נישט אַריינגעלאָזט און געוואָרנט:

— כאָטש פאַר אַ חודש באַצאָל, אַז נישט וועל איך פאַרדינגען ס׳צימער.

וואָלף איז איר שולדיק געווען פאַר דריי חדשים. ער האָט די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיקט בײַ איין באַקאַנטן, די צווייטע נאַכט בײַ אַן אַנדערן און איצט האָט ער זיך געקליבן קיין וויליאַמסבורג, וואו עס האָט מיט אַ יאָר צוויי צוריק געוואוינט זיינס אַ ווייטער קרוב. בײַם קרוב האָט ער גערעכנט אָפּצועסן אָוונט־ברויט און בלייבן דאָרט נעכטיקן. וואָס מאָרגן וועט זיין, וואָס איבערמאָרגן וועט זיין, וועגן דעם האָט ער איצט נישט געטראַכט און נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט בלויז געהאַט איין זאָרג — ווי נאָך כאָטש מען זיך אַריבער די בריק? אַריבערפאָרן מיט אַ טראַם? ער האָט בײַ זיך נישט געהאַט קיין סענט. אַריבערגיין צופוס? די פיס האָבן זיך בײַ אים ניט געהויבן. און דאָ טראָגן זיך צו דער בריק צו אַזוי פיל אויטאָ־מאָבילן, אַזוי פיל לאַסט־וועגענער.

פון וואָלפס דורכגעריבענעם און אויסגעבויגענעם קאַפּעלוש־ראַנד, ווי

פון א רינע, האט זיך געגאסן וואסער אף זיינע אקסלען, אף זיינע עלנבויגנס. איבער די פיס, וואס זיינען געזעסן אין די צעפארענע שיך, האט זיך געהויבן א פייכטקייט. די נעץ האט זיך איינגעזאפט אין די פיס, ווי אין לעש־פאפיר.

וואלף, אן אויסגעוואקסענער פון די מלבושים, האט אויפגעשטעלט דעם קאלנער פון רעקל און איז אראפ פון דעם טראטואר. ער האט זיך אוועק־געשטעלט מיט עטוואס־צעשפרייטע פיס, די הענט איבערן קאפ, ווי מען וואלט אף אים געמאכט אן איבערפאל. אזוי, אף שטום־לשון, האט ער זיך געבעטן בא יעדן אויטאמאביל, וואס איז פארבייגעפארן, בא יעדן לאסט־וואגן, מען זאל אים מיטנעמען איבער דער בריק. קיינער האט זיך אף אים נישט אומגעקוקט, ווי מען קוקט זיך נישט אום אף א סטראשידלע, ווען ס'אויבס איז שוין אראפגענומען פון דיביימער.

ס'איז אנגעפארן א ליידיקער לאסט־וואגן. היגטערן אנטרייבער אף דער פלאטפארמע זיינען געשטאנען צוויי יונגען. זיי האבן גערעדט צווישן זיך און געלאכט. וואלף האט העכער א הויב געטאן די הענט, זיך געבעטן מיט א נעבעכדיק קול:

— נעמט מיך איבער דער בריק!

ער האט נישט געהערט, וואס מען האט אים געענטפערט, איז געווען אבער זיכער, אז מען הייסט אים זיך ארויפזעצן אף דער פלאטפארמע. ער איז געווארן בא זיך אויפגעהייטערטער. מיט אלע כחות האט ער זיך א כאפ געטאן מיט ביידע הענט פארן וואגן, געגומען נאכלויפן. אינמיטן לויפן האט ער זיך א הויב געטאן מיט די לעצטע כחות, זיך געוואלט אוועקזעצן. ס'איז אויסגעוואקסן א פוס. א פאדעשווע, ווי א ריב־אייזן, האט אים א וויש געטאן איבערן פנים. ס'לעצטע ביסל חיות איז אים אריין אין די אויגן, וואס האבן זיך געפלעמלט. פון וויטיק האט ער אפגעלאזט די הענט און איז א פאל געטאן פון וואגן. ער איז געפאלן מיטן פנים אראפ, זיך פארשפריצט די אויגן און געהערט, ווי די יונגען פלאצן פון געלעכטער.

וואלף האט זיך א ריס געטאן פון ד'רערד און בשעת מעשה זיך גע־חידושט פון וואנען ס'האבן זיך צו אים גענומען כחות זיך אויפצוהויבן. און איידער ער האט צייט געהאט אראפצוגיין פון דער גאס, האט א שאפער מיט א סקריפ אפגעשטעלט א מאשין און גענומען גוואלדעווען:

— אזוינער און אזוינער — אין טאטנס טאטן — וואס קריכט דער הינטישער זון אונטער די רעדער?

וואלף האט א שפרונג געטאן אפן טראטואר ארויף. ער האט זיך דער־

פּילט שולדיק, האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און די זידלערייען זיינען אַף אים געפאַלן ווי שטיינער. און אַז דער שאָפער איז אוועק מיטן אויטאָמאָביל און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן, ס'האָט זיך בלויז געהערט ס'טרייסלען פון דער בריק, דאָס קלאַפּן פונעם דראָבנעם רעגן, ערשט דעמאָלט האָט זיך אַ צעגליטער קנויל אַ הויב געטאָן וואָלפן אין האַלדז אַריין. עס האָט אים פאַרקוועטשט אַרום קאַרק, ווי מיט צוואַנגען. אַ באַליידיקונג, אַ טיפע באַליידיקונג, פאַר די צעריסענע שיך, פאַרן הונגער, פאַר נישט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ, און דער עיקר פאַרן פרעמדן פּוס, פאַר דער פרעמדער פאַרעשוועע, וואָס איז אים פאַרפאַרן אין פּנים אַריין. אָט די באַליידיקונג האָט איצט געריסן פון אים שטיקער, לעבעדיקע שטיקער. וואָלף האָט זיך צוגעשאַרט צו דער וואַנט און זיך צעוויינט. הויך, אַפן קול. ער האָט באַוויינט זיך, באַוויינט דעם מענטש, באַוויינט די חיה, וואָס זיצט נאָך אין מענטש.

און אַז דאָס קלעמעניש אַרום האַרץ האָט אויפגעהערט, איז אונטערגעקומען אַן איבערגעוואַקסענער פאַרשוין. ער איז פאַרבייגעגאַנגען וואָלפן איינמאָל, אַ צווייט מאָל, האָט אים געקוקט אין פּנים אַריין מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס איבערצייגן. דער פאַרשוין האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ נישט דרייסטער אים געפרעגט:

— וואָס איז אייך, לאַנדסמאַן?

וואָלף האָט אים נישט געענטפערט. דער פרעמדער איז געוואָרן דרייסטער, גערעדט, ווי צו אַ באַקאַנטן:

— ס'דאַרף שוין זיין גוט פּאַסקודנע אַפן האַרץ, אַז אַ דערוואַקסענער מענטש וויינט אין מיטן גאַס.

וואָלף האָט אַ וויש געטאָן די אויגן מיט די באַרעגנטע הענט און מיט חשד זיך אַ שליידער געטאָן אַפן פרעמדן:

— וואָס אַרט עס אייך?

— אַ מענטש ווייקט זיך אַפן רעגן, — האָט דער פרעמדער געזאָגט מיט אַזאַ וווייך קול, אַז די שטייפקייט אין וואָלפן האָט גענומען נאָכלאָזן, — איז אפשר האָט ער ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ?

— ער האָט טאַקע נישט!

— ר'זעט, כ'האָב געטראָפן — האָט דער איבערגעוואַקסענער פאַרשוין צעקנעפּלט אַף גיך דעם מאַנטל, דערנאָך דעם ראָק, זיך געדרייט אַרום וואָלפן, ווי אַרום אַ ייִנגערן ברודער. — און הונגעריק זענט איר דאָך אודאי אויך? טאָ קומט, קומט מיט מיר. כ'בין אויך אַן אַרבעטער, אַן אַרבעטער, וואָס

האט נאך דערווייל א שטיקל דאך איבערן קאפ. קומט, וועלן מיר צוזאמען עסן נאכטמאל.

פון די בלויזע רייד איז וואלפן לייכטער געווארן. ער איז נאכגעגאנגען דעם פרעמדן, וואס האט אים געהאלטן אין איין שטעלן קשיות:

— איר ארבעט שוין לאנג נישט?

— ס'צווייטע יאר.

— וואס זענט איר פון פאך?

— כ'וויס, א שטיקל גאלדשמיד, א שטיקל בריליאנטן־שלייפער.

— און איך ארבעט אין א מארקעט בא הינער, כ'פליק די פעדערן, — האט דער פרעמדער זיך אריינגעדרייט אין קלינטאן סטריט. — איצט, פאר די ימים־טובים, איז דא א סך ארבעט. כ'קאן אייך אריינגעמען צו מיר אין פלאץ. איר וועט מיר ארויסהעלפן.

וואלף האט געוואלט א כאפ טאן דעם פרעמדנס א האנט, אים דאנקען, האט דער פרעמדער אנגעכאפט וואלפן פאר די אקסלען און איז מיט אים אריין אין א פינצטערן קארידאר.

— אט דא וואוין איך. ס'איז פינצטער, גיט אכטונג, איר זאלט זיך קיין קלאפ נישט טאן. ווארט, איך וועל אייך פירן.

די הילצערנע טרעפן, געבויגענע, האבן געקרעכצט. זיי זיינען ארויף אפן דריטן שטאק. דער פרעמדער האט געעפנט א טיר און אריינגעלאזט וואלפן. ס'איז געווען א קיך, וואו אין דער מיט איז געשטאנען אן אייזערנער אויוון, א צעפלאמטער. עס האט געשמעקט מיט געפרעגלטע פיש, מיט קרופניק, מיט נאסע וועש. בא א קליין טישל זיינען געזעסן דריי קינדער, איינס קלענער פונעם צווייטן, און האבן געגעסן. די דריי קינדער האבן מיט־אמאל אויסגעשריען — „דער טאטע!" דערנאך האבן זיי דערזען דעם פרעמדן און זיינען אנטשוויגן געווארן. די פארהארעוועטע פרוי, וואס האט זיך געפארעט באם אויוון, האט א דריי געטאן דעם קאפ צו דער טיר און זיך א ווארף געטאן מיט רוגזה:

— ער האט מיר שוין געבראכט אן אורח!

דער באלעבאס, וואס האט שוין געהאט אראפגעווארפן פון זיך דעם מאנטל, געהאט צוגעפירט וואלפן צום אויוון, און אליין האט ער געשלעפט פון די הענט פעדערן, האט בארואיקט ס'וייב:

— ס'איז נישט קיין אורח, לאה, ס'איז מיין ארויסהעלפער. באקענט אייך. מיר האבן היינט געהאט א שווערן טאג ארבעט און מארגן וועט נאך

זיין שווערער. פיר פאַרטאָג דאַרפן מיר שוין זיין אין מאַרקעט. וואָלף וואוינט אין די בראָנקס, אַזאַ מהלך, וועט ער היינט באַ אונדז איבערנעכטיקן.
דער בליק באַ דער פאַרהאַרטעוועטער פרוי איז געוואָרן ווייכער. זי איז אַף גיך פאַרטיק געוואָרן מיט די קינדער, האָט באַזעצט ביידע מאַנצבילן באַ צוויי הייסע שיסלען קרופניק און אַליין איז זי געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, זיך צוגעהערט, ווי די פרנסה־געבער הויבן די לעפל, זופן מיט אַ פייף.

1936.

טרעמפּס

א ווייכער שניי האָט זיך געלייגט איבער טאָל און באַרג, אַפּגעווישט וועג און שטעג, און געצונדן אין די אויגן א בלענדעניש.

ס'איז געווען א שטיק נאָכמיטאָג. באַם ברייטן אָלבאַני־וועג איז געשטאַנען א הויכער, עטוואָס געבויגענער פאַרשוין. געשטאַנען, ווי א פאַרשנייטע סטראַשידלע, וואָס מען האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען נאָכן זומער. איז אָנגעפאָרן אַן אָטאָמאָביל, האָט די סטראַשידלע זיך א צי געטאָן, אויפגעהויבן ביידע הענט און איז געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעבויגענער קרייץ:

— נעמט מיט אַן אָרעמען יונג!

ניט בלויז האָט זיך קיינער נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אַז מען האָט אים דערזען פון דערווייטנס, אַזאַ ווייסע גרייס, האָט מען פון אומהיימלעכקייט וועגן זיך שנעלער פאַרבייגעטראָגן מיט דער מאַשין.

אַזוי איז דער פאַרשוין אָפּגעשטאַנען איבער א האַלבע שעה. דער צעקרומטער קאַפּעלוש, דער צעפלויגענער מאַנטל, די הויזן — איין שטיק שניי. בלויז אַרום די צעפּאָרענע שיך האָט דער שניי זיך געשמאָלצן, זיך געקליבן אַרום די פיס, ווי א שוואַרץ וואַסערל.

פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן א געלעכטער. דער פאַרשוין האָט זיך א לאָז געטאָן מיטן אָלבאַני־וועג, איז געווען זיכער, אַז איצט וועט מען אים אַרויפנעמען. ס'געלעכטער האָט זיך דערווייטערט, איז צעשוואומען. ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז ס'אייגענע קול האָט געקלונגען פרעמד, ווי מען וואָלט עס געוויקלט אין וואַטע.

ס'איז אָנגעפאָרן א פאַרמאַכטער אָטאָמאָביל. דער פאַרשוין האָט א הויב געטאָן ביידע הענט. דער אָטאָמאָביל האָט גענומען פאָרן פּאַמעלעכער. דער אָנטרייבער האָט אַרויסגעשטעקט דורכן אָפענעם פענצטער א קאָלט, שטאָלן פּנים, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן:

— וואָס, ס'האָט זיך דיר פאַרגלוסט מיטצופאָרן? וועסט שוין גיין צו־פוס, וועסט גיין!

און ווי דער פאַרשנייטער פאַרשוין האָט זיך א בויג געטאָן צום אָנ־

טרייבער, האָט די מאַשין זיך אַזאַ האַסטיקן טראַג געטאָן, ווי זי וואָלט עפּעס מיטגעריסן פונעם פּאַרשוין. ער האָט פון גרויס כעס אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ שטיין און אים נאָכגעשיקט אינעם אַטאָמאָביל אַריין, וואָס איז פאַרשוואונדן.

פון אַ זייטיק וועגל איז אָנגעקומען אַ מיטל־יעריק מענטשל, וואָס איז געווען ברייטער, ווי העכער. ס'מענטשל איז אונטערגעקומען און פאַרריסן צום פּאַרשוין דעם קאָפּ:

— איך וואָלט אַ שיק געטאָן דעם שטיין אין זיין הינטיש פּרעסער אַריין, ווען ער האָט געהאַלטן אין אָפּשטעלן די מאַשין, נישט ווען ער איז מיט איר אַנטלאָפן. זיי זיצן בײַ די אַטאָמאָביל־רעדלעך, די אָנגעבלאָזענע לונג־און־לעבערס, קוקן זיי אַף אונדז, פוסגייערס, פון אויבן אַראָפּ! אַ זאַווערוכע זיי אין די אויגן! און דו, ביל, רעכנסט זיך נאָך היינט מיטצוכאַפּן קיין ניו יאָרק? שלאָג עס דיר אַרויס פון קאָפּ! ווי דער אָוונט פאַלט צו, וועט דיך קיינער נישט אויפנעמען. דערצו — האָט דאָס מענטשל זיך אַ שטעל געטאָן אַף די שפּיץ פינגער און אָפּגעמאָסטן מיט אַ האַנט דעם פּאַרשוין — ביסטו זיך אַליין מיט אַ קאָפּ אַריבערגעוואַקסן, שרעקסט איבער מענטשן. אַזאַ אַריבערגעוואַקסענער רעטעך, ווי דו, דאַרף זיך באַזאָרגן מיט אַ פּאָר שפּאַקולן, מיט אַ לעדערנער ביכער־טעקע. שפּאַקולן איז די זיכערסטע קמיע — זיי פאַרטרייבן שרעק און רופן אַרויס דרך־ארץ. ווען איך האָב דיין געשטעל, ביל, מיט אַ פּאָר שפּאַקולן אַף דער נאָז, מיט אַ ביכער־טעקע אונטערן אָרעם, אַזוי, מען זאָל מיך נעמען פאַר אַ פּראָפעסאָר, וואָלט איך זיך נישט געוויילקט דאָ אין שניי. איצט, ברודער, וועסטו אָנקומען צו מיר נאָך אַ נאַכטלאָג.

— וואָס, דו וואוינסט דאָ ערגעץ? — האָט דער פּאַרשוין אַראָפּגערעדט צום מענטשל.

— ווען איך וואוין דאָ, ביל, וואָלט איך ניט בלויז דיך פאַרבעטן אַף נאַכטלאָג, איך וואָלט דיך אויך מכבד געווען מיט אַ גוטן נאַכטמאָל, מיט אַ הייס לעפל געקעכץ, מיט אַ גוטן שנאַפּס. אַזוי, ברודער פרעמדער, וועלן מיר ביידע איבערנעכטיקן אין איינער פון די רייכע באַנגעלאָס, וואָס שטייען באַם „בלו רידזש" טייך.

— זיי שטייען דען אָפן?

— פרעג נישט, קום!

ס'מענטשל איז געגאַנגען אַף אַ פריער. דער פּאַרשוין — נאָך אים. ס'וועגל איז געווען אַ שמאָלס, ס'האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף, דערנאָך —

באַרג־אַראָפּ. פון ביידע זייטן — ווייסע, צעקרימטע ביימער מיט צווייגן, ווי פאַרשנייטע לאַפּעס. און פאַר די אויגן — וויאַטראַקעס, וואָס מאָלן און זיפּן, שפּרייטן ווייסע פּלאַכטעס, גלייכן אוים וועג, טייך, לאָנקע.

א הונדערט פוס פונעם וועגל זיינען געשטאַנען צעוואָרפענע באַנגע־לאָס. ס׳מענטשל איז אַרויף אַף א ברייטער וועראַנדע. נאָך אים — דער פאַרשוין. ס׳מענטשל האָט זיך אַרומגעקוקט, געווען בייז, וואָס דער שניי לאָזט נישט נאַכט ווערן, און א פרעג געטאָן דעם פאַרשוין:

— דו זעסט די צווייטע באַנגעלאָ?

— כ׳זע נישט.

— גוט.

דאָס מענטשל האָט אַרויסגענומען פון א זייטיקער קעשענע א שטיקל לעדער, וואו ס׳זיינען געווען צוגעטשעפּעט אַף האָקעס וויטריכעס צו עפענען שלעסער, א צווענגל, א קליין האַנט־זעגל, בוירערס. ער האָט מיט א וויטריך לייכט געעפנט איין טיר, א צווייטע. ער איז אַריין אין דער באַנגעלאָ, נאָך אים — דער פאַרשוין. ס׳איז געווען פינצטער. און אַז מען איז געשטאַנען א ווייל, צוגעוואוינט די ראיה צו דער פינצטערניש, האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן — א טיש, א קאַנאַפּע, א פּיאַנאָלע.

ס׳מענטשל האָט דורכגעניִשטערט אַלע צימערן, געעפנט די שענק, די שופלאָדן. ער האָט גאָרנישט געפונען. אַרום דעם פאַרשוין, וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האָבן זיך גענומען ציען ריטשקעלעך. ס׳מענטשל האָט פון זיך אָפּגעשאָקלט דעם שניי. ער האָט פאַרריסן ס׳פּנים, א זויער פּנים, צום פאַרשוין און געוויזן אַפן מעבל:

— פאַר איין פּלייש־סענדוויטש שענק איך דיר אוועק ס׳גאַנץ ביסל בעבעכעס! וואָס, דו ביסט גאָרנישט הונגעריק?

— כ׳האָב א פונטיק ברייטל — האָט דער פאַרשוין אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן נאָסן מאַנטל א לענגלעך ברייטל, עס צעבראָכן אין צווייען און איין העלפט געגעבן דעם מענטשל. — נאַ, עס!

— און א סיגאַרעט אויך?

— דאָס נישט.

— אָן א סיגאַרעט איז פּאַסקודנע, — האָט ס׳מענטשל זיך געלאָזט אין א רעדל. — ווייסט גאָר וואָס? מען דאַרף זיך אַריבערכאַפּן אין אַנדערע באַנגעלאָס.

— נישט איך, — האָט דער פאַרשוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם

קאפּעלוש, דעם מאַנטל און גענומען אויסטאָן די שיך. — אבי א דאך איבערן קאָפּ, איז ברויט מיט וואַסער א גוטע וועטשערע.

ס'איז געוואָרן פינצטערער. דער פּאַרשוין האָט זיך פאַרקליבן אַף דער קאַנאַפּע, געקניפּט פונעם ברייטל שטיקער, געקייט און געפילט, ווי ס'פינצטער־ניש רוקט זיך אַף אים. ס'פינצטערניש, וואָס האָט שוין געהאַט איינגעשלונגען דעם טיש, א האַלבע פּיאַנאָלע, האָט זיך גערטראָגן אַפן פּאַרשוין. ער האָט זיך אי געשראָקן, אי געוואָרט ס'פינצטערניש זאָל שוין אים אויך איינשלינגען, זאָל אים באַפרייען פון די שטיקלעך מורא, וואָס זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון אים, געמאָנט, ווי ס'מאָנען הונגעריקע שטוב־חיות. אינעם מידן, פאַר־נעפּלטן מח זיינען געשטאַנען פינצטערע קאָרידאָרן, פינצטערע פּראַכט־וואַגאָנען, פון וואַנען מ'האָט אים געטריבן, מען האָט אים געשליידערט אינ־מיטן באַן־געלויף. ער האָט אויפגעציטערט. דאָס טרוקענע ברויט האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אונטערן האַרץ און יעדער שלוקערץ זיינער האָט אָפּ־געהילכט אין דער ליידיקער באַנגעלאַ.

ס'האָט זיך געהערט א קלאַפּ אַף דער וועראַנדע. דער פּאַרשוין האָט פון שרעק אויפגעהערט צו שלוקערצן. ער האָט א כאַפּ געטאָן די שיך מיטן קאַפּעלוש, זיי איינגעוויקלט אינעם מאַנטל און איז גרייט געווען זיך ארויס־צושאַרן פון דער באַנגעלאָ. ס'מענטשל האָט זיך צעשריען:

— דו, איבערגעוואַקסענער, וואו ביסטו? כ'האָב דורכגעזוכט אַלע באַנגעלאָס — קיין לעק שנאַפּס. דאָס זיינען הינטישע זין, נישט קיין מענטשן. ווען ס'מזל שפּילט מיר צו און איך האָב א זומער־וואוינונג, וואָלט איך אַפן ווינטער איבערגעלאָזט א פּאָר פלעשלעך שנאַפּס, א וואורשט. ס'וועט פאַרבלאָנדזשען א הונגעריקער טרעמפּ, וועט ער זיך ס'האַרץ אָפּכאַפּן און דיך בענטשן, און אַזוי — א לופט זיי אין די אוינן, א זאַווערוכע אין די נעדערים. וואָס, שלאָפסט שוין?

— כ'שלאָף נאָך נישט, — האָט דער פּאַרשוין זיך קריק צוגעשאַרט צו דער קאַנאַפּע, אונטערגעלייגט ס'פּעקל צוקאָפּנס און זיך אויסגעצויגן.

— אז דו שלאָפסט נישט, פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט דאָס מענטשל זיך צוגעשאַרט צו דער פּיאַנאָלע. — וואָס טוסטו מיט די אַלע רייד, וואָס קלייבן זיך אין דיר? ס'ווילט זיך דיר נאָרנישט רעדן?

— ניין, ס'ווילט זיך נישט.

— הערסט, ביל, אַלץ וואָס איז איבערגעוואַקסן טויג נישט — א רעטעך, א מער, אפילו א טרעמפּ. ווי כ'זע, וועסטו שוין קיין וועלט נישט איבערקערן.

— ניין, כ׳וועל נישט איבערקערן.

— כ׳ווייס, אז דו וועסט נישט איבערקערן, — האט ס׳מענטשל א שפיי געטאן אין דער ריכטונג פון דער קאנאפע מיט אזא רוגזה, אז דער פארשוין האט זיך א כאפ געטאן מיט די הענט פארן פנים.

ס׳איז געווען שטיל, אזוי שטיל, אז מען האט געהערט ווי דער ווייסער שניי פאלט אף די שויבן. אין דער פינצטער האט ס׳מענטשל מיטאמאל גענומען אנדרייען די פיאנאלע. ער האט לאנג געדרייט, געשאלטן און געדרייט, און מיטאמאל האט די פיאנאלע זיך צעזונגען:

"Take me in your arms,
Before you take your love away . . ."

דער פארשוין איז אראפ פון דער קאנאפע. ער איז געשטאנען מיט אן אפן מויל, מיט נאך ברייטערע צעעפנטע אויגן. און אז די פיאנאלע האט אויפגעהערט זינגען, האט ער זיך געבעטן באם מענטשל:

— דריי נאך אמאל אן, בילי, כ׳בעט דיך — נאך אמאל!

ס׳מענטשל האט אנגעדרייט, און אז די פיאנאלע האט זיך צעזונגען, האבן ביידע טרעמפס מיטגעזונגען:

"Take me in your arms,
Before you take your love away . . ."

1935.

אַ שיך־פּוצער

באַם סאַבוויי־אַריינגאַנג אַף דער זעקס־און־ניינציקסטער גאַס איז ער געשטאַנען. זיין געשטעל און הילוך האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און אַ קוק טאָן אַף אים. אַ הויכער, איבער זעקס פוס, מיט שמאָלע, עטוואָס געבויגענע פּלייצעס. די בלאָנדע האָר, גלייכע, לאַנגע, זיינען געפאַלן איבערן קאַרק, ווי באַ יעזוסן. דאָס פּנים — לענגלעך, קרענקלעך, ווי ער וואָלט געהונגערט. און אין די אויגן — גרינלעכע אויגן, ווי וואַסער־פּלאַנצן — שנאה און ביטול צום אַרום, צו די אויסגעשמירטע אינגלעך, די שיך־פּוצערס, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט יעדן פאַרבייגייער, אים געשלעפּט צו זיך:

— שיין, מיסטער, שיין! פינף סענט אַ שיין!

דער פאַרשוין איז אויך געווען אַ שיך־פּוצער. מ'האָט עס דערקענט אין די מכשירים, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים — אַ קליינע איינלייג־שטול, אַ פוס־בענקל, אַ קעסטל מיט באַרשטן, מיט בערשטלעך, מיט שמירעכצן. ער האָט אָבער קיינעם נישט גערופן. פאַרקערט, די פאַרבייגייער האָבן זיך נאָך געפילט שולדיק, וואָס אַ מענטש מיט אַזאַ פּנים, מיט אַזוינע האָר, מיט אַזאַ הייך, פּוצט גאָר שיך. זיי האָבן אים אויסגעמיטן. און אַז ער איז אָפּגעשטאַנען אַזוי אַ שעה אָדער צוויי און קיינער איז צו אים נישט צו־געקומען, האָט ער פון פאַרדרוס זיך אַוועקגעזעצט אַפן פוסבענקל מיטן פּנים צו דער ליידיקער איינלייג־שטול און מיט די פּלייצעס צו דער סאַבוויי, צו דער גאַס, צו די פאַרבייגייער.

אָן אָטעם בין איך אַרויס פון דער פאַרשטיקטער סאַבוויי. אַ חמימה, וואָס האָט זיך גיכער געפּאַסט פאַרן סוף יולי, ניט פאַר אָנהויב יוני, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. אינגלעך, שיך־פּוצער, האָבן מיך אַרומ־גערינגלט מיט זייערע מכשירים־קעסטלעך. איינער, אַן אויסגעשמירטער, האָט מיר געוויזן אַף מיינע שיך, וואָס זיינען געווען פאַרשטויבט.

— איר דאַרפט אַ שיין. און אַז איך פּוץ אָפּ אַ פּאָר שיך, קען מען זיך שפּיגלען אין זיי. איינגאַנצן פינף סענט.

מיין בליק איז געפאלן אפן איבערגעוואקסענעם שיך־פוצער, האט זיך פארטשעפעט אן זיינע בלאנדע האר. מיך האט געחידושט, וואס ער זיצט מיטן פנים צו דער וואנט און מיט דער געבויגענער פלייצע צו די פארביי־גייער. כ׳האב א פרעג געטאן באם יינגל:

— וואס זיצט ער אזוי?

ס׳יינגל האט ארויסגענומען א ניקל פון מויל, אים געריבן אין די הויזן. דערנאך האט ער זיך צוגעלייגט א פינגער צום שטערן:

— ער האט א מיש אין קאפ. וואו ער זעט א לידי, איז זי זיין געוועזן ווייב.

דער פארשוין, ווי ער וואלט געהערט, אז מען רעדט וועגן אים, האט א דריי געטאן צו מיר מיט דעם קאפ. דאס פארכמורעטע פנים, די אויגן גרין ווי גאל — אלץ האט געהאט צו זאגן: וואס קוקסטו אף מיר, ווי אף א בייז־וואונדער?...

איך האב זיך פארלוירן. כ׳בין געבליבן א ווײלע שטיין נישט אהין, נישט אהער. דאס אויסגעשמירטע יינגל האט שוין געהאט א שטעל געטאן לעבן מיינע פיס זיין מכשירים־קעסטל. דעם פארשוינס בליק האט מיך אבער נישט אפגעלאזט. איך האב זיך א שאר געטאן פונעם יינגל, וואס האט מיר נאכגעשיקט א קללה און כ׳בין צוגעגאנגען צו דער איינלייג־שטול. און אז כ׳בין שוין געזעסן, כ׳האב שוין געהאלטן דעם רעכטן פוס אפן אייזערנעם שוך־פורעם, האט דער פארשוין מיך א פרעג געטאן:

— א שיין?

— איר טוט דען עפעס אנדערש? — האב איך אים געפרעגט.

איבער זיין לענגלעך פנים האט זיך צעלייגט א שמייכל, פארטריבן די שנאה און דעם ביטול פון די גרינע אויגן. ער האט געזוכט אין דעם קעסטל, גענומען פון דארט שלעפן בארשטן, בערשטלעך, פלעשלעך און שאכטעלעך. ער האט אלץ געטאן אומגעלומפערט. וואס ער האט נישט גענומען אין די הענט אריין, איז עס בא אים ארויסגעפאלן. ער האט געזאגט:

— די ערשטע פאר שיך, וואס איך פוץ היינט אפ.

— שלעכטע צייטן, — האב איך געפרואווט פארציען א שמועס, — מען שפארט א סענט, מען פוצט זיך אליין די שיך.

— מען מיידט מיך אויס, — האט ער גערעדט ווי צו זיך. — צי מיין פנים געפעלט נישט, צי מיין גרייס, ווי ס׳זאל נישט זיין, פילט זיך א דער־וואקסענער מענטש בעסער, ווען א יינגל פוצט אים די שיך.

און דער פארשוין איז גערעכט געווען. ווי ער האט עס ארויסגעזאגט, איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם, וואָס זעקם פוס מענטש האָט זיך געשטעלט אף די קני, איז געלעגן ארום מיינע פיס און געארבעט איבער מיין שוך דאָ מיט א בארשט, דאָ מיט א פלאַנעלנעם באַנד, וואָס האָט געקנאַלט אינעם פוצערס הענט, אַנגערירט און נישט אַנגערירט ס'לעדער. איך האָב א זאָג געטאָן:

— ווי כ'זע, זענט איר פארן קריזים נישט געווען קיין שיך־פוצער?

— איך? — האָט ס'אויסגעהונגערטע פנים זיך א הויב געטאָן, אונטער־געטראָגן א סוד, — כ'בין געווען א לערער. כ'האָב אין א פריוואַט־שול געלערנט מיט קינדער געשיכטע.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט אפן פוסבענקל, א הויב געטאָן די בארשט און ווייטער גערעדט:

— כ'האָב זיי געלערנט, אַז מלכים, פויפּסטן, שטאַטסלייט, אַז מלחמות געפירט איבער א קרוין, צי איבער א טראָן, אַז געזעצן, וואָס קעניגן האָבן געמאַכט — דאָס אַלץ, האָב איך געלערנט מיט די קינדער, איז נאָך נישט קיין געשיכטע. וואו איז דער פאָלקס־מענטש? וואו זיינען די פאָלקס־מאַסן? וואו איז דער גרויסער אַנאָנים — דער אמתער טרעגער און שעפער פון געשיכטע?

— ווילט איר זאָגן, אַז דערפאַר האָט מען אייך אָפּגעזאָגט פון אייער שטעל? — האָב איך אים איבערגעריסן.

— מען האָט מיר אָפּגעזאָגט, ווייל כ'האָב געהאַט מיין אייגענע מיינונג, — האָט ער אפן קול א זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט ניט גערעדט בלויז צו מיר, נאָר צו א גרויסן עולם. — אין די פּאַראייניקטע שטאַטן קען בלויז דער האָבן א מיינונג, ווער עס איז פאַרזאָרגט, ווער עס דאַרף נישט אָנקומען צו יענעם. קומסטו אָן צו יענעם — האָב יענעמס מיינונג. אַזוי ציט זיך עס א גאַנץ לעבן. קליינערהייט האָב איך געמוזט האָבן מיין מוטערס מיינונג. אין שול — דעם לערערס מיינונג. און נישט אַזוי דעם לערערס, ווי די מיינונג פון דעם אָנגענומענעם טעקסטבוך. שפּעטער, ווען כ'האָב זיך געקליבן חתונה האָבן, זיינען די עלטערן געווען דאַגעגן. מיין פאָטער, אַן אירלענדער, וואָס ציט זיין יחוס פון הענרי דעם אַכטן, איז צו מיר געקומען א וואָך פאַר דער חתונה:

— עדגאַר, מיר געפעלט נישט דער שידוך.

— כ'האָב אָבער ליב ס'מיידל, — האָב איך געזאָגט.

— נישט איך, — האט ער זיך געבייזערט אף מיר. — איר פאטער, איר מוטער, זי אליין — קיינער פון זיי הויבט מיר נישט אן צו געפעלן. און אויב דו וועסט זיך איינשפארן, ביסט פון קינדווייז אן אן עקשן, און דו וועסט מיט איר חתונה האבן, ביסטו מער מיין זון נישט און איך בין נישט דיין פאטער. — און ער האט געהאלטן ווארט. כ'בין זיך שפעטער צעגאנגען מיט מיין ווייב און דער פאטער האט מיך נישט געוואלט זען. ער האט געהאלטן באם שטארבן און ער האט מיך נישט געוואלט זען. און אלץ דערפאר, וואס כ'האב חתונה געהאט מיט א מיידל, וואס איז מיר געפעלן און נישט אים.

— און פארוואס זענט איר זיך צעגאנגען מיטן ווייב? — האב איך אים איבערגעריסן, און בשעת מעשה זיך געחידושט, פארוואס ער נעמט נישט אפפוצן מיין צווייטן שוך.

— ווידער ס'זעלבע, — האט ער א שמייכל געטאן. — מיין ווייב, מערין, איז געגאנגען אין לעבן כ'זאל זיך איבערבעטן מיט די עלטערן. זי איז אויך אן אירלענדערן, האלט שטארק פון יחוס. און ווי זי האט זיך דאס איבערגענומען, וואס מיין פאטער שטאמט פון הענרי דעם אכטן. נישט איך! ווייל איך האב פיינט יחוס, האב פיינט טיטולן. בא מיר איז אויסגעקומען, אז מערי האט נישט מיט מיר חתונה געהאט, נאר מיט מיין יחוס. בין איך זיך צעגאנגען מיט איר. און כ'בין זיך מודה, אז קיין זאך האט מיר אזוי נישט וויי געטאן, נישט דער ברוגז מיט די עלטערן, נישט דאס וואס איך האב פארלוירן מיין לערער־שטעל, ווי דאס זיך פאנאנדערגיין מיט מערין. זי איז געווען פון די געציילטע מענטשן, וואס האבן געהאט אן אייגענע מיינונג. כ'האב זי נאך איצט ליב. כ'האב זיך אבער נישט געקענט העלפן. איר איז געגאנגען אין לעבן מיך איבערצומאכן, האט געוואלט פון מיר, פון עדגארן, מאכן א מערי. דאס נישט! ס'איז נאך דערווייל נישט געבוירן געווארן אזא מענטש, וואס זאל עדגארן איבערמאכן. אט דאס איז מערי, אט גייט זי — האט ער מיטן פינגער מיר געוויזן אף א דאמע, וואס איז ארויס פון סאבוויי, און ס'פנים האט בא אים אויפגעלויכטן.

אליין האט ער זיך גענומען צו דעם צווייטן שוך. ער האט זיך געבויגן. די בלאנדע האר זיינען זיך צעפאלן איבערן קארק, איבער די פלייצעס. כ'האב געקוקט אף דער דאמע. עס איז שווער געווען צו זאגן, צי זי איז אין די דרייסיקער, צי אין די פערציקער. דאס זיידענע געבלימלטע קלייד איז לייכט געפאלן פון די אקסלען. איבער די שווארצע האר — א ברייטער שטרויענער

קאַפּעלוש. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן שיך־פּוצער, אויף מיר, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן, און איז פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער גאַס. כ׳האָב זיך געקווענקלט — זאָל איך אים גלויבן, צי זאָל איך אים נישט גלויבן? ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, איז געשטאַנען איבער מיר. איך האָב זיך געכאַפּט, אַז דער צווייטער שוך איז שוין אויך אָפּגעפּוצט. און אַז איך האָב אים באַצאָלט, האָב איך צוגעגעבן:

— מערי איז אַ שיינע!

— אודאי אַ שיינע, — איז זיין פּנים געוואָרן יינגער, — מיך אָבער וועט די שענסטע נישט קענען ברעכן. וויל מען האָבן אַן אייגענע מיינונג, דאַרף מען דערפאַר באַצאָלן מיט טאַטע־מאַמע, מיט אַ שטעל, אפילו מיט אַ ווייב, וואָס מען האָט ליב.

אין אַ העק

פון צווישן די בערג, וואו אַ קאַלטער, שטילער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זיך געצויגן אַ פּאַסיקל רויך. אַ פאַרשנייט שטיבל, וואָס איז געשטאַנען אין טאָל, האָט זיך אַרויסגעזען. דזשאַן בידלאַק, אַ שטיקל פּאַרמער, אַ שטיקל האָלץ־העקער, האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם קעפּ איבער די אויגן און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם הענטל פון דער האַק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָט ער זיך איינגעקוקט אין דעם אַרום. בערג,ביימער, שניי. דאָ אַ שטיבל, דאָרט אַ שטיבל, און אַרום די שטיבלעך — אומהיימלעכקייט און טרויער. דער קאַנאַדער ווינטער, וואָס האָט זיך פרי אָוועקגעשטעלט, דער געמישטער וואַלד וואָס האָט זיך געצויגן אַף מײלן, די נאַקעטע שטילקייט, און דער עיקר, דאָס נישט דערעסן צו דער זאַט — אַלץ האָט דזשאַנען פאַרסמט דאָס לעבן. דערצו איז זיין עליזאַבעט געווען אַף דער צייט, האָט זיך יעדן טאָג געריכט מיטן דריטן קינד אין קימפּעט אַריין.

דזשאַן האָט פעסט פאַרצויגן אַרום זיך די שטריק, פאַרשטעקט אַהין די האַק און מיט עטוואָס געבויגענע אַקסלען זיך געלאָזט אַהיים.

מיט זיבן יאָר צוריק האָבןביידע געאַרבעט אַף אַ רייכער פאַרם. זומער האָט דזשאַן — אַ פּאָליאַק אין די צוואַנציקער — געאַקערט, געזייט, גע־שניטן. ווינטער — אַראָפּגעהאַקט ביימער. עליזאַבעט — אַ געוויקסיקע אירלענדערן מיט גרינע אויגן און אַ פאַרריסענער נאָז — האָט אַ פעליק יאָר געמאָלקן קי, געוואַשן וועש, געקאָכט און זיך אַרומגעשלעפּט מיט פּיטן — אַן אירלענדער, וואָס האָט געאַרבעט אַף אַ שכנישער פאַרם. דזשאַן האָט זיך מיט עליזאַבעטן נישט געקאָנט צונויפרעדן. אַף שטום־לשון האָט ער איר געהאָלפן אַרויסוואַרפן ס'בהמה־מיסט, געהאָלפן איבערזייען די מילך. ער האָט געליטן, שטאַרק געליטן, ווען די מויד איז אין די לאַנגע ווינטער־דיקע אָוונטן פאַרשוואונדן מיט פּיטן. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. מיטן פרילינג האָט עליזאַבעט זיך גענומען שאַרן צו דזשאַנען. פּיטן האָט די נכפה געגעסן. צוויי מאָל האָט ער זיך געוואָרפן אַפן פּאָליאַק, זיך געוואָרפן מיט אַ האַק. דזשאַן איז אים בייגעקומען. פּיטן האָט מען

אהיימגעפירט אין אַ וועגעלע. דזשאַן האָט זיך געטראָגן מיטן אַקער־אייזן, מיט דעם פּאָר פערד, זיך געטראָגן ווי מיט אַ שיף איבער דעם שוואַרצן, אויפגעריסענעם שטיק ערד. אַזוי פון באַגינען ביז פאַרנאַכט. דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט דזשאַן געוואַרט אויף עליזאַבעטן, געוואַרט אויף איר, וואָס ער האָט צעשלאָגן פּיטן. ס'איז געווען פינצטער. דאָס צעאַקערטע פעלד האָט זיך געצויגן ווי אַ טייך. די לופט איז פול געווען מיט עליזאַבעטן. און נישט בלויז די לופט. דזשאַן אַליין איז פול געווען מיט איר. און דאָרט וואו מען געווינט ליבע מיט אַ האַק, זיינען רייד איבעריק. דער מענטש רוקט זיך צוריק אויף אַ הונדערט טויזנט יאָר, אויף אַ מיליאָן יאָר. אָנשטאָט ווערטער, אָנשטאָט רייד, ווערן הענט פאַרשטענדלעך, באַקומט דער מענטש צוריק זיין האַנט־לשון. דזשאַנס הענט — שטאַרקע, דרייסטע — האָבן זיך געשאַרט פון עליזאַבעטס האָר אויף איר פּנים. פונעם פּנים צו די קני. ביידע האָבן זיך געקייקלט אין דער אויפגעריסענער ערד, אַריינגעזאַפּט אין זיך דאָס שטומע געשריי פון די צעאַקערטע פעלדער, דאָס נאָך שטומערע געשריי פון די בערג. דזשאַן, וואָס האָט צעאַקערט די פעלדער, האָט אויך יענע נאַכט עליזאַבעטן צעאַקערט. אַז זי האָט אים געבוירן די ערשטע טאָכטער, האָבן זיי שוין געהאַט זיך אויסגעבויט אין די בערג אַ שטיבל. הינטערן שטיבל — אַ שטיק לאַנד פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, אַ שטיק לאַנד פאַרזייט מיט תבואה. מיט די אייגענע קאַרטאָפל, מיטן אייגענעם ביסל מעל האָט מען זיך ווי עס איז דערנערט ביז ניי־יאָר. דערנאָך האָט מען צוגעהונגערט. און אַז פּיט, וואָס האָט נאָך אַלץ געאַרבעט אויף דער רייכער פאַרם, איז געקומען מיט אַ זעקל מעל, מיט אַ פלאַש בראַנפן, האָבן די מאַנסבילן זיך אָנגעשיכורט, זיך געממיתט, ווייל פּיט האָט נאָך אַלץ געגלוסט צו עליזאַבעטן. דער חוב אויפן שטיבל, אויפן שטיקל ערד, איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. פאַר דער צייט איז צוגעקומען נאָך אַ קינד — ווידער אַ מיידל — און איצט ריכט זיך עליזאַבעט מיטן דריטן אין קימפּעט אַריין.

אויפן הויף האָט דזשאַן מיט איין האַנט אַראָפּגעלאָזט די האַק אויפן אויס־געשטשערבעטן קלעצל. די האַק איז געבליבן שטעקן מיט אַ פאַרריסן הענטל. פון שייער, וואו ס'פערד איז געשטאַנען, איז אָנגעלאָפן מיט גרויס שמחה אַ קודלאַטער הונט. דזשאַן האָט געגומען אין אָרעם האַלדז און איז אַריין אין שטוב.

די קינדער, איבערגעשראָקענע — זעקס און פיר יאָר אַלט — זיינען אים באַפאַלן.

— די מאַמע איז קראַנק.

— דזשאָני, — האָט ס'ווייב, וואָס איז געלעגן אין בעט, אים גערופן, — כ'האָב אַ גאַנצן נאָכמיטאָג ווייען. שפּאָן איין ס'פערד און וועגעלע און פאָר אַריבער נאָך דער אַלטער מיסעס פּוירקינס.

ער האָט נישט געענטפערט. מענטשן, וואָס וואוינען אין אַ העק, שווייגן. ער האָט אַראָפּגענומען פון אויוון אַ טעפּל געקעכץ און קאַלטערהייט עס אויפגעגעסן. די רציחה אין אים האָט זיך געהאַלטן אין טאַמעווען. ער האָט נישט געקענט הערן, ווי עליזאַבעט קרעכצט און אַראָפּגענומען פון דער וואַנט ס'געשפּאַן. ס'האָט פון אים אַרויסגעבלעזלט:

— מעג אַליץ פאַרברענט ווערן!

ער האָט אַ שליידער געטאָן פון זיך די טעכטער, וואָס האָבן זיך אים געדרייט הינטער די פיס, איז צוגעגאַנגען צום ווייב און ס'האָט גענומען אַ ווייל ביז די ווערטער האָבן זיך באַ אים אויסגעשטעלט. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום ווייב מיט רציחה:

—כ'פאָר נאָך דער „באָבע", — נאָר אויב דו גייסט מיך ווידער באַגליקן מיט דעם יוקס — און ער האָט אָנגעוויזן אַף די מיידלעך — וועל איך אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און מער נישט צוריקקומען!

די ווערטער זיינען געפאַלן ווי אַ מלחמה־רוף, אָנגעיאָגט אַ שרעק, ניט אַזוי אַף עליזאַבעטן, ווי אַפן עלטערן מיידל. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן דריי פּאָר אויגן נאָכגעקוקט דזשאָנען, ווען ער האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. די נאַכט איז צוגעפאַלן. די שיין פונעם צעברענטן אויוון האָט באַלויכטן אַ האַלבע שטוב.

ווי דזשאָן איז אַרויס מיטן פערד־און־וועגעלע פון הויף, זיך געהאַט אַריינגעדרייט צו די בערג, וואו דער פּראָסט האָט געביסן, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ פאַרשוין:

— האַלאָ, דזשאָן!

— האַלאָ, פּיט! וואו שלעפּסטו זיך אַזוי שפּעט?

פּיט האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. ער איז געווען אָרנטלעך שיכור. ס'מויל צעקרימט, די אויגן גלעזערנע און די צונג האָט זיך געפּלאָנטערט:

— כ'וויל באַ דיר איבערנעכטיקן, דזשאָן.

— נישט היינט, פּיט.

— אין שייער.

— נישט היינט.

— זיי נישט קיין הינטישער זון, דזשאָן, — האָט דער שיכורער פּיט געדעדט צו זיך. — עליזאַבעטן האָסטו באַ מיר צוגענומען, איבער דיין שוועל לאָזסטו מיך נישט, זיי נישט קיין הינטישער זון, דזשאָן.

— קריך אַרויף אַפן וואָגן, וועל איך דיך צופירן אַהיים, — האָט דזשאָן אַ זאָג געטאָן.

— נישט מיט דיר, הינטישער זון! — איז פּיט געוואָרן קריגעריש. — נישט מיט דיר, חזירשער פּאָליאַק!

— טאָ וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג?

— כ׳גיי, כ׳גיי, — האָט פּיט זיך צעוואַקלט.

דזשאָן איז אַראָפּ פון וועגעלע. ער האָט נאָכגעקוקט פּיטן. און אַז פּיט איז פאַרשוואונדן, איז דזשאָן צוריקגעלאָפן צו זיך אין שטוב אַריין. ער האָט אָנגעזאָגט מיט רוגזה:

— דער שיכור, פּיט, דרייט זיך דאָ אַרום! אויב ער וועט אָנקלאַפּן, לאָזט אים נישט אַריין.

די קינדער האָבן נישט געענטפערט. עליזאַבעט האָט דערפילט אַ הייסע קנויל אין האַלדז. זי האָט געהערט, ווי דזשאָן פאַרשליסט דעם שייער, לאָזט אָפּ דעם הונט פון דער קייט, געהערט ווי ער גייט אַרוים פון הויף. און פּיט?

אַ קאַלטער ווינט האָט זיך געריסן אין די פענצטער, אין קוימען, אין די טירן.

— מען קלאַפּט? — האָט עליזאַבעט אַ הויב געטאָן די אויגן צו דער טיר. — דאַכט זיך, מען קלאַפּט!

— קיינער קלאַפּט נישט, מאַמע, — האָט ס׳עלטערע מיידל באַרואיקט עליזאַבעטן. — ס׳איז דער ווינט. און אַז פּיט וועט טאַקע אָנקלאַפּן, מאַמע?

— אַז פּיט וועט אָנקלאַפּן? — האָבן די גרינע אויגן זיך צעפלעמלט.

— אַז פּיט וועט אָנקלאַפּן, וועלן מיר אים אַריינלאָזן!

פּיט האָט נישט אָנגעקלאַפּט. די ווייען זיינען געוואָרן אָפטער, זיינען געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אַ פּאַרע.

עליזאַבעט האָט שויז געהאַט פאַרגעסן ווען די ווייען האָבן זיך אָנגעהויבן. ס׳איז געווען טאָג, גרויסער טאָג, דערנאָך איז געוואָרן טונקעלער. איצט איז שוין נאַכט. ס׳פייער אין אויוון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, באַלויכטן בלויז עטלעכע שפּאַן. די קינדער זיינען איינגעשלאָפן. אַף די

שויבן האָט זיך געקליבן אַ ווייסער פּראָסט. די שטילקייט, אַ נאַקעטע, איז געוועזן אַלץ טיפער. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט.

דערנאָך איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן. אין דעם סקריפּ, אין דעם פערד־טראָט, האָט עליזאַבעט דערקענט, אַז דזשאַן קומט צו פאָרן. זי האָט זיך דערפרייט. דער הונט האָט זיך אויך דערפרייט. אין דעם בילן איז געוועזן בלויז הכנעה. ס'איז אָבער מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דער וואָגן איז נישט דערפאָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דזשאַן איז אַראָפּ פון וואָגן, דערנאָך די מיסעס פּוירקינס. דער הונט האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און זיך צעבילט אומגעהאַריש, זיך צעבילט אַפן שטיקל לבנה. דזשאַן האָט געציילט די ווערטער:

— ס'איז פּיט. ווי שטייף ער איז!

— ער איז געפרוירן, — האָט די אַלטע מיסעס פּוירקינס צוגעגעבן , — כאָטש כ'הער ווי עפּעס קלאַפּט.

— טאַקע ס'קלאַפּט.

די זקנה האָט זיך נאָכאַמאָל אַ בויג געטאָן איבער פּיטן און אַרויס־געשלעפּט פון זיין וועסטל־קעשענע אַ זייגערל. דאָס זייגערל האָט געקלאַפּט:

— טיק־טאַק, טיק־טאַק.

.1936

באַם איסט ריווער

צווישן שפּייכלער־געביידעס, וואָס האָבן געגלאָצט מיט פאַרהאַקטע פענצטער צום איסט ריווער, האָט זיך קוים אַרויסגעזען אַ שמאָל דריי־גאָרנדיק הויז. די ווענט — אָפּגעבליאַקעוועט, די שויבן אין די פאַרמאַכטע פענצטער — פאַרמאַזשעט און געלאַטעט. דאָס שמאָלע הויז האָט אויך אויסגעזען ווי אַ שפּייכלער. אין דעם טונקעלן קאָרידאָר—קיין בריווקעסטלעך, קיין גלעקלעך, קיין נעמען. האָט מען געעפנט די קאָרידאָר־טיר, האָט אַ שלאָג געטאָן מיט הערינג, מיט טערפּעטין, מיט אָפּפאַל פון איסט ריווער. אַ הילצערנע טרעפּ, אַ צעפּאָרענע, האָט געפירט פון איין גאָרן אָפן צווייטן. און ווי מען האָט זיך געהויבן מיט די טרעפּ האָבן זיך די ריחות געביטן. דער ערשטער שטאָק האָט געשמעקט מיט הערינג, דער צווייטער — מיט טערפּעטין, און דער דריטער גאָרן, וואו דריי שכנים האָבן געוואוינט, האָט יעדן טאָג געביטן די גערוכן לויט די מאכלים.

די שכנים — אירלענדער, איטאַליענער, יידן — וואָס האָבן זיך כמעט ווי נישט געקענט צונויפרעדן, האָבן געלעבט צווישן זיך ווי אַלטע באַקאַנטע, ווי קרובים. יעדער איינער האָט געוואוסט דעם צווייטנס יחוס, געוואוסט פון וואַנען מען שטאַמט, געוואוסט וואָס ס'האָט יעדן איינעם געטריבן קיין אַמעריקע און וואָס מען האָט שוין אין אַמעריקע מיטגעמאַכט. און דאָס צונויפרעדן זיך איז געווען אַ געמיש פון ענגליש, איטאַליעניש און יידיש. מען האָט זיך בעסער צונויפגערעדט מיט די הענט, מיט די אויגן, ווי מיט די מיילער. און אַז באַ דער איטאַליענערן איז אוועקגעפאַלן אַ קינד, און דאָס גאַנץ אָפט, ווייל זי האָט געהאַט זיבן שטיק, איינס קלענער פונעם אַנדערן, איז זי געלאָפן צום ייד, אים געבעטן ער זאָל איר באַרגן די מזוזה פון דער טיר. זי האָט געגלויבט, אַז די מזוזה פאַרטרייבט יעדע חולאת. און דער ייד האָט געקרעכצט און געבאַרגט. דער ייד, אַן עלטערער, מיט אַ גרוי בערדל, מיט גוטע, בלויע אויגן, האָט געפירט ס'ווירטשאַפט, צוגעגרייט עסן פאַר זיינע צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געניייט אין אַ שאָפּ העמדער. באַטאָג איז דער ייד געווען דער איינציקער מאַנסביל אינעם גאַנצן הויז. דער

אירלענדער און דער איטאַליענער האָבן געאַרבעט אין פּאַרט, אַנגעלאָדן און אויסגעלאָדן שיפן.

ס'איז געווען פּריטיק נאָכמיטאָג. דער ייד, אַן א ראָק און אָן א קאַפּל, איז געזעסן אין דער אָפענער טיר. ער האָט געהאַלטן צווישן די קני א הילצערנע, קײלעכדיקע שיסל און מיט א האַקמעסער געהאַקט פיש אויף שבת. די איטאַליענערן, ברייטער ווי העכער, אַנגעטאָן אין שוואַרצן, איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און געהעקלט א שאַל. זי האָט זיך צוגעהערט צו דער אירלענדערן, א הויכע, דאַרע זקנה, וואָס האָט פון אינעווייניק געעפנט די טיר און קוים אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. פון דער צעעפנטער טיר האָט א שלאָג געטאָן מיט יאָדעפאָרם. אַז די אירלענדערן האָט שוין געהאַט אָפּגערעדט א פּאָר מינוט, האָט די איטאַליענערן, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איר, זיך איבערגעפרעגט :

— איז וואָס זאָגט דער דאָקטאָר ?

— דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דאָס זיינען פּאָרווייען, וואָס א קימפּעטאָרן האָט באַ אַן ערשטלינג. פאַרקערט, אַזוינע ווייען ווייזן אויף א גרינג האָבן. און האָבן ס'קינד וועט זי ערשט מאָרגן צי איבערמאָרגן.

פון דער קוים צעעפנטער טיר האָט זיך געטראָגן א קרעכצן. צום ערשט אָפּגעהאַקט, ווי די ווייען וואָלטן די קימפּעטאָרן מיטאמאָל באַפאַלן און באַלד נאָכגעלאָזט. דאָס קרעכצן האָט זיך יעדע ווײַלע איבערגעריסן, אַזוי געבליבן ערגעץ שטעקן, און פון איין קרעכץ צום צווייטן איז אין קאָרידאָר געבליבן שטיין עפּעס שפּיציקס און שטעכעדיקס.

אי דער ייד, אי די איטאַליענערן האָבן געוואוסט, אַז בעסי דאַרף זיך ריכטן אויף א שווער האָבן. זי איז שוין געווען אין די פערציקער. דערצו א גאַסן־מיידל, וואָס האָט יאָרן אויפגענומען האָפן־אַרבעטער און מאַטראָסן, אויסגעהאַלטן זיך און די זקנה, א ווייטע קרובה אירע. א האָפן־אַרבעטער, בעסים א שטאָם־גאַסט, האָט מיט איר חתונה געהאַט. קיינער פון די שכנים האָט נישט געגלויבט אַז בעסי וועט פאַרגיין אין טראָגן. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז זי וועט עפּעס געבוירן. און אַז דאָס קרעכצן האָט גענומען קומען עפטער, האָט דער ייד אַוועקגעשטעלט די שיסל פיש און האָט זיך אָנגערופן :

— מען דאַרף שיקן נאָכן דאָקטאָר.

— ראָז, — האָט די איטאַליענערן א רוף געטאָן איר עלטסטע טאָכטער,

א צוועלף־יעריק מיידל, וואָס איז געזעסן אין שטוב און געמאַכט די שול־אַרבעט, — גיכער, ראָז!

א מיידל, מיט גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן, די שוואַרצע האָר צעפּאַטלט, איז אַרויס פון שטוב. זי האָט א קוק געטאָן אף די שכנים, אף דער מוטער, דערהערט דאָס קרעכצן און איינגערוימט דער מוטער אין איטאַליעניש, איינגערוימט מיט א פאַרשטיקט געלעכטערל:

— וואָס, מאַ, בעס גייט טאַקע צו־קינד?

— לויף אַריבער נאָכן דאָקטאָר, — האָט די מוטער גערעדט אירס, — ער זאָל גלייך קומען. זאָג, אז בעס גייט צו־קינד.

— כ'שעם זיך.

— גיי, זיי נישט קיין ציג.

— און אז דער דאָקטאָר וועט נישט זיין?

— ער וועט זיין! נו, גיי!

ס'מיידל האָט געקלאַפּט מיט די שווערע שיך איבער די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געוויגט און געקרעכצט. פונעם אָפּטן רעדן אין שטוב, אז בעסי וועט שווער גיין צו־קינד, אז בעסי איז נישט זיכער מיטן לעבן, — פון די אַלע רייד האָט דאָס צוועלף־יעריק מיידל זיך געטראָגן אַן איבערגעשראָקענע. זי איז אַרויס אף דער גאַס. ס'איז איר אַנטקעגנגעקומען א מיטל־יעריקער מאַטראָז. ער האָט געטראָגן א פּאָר בלויע ברייטע הויזן, א בלוי געפּאַסט העמדל, אויסגעשניטן אַרום האַלדז. אפן קאָפּ — א בלוי היטל מיט א טראָלד. ער האָט זיך געטראָגן אף א זייט, ווי ער וואָלט נישט געגאַנגען אפן טראָטואַר, נאָר איבער א שיף־דעק, ווען דער ים איז שטורעמדיק. ס'מיידל האָט געוואָלט אויסמיידן דעם מאַטראָז. ער האָט זי אָפּגעשטעלט און אַליין איז ער געבליבן שטיין אַן אויסגעצויגענער, ווי פאַר א קאַפּיטאַן. ער האָט זיך צערעדט:

— דאָ, מיס, לעבן דער פופצנטער גאַס, איז מיט יאָרן צוריק געשטאַנען א דריי־גאָרנדיק הויז. כ'קאָן עס נישט געפינען. זאָל מען עס האָבן אַרונטערגעריסן?

— אפשר דאָס? — האָט ס'מיידל אים געוויזן אפן הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

דער מאַטראָז האָט זיך איינגעקוקט, איינגעקוקט, דערנאָך אַרויסגענומען די פּיפּקע פון מויל און אויסגעשפּיגן:

— ווער וויים עס? וואוינט אַמאָל דאָ א מיס בעס?

— בעס וואוינט, אָבער זי איז נישט קיין מיס, — האָט ס'מיידל געקוקט דעם מאַטראָז אין די אויגן אריין, גרינגע אויגן איבער אַ פּנים צעפּאַטשט פון ווינט. — בעס האָט אַ מאַן.

— איז עס נישט די, — האָט דער מאַטראָז אריינגעזעצט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. — האָפּן־מיידלעך האָבן נישט חתונה, און די בעסי, וואָס איך זוך, איז אַ קליינע, אַ בלאָנדע. כ'האָב זי שוין יאָרן נישט געזען, זיך געוואָלגערט אין מיטללענדישן ים, בין געווען אין אַלעקסאַנדריע, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. כ'האָב בעסן פון דאָרט געבראַכט אַ מתנה.

דער מאַטראָז האָט געקלימפּערט מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, האָט ארויסגענומען אַ שנירל בורשטינען, גאָלדיק ווי האָניק. ער האָט די בורשטינען צוגעלייגט צו דער צוועלף־יעריקער מיידלס האַלדז און אַ זאָג געטאָן:

— די בעס האָט געוואוינט מיט אַ קרובה, אַ זקנה, דאַכט זיך מיסעס קריין.

— די זקנה וואוינט אַפן דריטן שטאָק, — האָט ס'מיידל אָנגעהויבן.

— טאָ וואָס שווייגסטו, מיס? — איז דער מאַטראָז אריין דעם מיידל אין די רייד און האָט זיך מער נישט צוגעהערט, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן.

מיט דעם געבויגענעם גאַנג, ווי ער וואָלט געשפּרייזט איבער אַ דעק פון אַ שיף, האָט דער מאַטראָז זיך געלאָזט צום הויז. ער האָט זיך געהויבן פון איין שטאָק אַפן צווייטן. די ערשטע, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט, איז געווען די איטאַליענערן:

— וועמען דאַרפט איר?

— וואוינט דאָ אַ מיסעס קריין? — האָט דער מאַטראָז אַ שפּאָרן צי געטאָן פון דער פּיפּקע.

מיסעס קריין האָט ברייטער צעעפנט די טיר און זיך איינגעקוקט ווער ס'פרעגט אַף איר. דער מאַטראָז האָט זי דערקענט און איר געגעבן די האַנט:

— האַלאָ, מיסעס קריין! איר דערקענט מיך? פאַר דער צייט האָב איך זיך אויסגעוואָלגערט אינעם שוואַרצן ים, אינעם מיטללענדישן ים, כ'בין געווען אין אַלעקסאַנדריע, אין קאַירע, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין פּאָרט־סאַאיד און וואו בין איך נישט געווען? און וואָס מאַכט בעס? כ'האָב פאַר איר אַ מתנה.

— בעס האָט חתונה געהאַט, — האָט די אַלטע אַ צי געטאָן די טיר צו זיך, איז געווען גרייט צו פאַרמאַכן די טיר. — זי נעמט נישט מער קיין מתנות.

דער מאַטראָז האָט קונציק אַריינגעשטעקט אַ פוס אין דער אָפענער טיר, מען זאָל זי נישט קאָנען פאַרמאַכן. ער האָט אַרויסגענומען די פּיפּקע פון מויל און זיך געבעטן בא דער זקנה:

— דו, באָבעשי, וועסט זאָגן בעסן, אַז כ'האָב פאַר איר אַ מתנה, אַ מתנה אַזש פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וואָס איז די באָבעשי בייז? זיי נישט בייז, באָבעשי, וועסט אויך קריגן אַ מתנה, וועסט קריגן אַ טערקישן שאַל.

— ווער דאַרף דיין שאַל! — האָט די אַלטע אַ שלעפּ געטאָן די טיר. — גיי, זאָגט מען דיר!

— אויב כ'וועל נישט זען בעסן, גיי איך נישט.

— וועסט גיין! — האָט די אַלטע גענומען רייסן צו זיך די טיר. — וועסט גיין, דו געזאַלצענער הערינג!

בעסי האָט זיך צעקרעכצט. דאָס איז גענוג געווען. די איטאַליענערן איז אַריין צו זיך אין קיך, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ טאָפּ און זיך פאַרמאָסטן אָפן מאַטראָז:

— וועסט גיין?

די זקנה האָט שוין נישט געטריבן. זי האָט דעם מאַטראָז געשלאָגן מיט אַ בעזעם, אים געיאָגט פון די טרעפּ:

— אַזאַ געזאַלצענער הערינג! אַזאַ ים־מויז!

דער מאַטראָז האָט אָפּגעצויגן, איבערגעלאָזט אַף די טרעפּ זיין בלוי געשטריקט היטל מיט דער טראָלד.

.1936

דער נייַער טעסטאַמענט

די פענצטער פון דער קעלער־שטוב זיינען אַרויס אין אַ שמאָלן, טונקלען הויף, וואו צווישן באַרלס אַש און אָפּפאַל האָבן זיך שטענדיק גענאָגט קעץ.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג און די זון האָט זיך נאָך נישט געהאַט פאַרקליבן אין הויף אַריין. די פינף־שטאָקיקע ווענט, פאַרקאָפּטשעטע, האָבן פאַרשטעלט די ליכטיקע שיין און אין קעלער־שטוב איז געווען אַזוי טונקל, ווי ס'וואָלט איצט געגומען טאָגן. אַפילו ס'אָנגעצונדענע עלעקטרישע לעמפּל, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע אויף אַ שטריקל, האָט נישט פאַר־טריבן פון די צימערלעך ס'חושך. די צעעפנטע זעק שמאַטעס, די רעשטלעך און ראַמשן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבערן דיל, אויף בענקלעך, די קאָלירטע טאַשמעס און בענדלעך, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט — אַלץ האָט, ווי לעש־פּאַפּיר, אַריינגעזאַפּט ס'ביסל ליכט, וואָס האָט געטריפט פונעם לעמפּל, איז קוים געפאַלן אויפן אויסגעשאָטענעם זאַק קנעפּ.

אַרום די קנעפּ אויף אַ זאַק שמאַטעס איז געזעסן די קליין־געוואַקסיקע מירל. רעכטס פון מירלען — איר צוועלף־יעריקע חנה, לינקס — איר ניין־יעריקער וועלוול. די קינדער האָבן אויסגעסאָרטירט די קנעפּ, אָפּגעקליבן די ביינערנע באַזונדער, די פּערלמוטערנע באַזונדער. די קליין־געוואַקסיקע מאַמע, מיטן צעקנייטשטן קינדישן פּנים, האָט אויפגענייט די קנעפּ אויף טאָוועלעך, זיי אויפגעפּאַסטריגעט מיט צוגעמאַכטע אויגן און צום צענטן מאָל דערציילט די קינדער אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין דער ווילדער אַפריקע, ווי שוואַרצע מענטשנפרעסער האָבן געפאַנגען אַ ווייסן רייזענדן. און ווי זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך אים אויפצועסן, האָט דער ווייסער זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר כאָטש, אַז איך בין גאָט, אַז איר קלייבט זיך אויפצועסן גאָט?

— גאָט? — האָבן די ווילדע מענטשנפרעסער גענומען טאַנצן אַרום דעם ווייסן. — גיב אַ צייכן, אַז דו ביסט גאָט!

און אַז די קליינע מאַמע איז געווען גרייט צו דערציילן, ווי דער ווייסער

האָט אַרויסגענומען זײַנע אַרײַנגעשטעלטע צײַן און געזאָגט צו די מענטשנ־פּרעסער: „נו, פּרואווט איר אַרויסנעמען אײַערע צײַן! איר קאָנט ניט!" — פּונקט דעמאָלט האָבן בײַדע קינדער, חנה און וועלוול, זיך אַ צי געטאָן צו דער מוטער, איר פֿאַרשטעלט מיט די הענט ס'מויל, זיך געבעטן בײַ איר:

— מאַמע, זאָל ער זיך אָפּשנײַדן אַן אויער, זאָל ער זיך אָפּשנײַדן די נאָז, אַבי ער זאָל נישט אַרויסנעמען די צײַן, נישט די צײַן! און דערצייל שוין אונדז אַ נײַע מעשה!

אַלע דרײַ האָבן זיך צעלאַכט, זיך אַזוי צעלאַכט און מיט אַזוי פֿיל טרערן, אַז אין קעלער־שטוב איז ליכטיקער געוואָרן. וועלוול, אַ געליימטער, האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף אַלע פֿיר צו דער מוטער, וואָס האָט זיך געווישט מיט די קלײנע פֿויסטלעך די אויגן, געשטיקט אין זיך ס'געלעכטער. ער האָט כּלומרשט געהאַט טענות צו דער מוטער:

— גענוג שוין מיט די מענטשנפֿרעסערס! האָסט דאָך הײַנט געבראַכט פֿון דער ביבליאָטעק נײַע ביכער! לייען פֿאַר אונדז פֿון די נײַע!

— און ווער וועט אויפֿציִען די קנעפּ אויף די טאָוועלעך?

— אַ קונץ אַ גרויסע! — האָט וועלוול מיט גרויס געשיקטקייט אין די פֿינגער אויפֿגעצויגן אויף אַ טאָוועלע אַכט קנעפּלעך און עס אונטערגעטראָגן דער מוטער מיט אַ מינע, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: נישטאָ זיך מיט וואָס איבערצונעמען.

— וואָס? — האָט חנה זיך אויפֿגעשטעלט. — די מאַמע האָט געבראַכט נײַע ביכער?

חנה מיט וועלוולען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום בעט, וואָס איז נאָך נישט געווען אויפֿגעבעט. זיי האָבן געוואוסט, אַז די מוטער פֿאַרשטופּט די ביכער אונטערן מאַטראַץ, אונטער די קישנס, באַהאַלט זיי פֿון געוואוינהייט, כאָטש דער טאַטע שטערט איר נישט.

די געוואוינהייט איז בײַ מירלען פֿאַרבליבן פֿון קלײנערהייט אָן. זי געדענקט, ווי איר פֿאָטער, אַ הייסער חסיד, האָט אַמאָל אָנגעטראָפֿן זײַן איין־און־איינציקן זון זיך מחן איבערן „כוזרי". דער פֿאָטער האָט מיט גרויס ביטול אַ זאָג געטאָן פֿאַרן גאַנצן בני־בית:

— און אַז מײַן בן־יחיד לערנט „כוזרי", איז וואָס? ס'קומט בײַ אים סײַ־ווי־סײַ אַרויס „קיז — רוי!"

פֿון דעמאָלט אָן האָט מירלס ברודער זיך גענומען היטן פֿאַר טאַטע־מאַמע, געלייענט ספֿרים הינטער אַ פֿאַרקײַטלטער טיר, פֿאַרבאַהאַלטן אַ ספֿר

אונטער דער שאנק. מירל האט נאכגעשפירט דעם ברודער, געוואוסט, וואס ער לייענט. און אז ס'איז געווען א יידיש ביכל, האט זי עס אליין אויך געלייענט. איינמאל האט זי אפערגענומען פון אונטער דער שאנק דעם „ברית־חדשה". זי האט געוואלט א שליידער טאן פון זיך ס'ביכל. פון גרויס שרעק האבן די הענט זיך גענומען בא איר טרייסלען. אזוי האט עס אנגעהאלטן עטלעכע מינוט. פון דעמאלט אן איז די שרעק אריין אין מירלען, האט זיך באזעצט אין איר. זי האט נאך שטארקער גענומען נאכקוקן דעם ברודער, זיך גע־חידושט, וואס ער איז אזוי אפגעהיט, דאוונט אזוי פרום און לייענט דעם „ברית חדשה".

און פון שרעק האט'זי גענומען נאכטאן דעם ברודער. מיידלווייז האט זי זיך געהיט פאר טאטע־מאמע, נאך דער חתונה — פארן מאן, פאר שבתין.

מיט יארן שפעטער, ווען שבתי האט אראפגעבראכט ס'ווייב קיין ניו יארק, זיך באזעצט מיט איר און מיט דער צוויי־יעריקער חנהן אין דעם טוכלען קעלער, איז מירל פארגאנגען אין טראגן. וועלוול איז געבוירן גע־ווארן א געליימטער. שבתי האט געזען אין וועלוולס שלאקרירעקע פיס א צייכן פון גאט. דאס שטראפט אים גאט, ער זאל זיך נישט איבערנעמען מיט זיין פרומקייט, מירל זאל אויפהערן לייענען די טריפענע ביכלעך. און אז שבתי האט עס געזאגט מירלען, האט זי אויסגעביטלט צו זיין קאפ, צו זיין לייב און לעבן. זי האט אף אים אויסגעגאסן די תוכחה — אזוי און אזוי, צדיק מיינער, אזוי און אזוי, חסיד מיינער — דאס האסטו מיט דיין „חצות" אפריכטן, מיט דיין נאסן קעלער געמאכט וועלוולען פאר א קאליקע.

נאכדעם ווי זי האט זיך צעווערטלט מיטן מאן, האט זי, ווי אף צו להכעיס, אנגעהויבן שלעפן פון דער שטאט־ביבליאטעק גאנצע שטויסן ביכער. די ביכער האט זי פארשטעקט אונטערן מאטראץ, אונטער דער שאנק, אונטערן קאסטן מיט קוילן. זי האט געלייענט בלווישטיינס ראמאנען, הערמאלינס, דינעזאנס. זי האט געלייענט זשול ווערנס, טאלסטאיס, וויקטאר הוגאס, מענדעלעס — און וואס האט זי נישט געלייענט? געלייענט באם טונקעלן, עלעקטרישן לעמפל און צענדליקער מאל איבערדערציילט דאס געלייענטע די קינדער. זיי האבן עס איבערגעלעבט אין דרייען, ווי ס'וואלט אלץ פארגע־קומען אין קעלער־שטוב צווישן די זעק שמאטעס, צווישן די שניידערשע צודאטן, צווישן די בערג קנעפ. ס'איז געווען נענוג די קליינגעוויקסיקע מאמע זאל זיך אוועקזעצן אף א זאק שמאטעס, ווי אף אן עסטראדע —

און אוים קעלער. פון די ווינקעלעך האָבן זיך גענומען שאַרן פּרינצן, פּרינצעסנס, מענטשנפרעסער, דער קרומער פישקע מיט דער שיינער אַנאַ קאַרענינאַ. און הינטער דעם אַלעם האָט זיך באַ מירלען געדרייט אַ ווייטע, זינדיקע מחשבה — אויב איר אָפּגעהיטער, ערלעכער ברודער האָט אַריינ־געקוקט אין דעם „ברית־חדשה", פאַרוואָס זאָל זי נישט אַריינקוקן? די זינדיקע מחשבה איז געהאַנגען איבער איר גאַנצע ניין יאָר, פון וועלוועלעס געבורט אָן. און נישט געהאַנגען, נאָר נאָכגעגאַנגען און געמאָנט באַ מירלען —האָסט טאַקע מורא פאַר דיין שבתין, וואָס האָט געבראַכט אָף דיר שלעק און פורעניות? און אַזוי וואָכן, און אַזוי חדשים, און אַזוי יאָרן.

צווישן די ביכער אין ביבליאָטעק איז אויך געשטאַנען דער „ברית־חדשה", זיך יעדעם מאָל געריצט מיט מירלען — ווּעסט מיך נישט נעמען? ווּעסט מיך טאַקע נישט נעמען?

און זי האָט אים טאַקע נישט גענומען, האָט גובר געווען דעם יצר־הרע, ביז מירל האָט זיך היינט פרימאָרגן שטאַרק צעקריגט מיט שבתין, אים געטריבן פון שטוב. שבתי, ווי שטענדיק, האָט נישט געענטפערט, איז גע־שטאַנען אַ געבויגענער און צוגענומען די קללות. פון כעס איז זי אַוועק אין ביבליאָטעק און אַריינגעשטופּט צווישן די ביכער דעם „ברית־חדשה". אין דער היים האָט איר באַנג געטאָן און זי האָט אַלע ביכער פאַרשטופּט אונטערן מאַטראַץ.

איצט, ווען די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פאַנאַנדערגעוואָר־פענעם בעט, זייענען געגאַנגען זוכן די ביכער, האָט מירל זיך דערמאָנט אָן „ברית־חדשה". זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם זאַק שמאַטעס, פאַרבראָכן די קליינע הענט, זיך געטראָגן מיט דראָבנע טריט צו די קינדער. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די צוועלף־יעריקע חנה איז אַנטקעגן געגאַנגען דער מוטער מיטן „ברית־חדשה". ס'מיידל האָט אויסגעזען עלטער, געהאַט אַ וויכטיקע מינע, דאַכט זיך אַ קוועטש געטאָן מיט איין אויג:

— אַזוי, מאַמע?!

— וואָס? וואָס? — איז די קליינע מאַמע געוואָרן נאָך קלענער, זיך גענומען רויטלען, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט באַ אַן עבירה. — נאַרישע מויד, גיב אַהער ס'ביכל!

חנה האָט זיך גענומען רוקן אָף קריק. הינטער איר וועלוול. ביידע האָבן אָן עפּן געטאָן ס'ביכל, געלייענט:

— דער נייער טעסטאַמענט.

די קינדער האָבן זיך גענומען רייצן מיט דער מוטער:

— מיר װעלן דערציילן! מיר װעלן אויסזאָגן דעם טאַטע! מאַמע, װאָס גיסטו מען זאָל נישט אויסזאָגן?

— גייט שוין, גייט, — האָט די מוטער אַרויסגעכאַפּט בײַ חנהן ס'ביכל און אַ פֿאַרלוירענע זיך גענומען דרייען אין אַ רעדל. — װילסט דאָך אייז־קרים!

— מיר אויך! — האָט װעלװל אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

מירל האָט געגעבן די קינדער צו דריי סענט, און אַז ביידע זיינען אַרויס, האָט זי פֿאַרקייטלט נאָך זיי די טיר און גענומען זוכן אַ באַהעלטעניש פֿאַרן „ברית־חדשה".

.1937

אַ מאַמע

אין שלאָף האָט דזשעק געהערט, ווי דער הונט בילט, געהערט ווי מען קלאַפּט אין טיר, און זיך נישט געקאָנט אויפכאַפּן. און אַז ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעט, איז ס'ווייב, אַ האַלב נאַקעטע, געשטאַנען איבער אים. זי האָט אים געוועקט מיטביידע הענט:

— דזשעק, שלאָפסט, דזשעק? הערסט ווי מען קלאַפּט אין טיר? ווער קאָן דאָס קלאַפּן אינמיטן נאַכט?

דזשעק האָט אַ וויל געגלאָצט מיט רויטלעכע ווייסלען אויפן ווייב, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט, און גאַרנישט געענטפערט. ער האָט אין דער פינצטער זיך אַ שאַר געטאָן צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט? ווער קלאַפּט?

— איך, מאָריס, — האָט זיך געהערט אַ יונג קול, — שמחהס זון.

— שמחהס זון? — האָט דזשעק אַ פאַרחידושטער זיך איבערגעפרעגט.

— יאָ, אָנקל.

דזשעק האָט געעפנט די טיר. עס האָט אַ בלאָז געטאָן מיט אַ פייכטער קעלט. ס'איז געווען סוף נאָוועמבער. מאָריס האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. אין דער פינצטער איז שווער געווען צו זאָגן ווער ס'איז דזשעק און ווער זיין ווייב. די נאָז האָט אויפגעכאַפּט ריחות פון אויסגעוואַרעמט געלעגער, פון אויפגעגאַנגען לייב. און איידער מען האָט ליכטיק געמאַכט, האָט מאָריס אַ זאָג געטאָן צום פעטער:

— דער אָנקל וועט זיך אָנטאָן און מיטפאָרן מיט מיר.

— וועה? איך? — האָט דזשעקס קול ניט געגלויבט די אייגענע אויערן, — וואָס איז געשען? וואָס איז געשען, מאָריס?

— די באָבע איז געשטאָרבן.

דזשעקס ווייב, מערי, האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און זיך גענומען פּאָרען אַרום דעם נאַפט-לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן טיש. דאָס ליכט האָט פאַר אַ רגע צוגענומען בײַ אַלעמען די ראיה. מאָריס האָט געקוקט אויפן בלייכן, איבערגעשראָקענעם פעטער, וואָס האָט אויסגעזען אין די ווייסע פּאַדזשאַמעס,

ווי א מת. ער האָט געקוקט אַף מערין — א הויכע, א בלאָנדע. אויגן — ליכטיקע, האָר ברוינע, פאַלן פון אונטער דער געשטריקטער קופּקע לאָקנווייז. זאָל דאָס זיין די מומע ? איבער איר, הייסט עס, האָט די משפּחה זיך דער־ווייטערט פון דזשעקן ?

און אז דזשעק איז געשטאַנען אָן אַנגעטועגער, געוועזן גרייט ארויסצו־גיין מיט מאָריסן, האָט מערי הכנעהדיק זיך געפרעגט :

— זאָל איך אויך מיטפאָרן ?

— דו ? — האָט דזשעק געקוקט אַפן ווייב אזוי, ווי ער וואָלט זיך נישט געכאַפּט, וואָס זי פרעגט אים. — וואו וועסטו לאָזן די קינדער ? און ס'ווירטשאַפט קאָן מען אויך ניט לאָזן אַף הפקר.

זיי זיינען אַרוים. א בייסיקע קעלט האָט זיך געוויקלט ארום דזשעקן, ארום מאָריסן. אינעם נידעריקן, בלייענעם הימל זיינען געווען צעוואָרפן האַלב־אויסגעלאָשענע שטערן. דער הונט איז געשפּרונגען אַף א פריער. מאָריס איז אריין אינעם אָטאָמאָביל און האָט זיך געזעצט באַם רעדל. ער האָט אָפן געלאָזט ס'טירל. דזשעק האָט א כאַפּ געטאָן דעם הונט פאַר די אויערן, אים אריינגעשלעפּט אין קיך אריין. אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך געזעצט לעבן מאָריסן און פאַרהאַקט נאָך זיך ס'טירל. דער אָטאָמאָביל האָט זיך גערעדלט מיטן אַספאַלט־וועג.ביידע האָבן געשוויגן, זיינען געפאָרן א לאַנגע צייט און געשוויגן. דזשעק האָט אומדערוואַרט א פרעג געטאָן מיט א פרעמד קול :

— ווען איז די באָבע געשטאָרבן ?

— ארום צוויי באַנאַכט.

— היינט איז שבת ?

— ניין, ס'איז זונטיק.

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. גערעדט אָבער האָבן ביידע, נאָר אָן ווערטער. מאָריס האָט געוואוסט, אז די ברידער רעדן נישט צווישן זיך. צייט דזשעק האָט חתונה געהאַט מיט מערין, האָט שמחה אים נישט געלאָזט איבער דער שוועל. מערי איז געווען א קריסטן. די באָבע האָט דזשעקן אויך נישט געוואָלט זען. דער שטח צווישן די ברידער — זעכציק מייל — האָט זיך אויסגעצויגן אין א מהלך, לענגער ווי א רייזע קיין אייראָפּע. שוין איבער צען יאָר, ווי מאָריס האָט דעם פעטער נישט געהאַט געזען. פאַר דער צייט האָט דזשעק זיך געעלטערט. פון דער זייט האָט מאָריס באַמערקט, ווי

דזשעק מאַכט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך. ס'איז געוואָרן אומהיימלעך. דזשעק האָט אַ שטופּ געטאָן מאָריסן מיט אַן עלנבויגן:

— ווער האָט דיך געשיקט נאָך מיר, דער טאַטע?

— ווי די באָבע איז געשטאָרבן האָט דער טאַטע מיך אוועקגענומען אָן אַ זייט און געזאָגט: „פֿאָר אַריבער צום פֿעטער דזשעק. זאָג אים, אַז דער באָבעס לעצטער פֿאַרלאַנג איז געווען, ער זאָל קומען צו דער לויה."

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. עס האָט זיך געהערט ווי דער קאַלטער נאָוועמבער־ווינט קערט וועלטן, ווי די רעדער טראָגן זיך מיט אַ פֿייף איבערן אַספּאַלט.

מאָרים האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגערל, וואָס איז געווען צוגעשנאָלט צו זיין האַנט־געלענק. אַ פֿערטל צו פֿינף. ווען איז די באָבע געשטאָרבן? צוויי באַנאַכט? האָט ער געמאַכט די זעכציק מייל צום פֿעטער אין אַ שעה מיט אַ פֿערטל? אָט איז ער שוין באַם וועלדל. און פֿון וועלדל איז נאָך אַ צען מינוט.

מאָרים האָט אַראָפּגעדרייט פֿון אַספּאַלט־וועג און האָט זיך פֿאַרקירעוועט מיט אַ שמאָל זאַמדיק וועגל. איבער די לאָנקעס, וואָס פֿון ביידע זייטן וועגל, האָבן גלעקלעך געקלונגען. דאָס האָבן געטאָפּטשעט שמחהס קי, זיך געשלעפּט אַהיים מען זאָל זיי אויסמעלקן. דער בלייענער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. ס'איז געוואָרן פֿינצטער, ווי פֿאַר אַ שטורעם. פֿונעם שייער האָט זיך געהערט שמחהס קול:

— ווער פֿאָרט, מאָרים?

—איך, טאַטע.

מאָרים האָט אָפּגעשטעלט דעם אָטאָמאָביל. דזשעק האָט געעפֿנט דאָס טירל און איז אַרויס. די ברידער האָבן זיך נישט געגעבן די הענט. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דער פֿינצטערניש. און אַז זיי האָבן זיך דערזען, האָט שמחה זיך אָנגערופֿן:

— מיר האָבן שוין נישט מער קיין מאַמע.

ס'לשון האָט זיך באַביידן אָפּגענומען, אַזוי אָפּגענומען, אַז מען האָט געקאָנט שניידן די שטילקייט. און אין דער שטילקייט איז אויפֿגעגאַנגען אַ פּויליש שטעטל, וואו שמחה איז געבוירן געוואָרן, וואו דזשעק איז געבוירן געוואָרן. אינעם שטעטל ליגט באַגראָבן דער טאַטע. שמחה גייט אין טאַטנס דרכים. און דזשעק? דזשעק האָט תרעומות צום ברודער:

— מען האָט דאָך געמעגט מיר לאָזן וויסן, אַז די מאַמע איז קראַנק?!

פון יענער זייט שייער האט מיטאמאל א שפאר געטאן א פלאם, געטריבן די פינצטערניש אף די לאנקעס און דאס הויז מיט די צוויי קוימענס, א באלויכטנס, האט זיך ארויסגעשיילט.

— טאטע! — האט מאריס זיך א ריס געטאן פונעם אטאמאביל. — ס׳ברענט!

— וואס קאן ברענען?

אף א פריער איז געלאפן מאריס. נאך אים — שמחה, נאך שמחהן — דזשעק. ס׳איז זיי אנטקעגנגעקומען שמחהס יינגערער זון, הערשל.

— ס׳גאנצע הויז איז אין פלאמען, טאטע.

— ווער האט אונטערגעצונדן? — האט שמחה אריבערגעיאגט מאריסן.

— פון זיך אליין, טאטע. א ליכט האט זיך איבערגעקערט און דאס שטרוי אונטער דער באבע האט זיך אנגעכאפט.

שמחהס ווייב האט זיך געבראכן די פינגער, זיך געריסן די האר, אנטקעגנגעקומען דעם מאן מיט א יללה:

— גאטס צארן האט זיך אויסגעגאסן אף אונדז, שמחה!

שמחה האט א שאר געטאן פון זיך ס׳ווייב. ער האט אראפגעכאפט פון דער וואנט די קישקע, גענומען שפריצן וואסער אין די פלאמען און זיך צעשריען אפן זון:

— מאריס, מ׳דארף ארויסראטעווען די באבע!

— ס׳איז אוממעגלעך, טאטע. די פלאמען שלאגן פון די פענצטער, פון דער טיר.

— לאז מיך! — האט שמחה א שטעק געטאן דעם זון די שפריץ אין דער האנט אריין.

ער האט ארויפגעווארפן זיך איבערן קאפ א נאסן זאק און האט זיך א שפאר געטאן צו דער טיר. די פלאמען האבן אים צוריקגעשטופט. ער איז גרייט געווען נאך אמאל זיך א ווארף צו טאן אין די פלאמען, האט דאס ווייב אים א כאפ געטאן פון הינטן:

— שמחה, האב רחמנות אף מיר, האב רחמנות אף דיינע קינדער!

— און די מאמע?

א פלאם האט זיך א שפאר געטאן פון דער טיר, איז געגאנגען אף שמחהן, אף שמחהס ווייב. אז ביידע האבן גענומען רוקן זיך אף צוריק.

דאס איז געווען דזשעק. די הויזן, ס׳רעקל, ס׳היטל — אלץ האט אף אים געברענט. ער האט געטראגן די מוטער, א קליינע, א פארסמאליעטע,

זי געטראָגן פֿעסט צום האַרץ, ווי אַ פֿרומער ייִד טראָגט אַ ספֿר־תּורה, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פֿון אַ שׂרפֿה.

מען האָט פֿאַר אַ ווײַל פֿאַרגעסן אָן פֿײַער. אַלע — שׂמחה, ס׳ווײַב, די זין — האָבן געוואָרפֿן שמאַטעס אױף דזשעקן, אױף דער באָבע, אויסגעלאָשן די פֿלאַמען. דזשעק איז געווען אײַנגעאַנצן צעברענט. קיין סימן פֿון האָר אױפֿן קאָפּ, קיין זכר פֿון ברעמען. די באַקן — צוויי פֿלאַמען. און אַז מען האָט אים דערמינטערט און ער האָט געעפֿנט די אויגן, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— וואו איז די מאַמע?

.1936

טרויער

הינטערן שייער האָבן זיך געצויגן צעאַקערטע פעלדער. די אויפגעריסענע ערד, אַ פייכטע, אַ שוואַרצע, איז געלעגן אינעם פאַרנאַכט, ווי אַ צעגאָסענער טייך. אַ פּאָר פערד, הויכע, ברייטע, זיינען אַנגעשוואָומען מיט די פעלדער. די קעפּ געבויגן, די גריוועס צעפּאַטלט, די פיס פאַרזונקען אין דער אויפגעריסענער ערד. הינטער די פערד — אַן אַקעראייזן. הינטערן אַקעראייזן — דער גרויסער וואָלף, אויך אַ געבויגענער.

ס'איז געווען פאַרנאַכט, ווען מענטש, פלאַנץ, ערד, נעמען זיך שאָטענען, דערפילן אַן אומרו, דערפילן אין זיך דעם פאַרלוירענעם טאָג.

די פערד האָבן דורכגעשניטן ס'פעלד און זיך אָפּגעשטעלט. דאָס שטיקל פּלויט פון רויע שטיינער האָט מיטאַמאָל אָפּגעשניטן די רחבות פון די פעלדער. די פערד האָבן זיך איבערגעשראָקן, זיך גענומען רייסן אַף קריק, געוואָרפן קנוילן פּאַרע פון די פּיסקעס, פון די נאָזלעכער.

ס'איז אָנגעלאָפן וואָלפס עלטסטער זון, הערשל. ער האָט איינגעשטילט די פערד, זיי אויסגעשפּאַנט, זיי אַוועקגעפירט אַף נאַכט אין שייער אַריין. דער גרויסער וואָלף, צעשמיסן פון זון און ווינט, מיד נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט זיך געשלעפּט אין שטוב אַריין.

פון דער אָפענער הויז-וועראַנדע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ ברוינער הונט מיט אַ פייערלעך בילעריי. דער הונט איז אַנטקעגנגעלאָפן דעם באַלעבאָס. נאָכן הונט — די צען-יעריקע אסתר. מיט איין האַנט האָט וואָלף געגלעט דעם הונט, מיט דער צווייטער — אסתרן, וואָס האָט אָן אָטעם דערציילט, אַז וועלוול איז שוין ווידער אַנטלאָפן פון שטוב.

— שוין ווידער אַנטלאָפן? — האָט דער פאָטער זיך איבערגעפרעגט און איבער זיין מידן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ טרויער.

— נאָך באַם מיטאָג איז ער אַנטלאָפן.

— אַז איר לאָזט אים נישט צורו, איר האַלט זיך אין איין טשעפּען צו אים.

— ער טשעפּעט זיך מיט אונדז, — האָט אסתר זיך געטוליעט צום פאָטער. — ער האָט אונדז אַלעמען פיינט.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז ער האָט אונדז פיינט?

— ער האָט זיך געוואָרפן מיט אַ מעסער אַף הערשלען.

— נו, האָט אים הערשל געשלאָגן?

— ניין, הערשל האָט אים נישט געשלאָגן. ער האָט בלויז ארויסגעדרייט ס׳מעסער פון וועלוולס האַנט. האָט וועלוול פון כעס זיך צעשריען, אַז ער האָט אונדז פיינט, אַז ער האָט אַלעמען פיינט — דיך, די מאַמע, הערשלען און מיך — אַז ער וועט אונדז אַלעמען אויסהרגענען, אַז ער לויפט אַהיים, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען צו אונדז.

דער פאָטער האָט נישט געענטפערט. פאַר די צוויי וואָכן, וואָס וועלוול איז בא אים געווען, איז ער כמעט יעדן טאָג ברוגז געוואָרן, איז ער כמעט יעדן טאָג אַנטלאָפן פון עסן. וואָלף איז זיכער געווען, אַז דער ניין־יעריקער וועלוול האָט זיי אַלעמען פיינט. ער האָט פיינט אים, דעם פעטער, ער האָט פיינט די מומע, פאַרטראַגט נישט די קינדער. ס׳ייִנגל ליידט וואָס דעם פעטערס הויז איז אַ גרויס, וואָס אין שטוב איז דאָ אַ סך צו עסן, וואָס דער פעטער האָט פערד, האָט קי, האָט צעאַקערטע פעלדער. ס׳ייִנגל זאָגט עס נישט. ער רעדט סתם נישט, שווייגט פון איין מאָלצייט צום אַנדערן. און אַז ער רעדט שוין יאָ — איז צו זיך אַליין. ער פאַרקלייבט זיך, ווי אַ פאַרשפּאַרט חיהלע, אין אַ ווינקל און רעדט צו זיך.

— פּאַ, — האָט אסתר אַ צי געטאָן דעם פאָטער פאַר אַ האַנט.

— וואָס, טאָכטער?

— לאָמיר גיין אויפזוכן וועלוולען.

— אַז איך ווייס נישט וואוהין ער איז געלאָפן.

— צום וועלדל צו.

דער הונט איז געשפּרונגען אױף אַ פריער. נאָך אים — אסתר. וואָלף — נאָך זיי. דער קאָפּ איז בא אים געווען געבויגן, די אַקסלען — געבויגן און דער טראָט — אַ שווערער, אַן אָפּגעאַרבעטער.

זיי האָבן געשניטן צום וועלדל. דער טאָג האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן. הינטערן וועלדל איז די זון פאַרגאַנגען אין פלאַמען. מיטן זון־פאַרגאַנג איז געוואַקסן אין וואָלפן אַן אומרו. טענות זיינען אים באַפאַלן, האָבן געמאָנט אַן ענטפער:

— נאָך וועמען בענקט ער, וועלוול? נאָך דער מוטער, וואָס איז שוין יאָרן פון זינען אַראָפּ, וואָס רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויס? און אַז די מוטער האָט מיט אַ חודש קריק אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן און מען האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ משוגעים־הויז אריין, האָט וועלוול זיך נישט געוואָלט געזעגענען מיט איר, איז אַנטלאָפן מיט אַ געוויין, טאָ נאָך וועמען בענקט ער? נאָכן פאָטער? דער פאָטער איז דאָך אַליין אַ נישט־

דערבאקענער, וואָס שלאָגט זיך ארום מיט וועלוולען, ווי מיט זיינס א גלייכן, טאַ נאָך וועמען בענקט ס׳יינגל ?

וואָלף האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט געוואָלט פון זיך אראָפּשאָקלען די אלע טענות און נישט געקענט. די שולד איז נישט געלעגן אַף אים. זי איז געזעסן אין אים. ער האָט געטראָגן אין זיך א חטא, א גרויסן חטא. ער האָט דאָך יאַ געוואוסט, אַז די שוועסטער זיינע — א מיידל אין די הויכע דרייסיקער — איז נישט מיט אַלעמען, אַז זי האָט א מיש אין קאָפּ, טאַ צו וואָס איז אים אַזוי געגאַנגען זי צו פארשלייערן ? און מיט וועמען ? מיט א נישט־דערבאַקענעם, וואָס איז מיט זעכצן יאָר יינגער געוועזן פון איר ? אָט דאָס פּאָרל האָט מען באַזעצט אַף א שטיקל פּאַרם — זאַמדן און שטיינער. זומער איז נאָך געווען אַן אייגן ביסל גרינס, אַן אייגן ביסל מילך. ווינטער איז געווען א קללה. און ווען נישט וואָלף, וואָלט ס׳פּאָרל אויסגעגאַנגען פון הונגער. צום יאָר איז די שוועסטער געלעגן געוואָרן מיט וועלוולען. אין דער קימפּעט איז פונעם מיש אין קאָפּ געוואָרן א מרה־שחורה. ערשט דעמאָלט האָט וועלוולס טאַטע, דער דריי־און־צוואַנציק יעריקער אייזיק, זיך געכאַפּט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט. ער האָט נישט בלויז געהאַט טענות צו וואָלפן, ער האָט דעם שוואָגער געשטעלט פאָדערונגען : אַזויפיל און אַזויפיל א וואָך. און אַז וואָלף איז געבליבן הינטערשטעליק מיט די צאָלונגען, איז אייזיק געקומען אויפמאָנען. ער האָט געקלאַפּט אין טיש, געסטראַשעט, אַז ער וועט צוואַרפן וואָלפן די שוועסטער מיטן קינד און אליין וועט ער אַוועק אין דער וועלט אריין. ער האָט אָבער בלויז געסטראַשעט. וואָלף האָט עס געוואוסט. ווען די מרה־שחורה האָט זיך פארשטאַרקט באַ דער שוועסטער און וואָלף האָט זי געוואָלט אוועקפירן אין א סאַנאַטאָריע, האָט אייזיק נישט געלאָזט, געשריען, אַז מען וויל אים פטרן ס׳ווייב. אַזוי האָט זיך ס׳לעבן געצויגן צווישן מרה־שחורה און משוגעת. אַזוי איז וועלוול געוואַקסן. פאַר דער מוטער האָט ס׳יינגל מורא געהאַט, איז געלאָפן פון איר. מיטן פאָטער האָט ער זיך ארומגעשלאָגן און פונדעסטוועגן אים ליב געהאַט. ס׳יינגל האָט איבערגענומען דעם פאָטערס שנאה צו וואָלפן, צו וואָלפס קינדער, צו וואָלפס הויז. און אַז מען האָט סוף־כל־סוף צוגענומען די מוטער אין א משוגעים־הויז, איז אייזיק אַוועק פונעם שטיקל פאַרם. ער האָט געאַרבעט מעשים מען זאָל אים ארויסגעבן ס׳ווייב, נישט געקאָנט לעבן אָן איר. דעמאָלט האָט ער צוגעוואָרפן וועלוולען דעם שוואָגער. און וועלוול איז אויסגעגאַנגען פון בענקעניש.

דער הונט האָט זיך מיטאַמאָל צעבילט, אַזוי צעבילט, ווי ער וואָלט געוועזן אַפּן שפּור פון אַן אונטערגעשאָסענעם פויגל. וואָלף האָט אַ רוף געטאָן ס'טעכטערל:

— אסתר! גיב אַ האַנט, אסתר!

דערנאָך האָט ער אַ רוף געטאָן דעם הונט:

— פּריטץ! קום אַהער, פּריטץ!

האַרט לעבן וועלדל, אַף אַ שטיין, וואָס איז געוועזן באַוואַקסן מיט מאָך, איז געלעגן וועלוול. די באַרוועסע פיס אָפּגעבכמאַליעט. דער קאָפּ צווישן די אַקסלען. דער גראָבער פינגער פון דער רעכטער האַנט אין מויל. אַזוי איז ער געלעגן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, געלעגן און געקוקט, ווי די זון פאַרגייט. האָט ער געקרעכצט? האָט ער געוויינט? ניין. ער האָט נישט געקרעכצט, ער האָט נישט געוויינט. פון די גרויסע, טונקעלע אויגן האָט געפּלייצט אַ בענקעניש, וואָס מען זעט בײַ קראַנקע מאַלפּעס און בײַ חולאים, וואָס זיינען פאַרביי. ער האָט געהערט טריט און זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט טיפער אַריינגעשטופּט דעם גראָבן פינגער צווישן די ליפּן, אים עטלעכע מאָל אַ נאָג געטאָן, און די טונקעלע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן איינגעזאַפּט דעם זון־אונטערגאַנג.

דער הונט האָט זיך צעבילט. וואָלף איז צוגעגאַנגען צו וועלוולען, האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר אַן אַקסל:

— וואָס, וועלוול, ביסט שוין ווידער אַנטלאָפן? קום, מיר גייען עסן וועטשערע!

ער האָט נישט געענטפערט.

— וואָס איז, וועלוול? בענקסט אַהיים?

— יאָ.

— ס'איז דאָך קיינער דאָרט נישטאָ?

— כ'וויל צום טאַטע, — האָט ער אַרויסגעוויינט אַן טרערן.

— דער טאַטע איז דאָך נישטאָ אין דער היים?

— איך וויל צום טאַטע.

האָט וועלוול געקרעכצט? האָט וועלוול געוויינט? ניין. ער האָט נישט געקרעכצט, ער האָט נישט געוויינט. ער איז בלויז געלעגן מיטן פינגער אין מויל, געלעגן אַן איינגעדרייטער און געקוקט ווי די זון זעצט זיך, און וואָס מער די פאַרגאַנגענע זון האָט זיך געהאַלטן אין לעשן, אַלץ טיפער איז געוואָרן דער טרויער, וואָס האָט זיך געטראָגן אַרום וועלוולען, ווי אַ געוויין.

.1936

אַ ייִדישער „איטאַליענער“

אין שולעכל „תפארת ישראל“, וואָס אף ברוק עווניו, זיינען פּריטיק נאָכן פרימאָרגנדיקן דאַווגען פאַרבליבן צוויי אירע. ביידע האָבן פּאַמעלעך צונויפגעלייגט די טליתים, זיי אַריינגעלייגט אין סאַמעטענע טלית־זעקלעך און געפירט א שמועס, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן. גערעדט האָט דער געוויקסיקער פּאַרשוין, וואָס איז ענלעכער געווען אף אַן איטאַליענער, ווי אף א ייד. ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן, איז איבערגעגאַנגען פון העברייאיש אף ענגליש, אָפּט אַריינגעוואָרפן א וואָרט יידיש, גערעדט ניט אַזוי מיטן מויל, ווי מיט די הענט, מיט די אויגן. ער האָט איינגעטענהט אינעם באַלעבאָס פונעם שולעכל, אינעם רב קרעל, וואָס איז געבליבן אף ברוק עווניו אַן א מנין. דער געוויקסיקער פּאַרשוין האָט שוין געהאַט באַטראַכטן פאַרן שולעכל גאַנצע פינף טויזנט דאָלער. דער רב וואָלט שוין איינגעגאַנגען אַפּן פּרייז. ער האָט אָבער געוואָלט טויזנט דאָלער מזומן און דער פּאַרשוין האָט בלויז באַטראַכט פינף הונדערט.

דער רב קרעל, הויך און דאַר, האָט פאַרקנעפּלט דעם טלית־זאַק. זיין טיפער שטערן, וואָס האָט זיך געהויבן אונטערן קאַפּל און איז געלאָפן אין האַלבן קאָפּ אַריין, האָט זיך געקנייטשט — מסכים זיין צי נישט מסכים זיין? ער האָט פאַרמאַכט ס׳לינקע אויג און מיטן רעכטן א שאַרפן קוק געטאָן אף ישראלן, וואָס איז געווען אי א חזן, אי א מוהל, און צווישן די שפאַניאָלישע אידן האָט ער זיך געהאַלטן פאַר א שטיקל רב:

— באַטרעט נאָך צוויי הונדערט דאָלער.

— כ׳האָב קוים דעם האַלבן טויזנטער צונויפגעשלאָגן. אונדזער קהלה, די ספרדישע קהלה, איז א יונגע קהלה, איז אַן אָרעמע קהלה. פּעדלער און שיך־פּוצער. וויפיל זיינען זיי אינגאַנצן? קיין דריי מנינים נישט. און דאָס אויך אָן די ווייבער, אָן די קינדער. מיר וועלן, אם ירצה השם, אַראָפּנעמען די משפחות, די שול וועט קריגן א גרעסערע הכנסה, וועלן מיר מיט דאַנק און מיט כבוד אָפּצאָלן דעם חוב. איז וואָס זאָגט איר, רב?

דער רב וואָלט שוין מושווה געוואָרן. דאָס אָבער, וואָס ישראלי האָט

אזויפיל גערעדט, איז איבערגעגאַנגען פון איין שפּראַך אויף דער אַנדערער, זיין העברייאיש האָט אינעם רבס אויגן געקלונגען ווי איטאַליעניש, דאָס אַלץ האָט קרעלן צוריקגעהאַלטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די נעגל פון די אייגענע צען פינגער, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּשניידן לכבוד שבת, דער־נאָך האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן פאַרן שיטערן בערדל, וואָס איז אַמאָל געווען געל און איצט האָט עס אין גאַנצן קיין קאָליר נישט געהאַט, און אַרויסגעשטאַמלט:

— איז מער, זאָגט איר, קאָנט איר נישט? גוט, נו, כ׳וועל זיך איבער־רעדן מיט דער רביצן.

— אודאי דאַרפט איר זיך איבעררעדן מיט דער רביצן.

— וואָס, באַ אייך, ספרדים, האַלט מען זיך אויך אָן עצה מיט דעם ווייב? — האָט דער רב זיך אַריינגעשמייכלט אינעם שיטערן בערדל און גענומען פאַרשליסן דאָס שולכל.

— אַז מען האָט אַ יונג ווייב, אַז מען האָט אַ שיין ווייב און, דער עיקר, אַז מען האָט ליב דאָס ווייב, — האָבן ישראלים פרעסערישע אויגן אויפ־געלויכטן, — האַלט מען זיך מיט איר אָן עצה. שווער צו זיין אָן אַ ווייב, רב, שווער.

— און אייערע, ישראלי, האָט די אַלע מעלות, וואָס איר האָט נאָר־וואָס אויסגערעכנט? — האָט דער רב ערגעץ טיף אין בויך אַ לאַך געטאָן און צו די אויגן איז דערגאַנגען אַ שקאַציש שמייכעלע, וואָס האָט ניט געפּאַסט צום רבס צעקנייטשטן פּנים.

— מיינע איז ענלעך אויף דער רביצן, נאָר מיט אַ צען יאָר יינגער, — האָבן די אויגן באַ ישראלין אויפגעלויכטן.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

די דריי „בלאָק" פון דער שול צום רב אהיים זיינען נישט געווען דורכ־צוגיין. פּנימער — חושכדיקע, אויגן גזלנישע. די גאַסן, די טראָטוארן זיינען געווען געפּאַקט מיט מאַנסבילן, מיט ווייבער, מיט קינדער. אַלע האָבן גערעדט מיט אַמאָל, גערעדט מיט טיף־גאָרגלענדיקע קולות. פון די אָפענע פענצטער האָבן זיך געטראָגן אויסטערלישע ריחות — אַ געמיש פון גע־קנאָבלט, געפּעקלט און צוגעלעגן פלייש.

שוין עטלעכע יאָר ווי דאָס שטיק ברוק עווענין איז געוואָרן אַ גריכישע געגנט. פון די אַלטע טענעמענט־הייזער זיינען יידן זיך שוין לאַנג געהאַט צעלאָפן. געבליבן זיינען יידישע קרעמער, יידישע שניידער און שוסטער,

וואָס האָבן אויסגעהאַלטן די שול, דעם רב. פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָבן גריכן געהאַלטן אין איין עפענען שפּייז־געוועלבער. גריכישע שוסטער און שניידער מיט זייער ביליקער אַרבעט האָבן ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די יידישע באַלמעלאָכעס. געבליבן זיינען דער רב מיט דער ליידיקער שול. דער רב האָט זיך שוין אויך געקליבן אַוועקצוציען זיך פון דער געגנט, האָבן זיך מיטאָמאָל אויפגעזוכט אַן אַנדערהאַלבן מנינים שפּאַניאָלישע יידן, וואָס זיינען מיטגעקומען מיט די גריכן. די שפּאַניאָלישע יידן האָבן זיך קוים געקענט צונויפרעדן מיטן רב. פריער האָט ישראלי בלויז געוואָלט דינגען די שול, דערנאָך, אַז פון די אַנדערהאַלבן מנינים זיינען געוואָרן דריי, האָט ישראלי גענומען רעדן וועגן אָפּקויפן די שול. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט דעם רב, איז אים נאָכגעגאַנגען באַם דאַוונען, איז געקומען צו אים אין שטוב אַריין. דאָ האָט ער אים געבראַכט אַ קמיע, געשריבן אויף פּאַרמעט, דאָ אַ גאַלאָן ווייז, דאָ אַ „יד־אבשלום" אויסגעהאַמערט אין זילבער, וואָס שטעלט אָפּ יעדע חולאת און ברעכעניש אין די זייטן, אין דער חוט־השדרה, אין די קני. דער רב האָט געפילט, אַז ער וועט זיך שוין פון דעם יידישן „איטאַליענער" נישט אַרויסדרייען.

ס'איז געווען סוף יאַנואַר. אַ פרייטיק־צו־נאַכט. דער רב האָט נאָך־וואָס געהאַט אָפּגעגעסן ס'פלוימען־צימעס, און אַן אויפגעלייגטער זיך געבעטן באַם ווייב, וואָס האָט געוואַשן אין קיך די פּאָר טעלער:

— שרהלע, האָסט אפשר אַ היים גלעזל טיי?

— אפילו צוויי, — האָט זי אַריינגעשריען פון קיך.

זי האָט אַריינגעבראַכט צוויי גלעזער טיי מיט ציטרין. און ווי דער רב האָט אַ זופּ געטאָן דעם הייסן טיי און זיך צעקרעכצט פון תענוג, האָט די טיר זיך געעפנט.

— גוט שבת, רב! גוט שבת, רביצן!

דער צעוואַקסענער ישראלי איז אַריין מיט אַ גאַלאָן וויין, ווי מיט אַ קינד. ער האָט דעם וויין אַוועקגעשטעלט אין מיטן טיש און זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק, געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויפן רב, אויף דער רביצן.

— וואו האָט איר גענומען אַ גאַנצן גאַלאָן וויין? — האָבן דער רביצנס אויגן געלאַכט.

— גוטער וויין, רביצן, פּרימע . . . פאַרזוכט, — איז ישראלי אַריין

אין קיך, האָט אַריינגעבראַכט דריי גלעזער און זיי אָנגעגאָסן ווי צו הבדלה.
— נאָך אַזאַ גלאָז וויין ווערט דער מענטש ייִנגער!

— וואָס שטייט איר אין מאַנטל? — האָט די רביצן פאַרזוכט דעם וויין. — טאַקע גוטער וויין.

— דאָס האָב איך געמאַכט, — האָט ישראלי אויסגעטרונקען ס'גלאָז וויין מיט צוויי זופּ.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און האָט זיך צוגעזעצט צום רב. די פרעסערישע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן מיט הייטלעך. ער האָט שוין פריער באַם עסן געהאַט שפּאַר אַריינגעגאָסן. און איצט האָט דער געטראַנק זיך געשפּאַרט אין מח אריין. די צונג האָט זיך באַ אים געהויבן, ווי זי וואָלט זיך געלערנט רעדן. ער האָט געקוקט אַף דער רביצן און גערעדט צום רב:

— רב פון „תפארת ישראל", הערט, רב, האָבן דאָך די אָבות — אברהם, יצחק און יעקב — געהאַט קעפּס־ווייבער, — האָט ישראלי נישט דערזאָגט.
— ס'איז געווען פאַר מתן־תורה, — האָט דער רב אים געוואָלט אַרויס־העלפן.

— נישט דאָס, רב, — האָט ישראלי געגלאָצט מיט די פאַרלאָפענע אויגן. — כ'מיין — — — אַז איינער האָט אַ קראַנק ווייב — — — און מער ווי איין ווייב טאָר היינט קיין ייִד נישט האָבן, האַ, רב?

— מען טאָר נישט, ישראלי.

— און אַז ס'ווייב איז קראַנק, איז פּאַראַליזירט, איז גאָרנישט — — — מוז ער ס'גאַנצע לעבן בלייבן אָן אַ ווייב, — האָט ס'קול באַ ישראלין זיך געביטן, ווי באַ אַ קינד, ווען ס'וויל זיך פאַנאַנדערוויינען.

— אַז איינער האָט אַ קראַנק ווייב, ישראלי, און די קרענק איז נישט היילבאַר, געפינט מען באַ די אחרונים אין שאלות־ותשובות, אַז ער מעג זיך נעמען אַ פּילגש . . . מען געפינט עס אפילו באַ ר' יעקב עמדן . . .

— און פאַרקערט, — האָט ישראלי, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן מוציא־מעסער, זיך מיטאַמאָל אַ שטעל געטאָן, אַזאַ הויכער, אַזאַ ברייטער, — און אַז דער מאַן איז גוט אַף כפּרות, וואָס דאַרף ס'ווייב טאָן?

— ס'ווייב? — האָט דער רב זיך אַ רוק געטאָן מיט דער אויסגעבעטער שטול און געקוקט מיט פאַרדאַכט אַף ישראלין. — ס'וויפלטע גלאָז וויין האָסטו נאָר־וואָס אויסגעטרונקען?

— גייט אַהיים און לייגט זיך שלאָפן, ישראלי, — האָט די רביצן זיך אויך אויפגעשטעלט.

— איר מיינט כ׳בין שיכור ? — האָט די צונג בא ישראלין זיך געוואַקלט און געטראַכט האָט ער, אַז די רביצן דאַרף האָבן אַ מאַן. — איך בין ניט שיכור. כ׳קען אייך אַפילו איצט אָפּציילן די פינף הונדערט דאָלער פאַר דער שול.

— אום שבת ? — האָט דער רב זיך אויך אויפגעשטעלט.

ישראלי מיטן מעסער אין האַנט האָט אויסגעזען ווי אַ גזלן, וואָס קלייבט זיך וואַרפן אַף זיין קרבן. דער מח האָט זיך בא אים געהויבן, געשפּאַרט דעם קאָפּ אַלץ העכער און העכער. ער וואָלט דעם רב צונויפגעדרייט אין דרייען און וואָלט אַוועק מיט דער רביצן, וואָס האָט אַזוינע לאַכעדיקע אויגן. אָט איז די רביצן, זי רירט אָן זיין האַנט, נעמט פון אים צו ס׳מעסער. דער מח רירט שוין אָן די סטעליע. די רביצן העלפט אים אָנטאָן דעם מאַנטל, עפנט די טיר :

— שלאָפט אייך אויס, ישראלי.

דער רב שרייט אים נאָך :

— אַזאַ שיכור ! אַזאַ איטאַליענער !

.1936

אויסגעוואָרצלט

דעם דריי־און־צוואַנציקסטן דעצעמבער נאָכמיטאָג האָט גענומען רעגע־נען, דערנאָך שנייען און פרירן. עס איז געוואָרן קאַלט און גליטשיק. פאַר־נאַכט איז לייזער, א צופרידענער, געפאָרן אהיים מיט א ליידיק וועגעלע. ער האָט געהאַט באַזאָרגט אַלע זיינע קונדן מיט קוילן. לייזערס האַרץ, וואָס איז שוין אַלט געווען איבער זיבעציק יאָר, האָט אים גענאָגט. ס׳האַרץ האָט געבענקט נאָך אַן עוקץ בראָנפן. ער האָט א טרייב געטאָן מיט די לייצעס ס׳פערד און גענומען אויסרעכענען אפן קול, ווי ער וואָלט אימיצן דערציילט, אז אין שטוב שטייט א געמאַכטער שמאַלץ־הערינג, ס׳געפינט זיך א פלעשל „סקאַטש". געמאָלן פלייש האָט ער געפירט מיט זיך. ווי ער וועט אהיים־קומען — שטעלט ער צו א פאָר קאַרטאָפל, פּרעגלט אָפּ דעם קאָטלעט — און די וועטשערע איז פאַרטיק. פונעם בלויזן געדאַנק, אז ער וועט באַלד אָפּעסן, האָט דאָס נאָגעניש אַרום האַרץ נאָכגעלאָזט.

א טרוקענער שניי, א שטעכיקער, האָט זיך געדרייט און געהויבן איבער פּיטקין עוועניו. גאַס, הייזער, דעכער, מענטשן — אַלץ האָט זיך געשלייערט אין שניי. זיך צונויפגעגאָסן און געבלענדט די אויגן. לייזער, ס׳פערד האָבן מער מיטן חוש, ווי מיט די אויגן, זיך גענומען אַריינדרייען אין קריסטאָפער סטריט. דאָרט האָט לייזער געוואוינט אין א הילצערן שטיבל אָף א ניט־באַבויטן פאַרוואָרלאָזטן הויף. דאָרט הינטערן שטיבל אין א שטאַל האָט ער געהאַלטן דעם רויטן קאַשטאַן, וואָס איז פון אַלטקייט געווען בלינד אָף דעם רעכטן אויג.

פון קריסטאָפער סטריט איז אָנגעפאָרן א לאַסט־אָטאָמאָביל, גרויס ווי א פאַרשנייט הויז. לייזער האָט געוואָלט אויסמיידן דעם אָטאָמאָביל, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע גאַס, האָט פאַרשטעלט די ראיה. און איידער וואָס, ווען, האָט לייזער אָפּגעלאָזט די לייצעס, צעשפּרייט די הענט און די גאַס איז אים א פלי געטאָן אין די אויגן אריין. ער איז געפלויגן פון דער קעלניע און זיך געחידושט, וואָס דווקא איצט, א מינוט פאַרן טויט, טראַכט ער וועגן דעם געמאָלענעם פלייש, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן. אז מענטשן האָבן זיך גענומען קלייבן, איז לייזער שוין געשטאַנען אָף די פיס, אָפּגעקלאַפּט

פון זיך דעם שניי און געזוכט ארום זיך דאס פוטערנע היטל מיט די אויערן־דעקלעך. דער אַטאַמאַביל האט געהאט אפגעריסן פונעם וועגעלע א שטיק ראַד. ס'פערד איז געשטאַנען אף דריי פיס און גערעוועט. דעם פערטן פוס האט דער קאשטאַן געהאַלטן אין דער לופטן, אים געהאַלטן ווי א פרעמדן, ווי א צונעמ־שעפעטן, נישט געוואוסט ווי נאך מען ווערט פון אים פטור. דער שאָפער האט געדעקט לייזערן אין דער מאַמעס מאמען אריין. לייזער איז אים גאַרנישט געבליבן שולדיק, האט געשריען איבער קריסטאָפער סטריט, איבער זיין סטריט.

— אזוי און אזוי, הינטישער זון, פארפוילטע באנאנע, הילצערנער פיס־טאַלעט, מיט א פנים, ווי מען שטעלט א פוס א קאץ אפן ווײדל!

ס'איז אונטערגעקומען א פאַליסמאַן. ערשט איצט האט דער אַלטער לייזער אף ס'ניי גענומען דעקן דעם שאפער. גאַנץ קריסטאַפער סטריט האט לייזערן מיטגעהאַלפן. דער פאַליסמאַן האט קוים איינגעשטילט דעם עולם. ער האט אויסגעפרעגט לייזערן, אויסגעפרעגט דעם שאפער. דער אַטאַמאַביל איז פארשוואונדן. שכנים, שכנישע יינגלעך האבן געשלעפט דעם צע־בראַכענעם וואָגן צו לייזערן אפן הויף ארויף. ס'פערד, ווי עס וואַלט געווען געפענטעט, איז געשפרונגעז אף דריי פיס, נאכגעשפרונגען דעם וואָגן. דער קאפ פאררים, דער פיסק פארשטומט. לייזער האט געגלעט דעם קאשטאַן איבערן האַלדז, אריינגערעדט אין אים:

— ס'פעלט דיר נאך צום בלינדן אויג א לאַמער פוס!

לייזער האט נישט געהערט, ווי שכנים האבן אים געטרייסט:

— איר האט נאך גוט אפגעשניטן, לייזער! איר דאַרפט גומל בענטשן!

דערנאך איז לייזער איינער אליין געבליבן מיטן קאשטאַן. א גאַנצן בונט שטרוי האט ער צעשפרייט אונטערן פערד, ס'געלעגער זאַל זיין ווייכער. דעם קראַנקן פוס האט ער אויסגעשמירט מיט טערפענטין. ער האט אָנ־געשאָטן דעם קאשטאַן אַן „אָברעק", אים אָנגעגרייט א טרונק און איז אריין צו זיך אין שטוב. ס'האט לייזערן שוין מער נישט געהונגערט. ער האט אין דער פינצטער אויפגעזוכט ס'פלעשל „סקאטש", עטלעכע שפאָרע צי־געטאָן און זיך גענומען אויסטאָן. ער האט זיך איינגעדעקט און איז גלייך איינגעשלאָפן. ער איז אפגעשלאָפן א גאַנצע נאכט און א האַלבן טאָג. דעם פיר־און־צוואַנציקסטן דעצעמבער האט ער זיך ערשט אויפגעכאַפט. ער האט זיך פרובירט אויפהויבן און נישט געקאַנט. אַלץ האט אים ווי געטאָן —

דער קרייץ, די פּלייצעס, די לונגען. הענט און פיס האָבן געשוועכט, ווי זיי וואָלטן געוועזן געלייגט. לייזער האָט ווידער איינגעדרימלט.

האָט ער זיך אַליין צעקרעכצט, ציט ער האָט דערהערט, ווי די שטומע, קראַנקע חיה וויינט אין שטאַל? לייזער האָט זיך א ריס געטאָן און זיך אויפגעזעצט. פונעם מויל האָט זיך געשפּריצט א ווייסע פּאַרע — א סימן, אַז אין שטוב איז גוט קאַלט. ער איז ווי עס איז אַריין אין די הויזן, אַריין אין די שיך און האָט גענומען מאַכן דעם אויוון. אין שטוב איז שוין געווען נאַכט, כאָטש אַרום די צוויי פענצטער האָט דער שניי נישט געלאָזט נאַכט ווערן.

לייזער האָט צוגעשטעלט טיי, צוגעשטעלט קאַרטאָפל אין די שאָלעכץ. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך א שמוישן רעקל און איז אַרויס פון שטוב. די קעלט, א שטעכיקע, א שאַרפע, האָט דעם זקן גענומען אויסטאָן א נאַקעטן. זי האָט זיך פאַרקליבן, ווי אַן עגבער, אין דער נאָז אַריין און די גרויע אויגן האָבן זיך אָפגעגאָסן מיט טרערן. ס'האָט פאַרפעלט אָטעם. די קעלט האָט געשפיליעט די קנעפלעך, געשליידערט שטיקלעך אייז איבערן לייב.

ער האָט זיך קוים דערשלעפּט אין שטאַל אַריין צום פערד. דער קאַשטאַן האָט זיך צעוויינט. אין שטאַל איז שוין געווען גוט פינצטער. לייזער האָט אָנגעשאָטן א טאָרבע האָבער, איבערגעדעקט ס'פערד מיט א קאָלדרע און בײדע זיינען אַרויס אַפן הויף. לייזער האָט זיך צערעדט:

— וואָס זאָגסטו צו אַזאַ פראָסט? צו אַזאַ קרירה? ס'איז דאָך סכנת־נפשות! איך בין אויך קראַנק, פערדל מיינס. מן הסתם עפּעס אָפּגעשלאָגן זיך פון נעכטיקן פאַל. און אַז דו ביסט א שטומע חיה, א שטומע צונג, איז וואָס? קראַנק ביסטו? וואָס ווילסטו אַליין ליגן אין שטאַל, ווען אין שטוב ברענט דער אויוון, ווען אין שטוב דרייט זיך אַרום דיין באַלעבאָס? איך בין קראַנק, דו ביסט קראַנק. צוזאַמען געשלעפּט די קוילן, צוזאַמען געפאַלן — דאַרף מיר אָנשטיין צו זיין מיט דיר אין איין שטוב, ווען דו ביסט א חולה. הא, וואָס זאָגסטו, פּגירה מיינע?

ס'פערד האָט זיך געהויבן איבער די דריי טרעפּלעך, זיך געהויבן אַף דריי פיס. לייזער האָט עס אַריינגעפירט אין קיך אַריין, עס אָוועקגעשטעלט קעגנאיבער דעם צעברענטן אויוון. ער האָט צוגעשנאָלט די טאָרבע האָבער איבערן פערדס אויערן און אַליין האָט ער זיך געזעצט עסן הערינג מיט קאַרטאָפל.

לייזער האָט א שאַר געטאָן פון זיך בײדע טעלער, נישט געהאַט קיין

אפעטיט. ער האָט אריינגעשלעפּט ס׳אייזערנע בעטל אין קיך אריין, אראָפּ־געוואָרפן די שיך און זיך אויסגעצויגן אפן געלעגער.

פונעם צעעפנטן אויוון־טירל האָבן זיך געשאַרט פלאַמען, זיך צעלייגט איבערן דיל. לייזער האָט געקוקט אין די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין די פאַרפרוירענע שויבן, געקוקט צום פאַרשלאָסענעם שופלאַד, וואו ס׳איז געלעגן דאָס ביכל מיט חובות.

דאָרט, אינעם שופלאָד, איז געלעגן לייזערס א האַלב לעבן און אפילו ס׳גאַנצע. די עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מלאווע, זיינען שוין לאַנג געווען צעשטויבט. אין זכרון זיינען פאַרבליבן טאַטע־מאַמע, ברידער־שוועסטער. אַלע זיינען שוין לאַנג געווען אַף יענער וועלט. דערנאָך זיינען געשטאַנען דאַטעס, ווי מילשטיינער. לייזער ווערט א שמייסער־יונג. דערנאָך האָט ער חתונה, דערנאָך אַן אייגן געשפּאַן, דערנאָך ניו יאָרק.

איבער דרייסיק יאָר, ווי לייזער צעפירט איבער בראָנזוויל קוילן. אינעם חובות־ביכל איז אַלץ פאַרשריבן. דאָ אַף קריסטאָפּער סטריט האָט ער זיך איינגעפונדעוועט — אַן אייגן שטיבל, אַן אייגן פערד־און־וועגעלע, אַן אייגענע חברה: „אנשי פוילן״.

היינט איז „ניטול״. אין דער חברה „אנשי פוילן״ גרייט מען זיך צום אמתן פרעס. „ניטול״ שפּילן חברה אין קאָרטן. מען עסט געבראָטענע קאַטשקעס און מען פאַרטרינקט מיט ביר. לייזער וועט היי־יאָר „ניטול״ בלייבן בא זיך אין שטוב. ס׳איז נישט מער פאַר זיינע כחות. צייט ס׳ווייב איז אים געשטאָרבן — און זי איז שוין טויט דריי יאָר — האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצוואָרצלען. פון שטיבל איז געוואָרן א חורבה, מען קאָן עס נישט דערהייצן. דער קאַשטאַן איז בלינד געוואָרן אפן רעכטן אויג, בלינד געוואָרן פון אַלטקייט. און איצט דאָס נייע אומגליק. נעכטן נאָך דעם פאַל איז ער נאָך געווען זשוואַווע. היינט — איז ער א צעבראָכענער שאַרבן.

אין קיך איז אַלץ פינצטערער געוואָרן. די אויוון־פלאַמען האָבן אריבער־געטראָגן ס׳פערד אַף דער וואַנט, וואָס לעבן בעטל. איבער לייזערן האָבן זיך געהויבן א האַלדז, א קאָפּ, א טאָרבע, ווי ס׳פערד וואָלט זיך געלייגט איבער אים. ס׳איז אים געוואָרן אומהיימלעך. ער האָט זיך גענומען רוקן צום פאַרענטש, וואָס ווייטער פונעם פערד. מיטאַמאָל האָט ער אראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט א בייטש, זי א הויב געטאָן איבערן פערדס קאָפּ און זיך צעשריען:

— גיי מיר אוועק פון די אויגן!

ס'פערד האָט זיך איבערגעשראָקן, זיך אַ שטעל געטאָן אויפן קראַנקן פוס און זיך צעוויינט. לייזער איז אַראָפּ פון געלעגער, אַרומגעכאַפּט ס'פערד באַם האַלדז, עס געגלעט, עס געטוליעט צו זיך:

— נו, וויין נישט, פּגירה מיינע, נו, וויין נישט! איך בין קראַנק, דו ביסט קראַנק — מיר האָבן ביידע שוין אויסגעווירטשאַפט.

די פלאַמען האָבן אַריבערגעטראָגן לייזערן מיטן פערד אויף דער וואַנט. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און זי גלייך געעפנט. צוויי לאַנדסלייט לייזערס, וואָס זיינען געקומען מבקר־חולה זיין אים, זיינען געבליבן שטיין באַם אַריינגאַנג. זיי האָבן געקוקט אויף לייזערן, געקוקט אויפן פערד און זיך צעלאַכט:

— וואָס איז, לייזער, האָסט דיר שוין קיין בעסערן ביי־שלעפער נישט געקאָנט צוזוכן?

לייזער האָט געקוקט אויף זיינע לאַנדסלייט, גאָרנישט געענטפערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

1936.

אין דער נאַכט פון ניטל

דער קלימפּער פון די לויז־פּאַרקיטעוועטע שויבן אין די פענצטער־ראַמען האָט אָנגעזאָגט, אַז אַ וואָגן קומט אָנצופאָרן. באַלד האָט זיך בורעק אַ ריס געטאָן פון אונטערן טיש. דער הונט, מיט די אָנגעשטעלטע אויערן, האָט זיך פריער אַ צי געטאָן אויף די הינטערשטע פיס, דערנאָך אויף די פאָדערשטע, און אזוי, אַ צעפלויגענער, האָט ער זיך פאַר אַ ווייל איינגעהערט. און אַז דער וואָגן־געקלאַפּער, וואָס האָט שוין געהאַט צעטרייסלט אויך די ווענט, האָט זיך גענומען טראָגן איבערן הונטס חוט־השדרה, האָט ער מיט איין שפרונג זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פעדערשטע לאַפּעס אָן דער טיר. שטיקלעך ריחות, ווייטע, באַקאַנטע, האָבן זיך צו אים דערטראָגן דורך די טיר־שפּאַלטן, דורך דער קליאַמקע. דער הונט האָט געקראַצט ארום דער קליאַמקע מיט די נעגל, געפּייקלט מיט די לאַפּעס און פון די זייטן, וואָס האָבן זיך געהויבן, ווי בלאָז־זעק, האָט זיך געטראָגן אַ וואָרטשעריי.

שרה־לאה, אַ יידענע, ווי אַ מאַנסביל, וואָס איז געשטאַנען מיט פאַר־קאַשערטע הענט און האָט פאַרקנאַטן אַ דייזשע ברויט, האָט אַ רוף געטאָן די דריי יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפן פּיעקעלעק:

— לויפט נאָר ארויס, קינדער, לויפט נאָר, דער טאַטע, דאַכט זיך, איז שוין דאָ קריק.

די יינגלעך, איינס קלענער פונעם צווייטן, האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פונעם פּיעקעלעק און, ווי זשרעבקעלעך, זיך אַ שאָט געטאָן צו דער טיר, וואָס דער הונט האָט פונקט דעמאָלט געהאַט געעפנט. אַ ווייסער וואָלקן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב אריין, אָנגעזאָגט אַ קעלט, האָט מיט־געבראַכט ס'בילן פונעם הונט, ס'געשריי פון די יינגלעך:

— ס'שנייט! מאַמע, ס'שנייט!

אַ טרוקענער, שטעכיקער שניי האָט געקערט דעם הויף, אָנגעבלאָזן דאָ אַ פּריזמע, דאָרט אַ פּריזמע, זיי איבערגעגלאָזט, ווי פאַרשנייטע קברימלעך.

יאָסקע זאַמדפירער, מיט אייז־צעפּלעך אין דער באָרד, אין די וואָנצעס, האָט מיט איין האַנט געגלעט דעם הונט, און מיט דער צווייטער האָט ער

אויסגעשפּאַנט די אָקסן פונעם וועגעלע. זיינע דריי ייִנגלעך זיינען באַפאַלן ס'וועגעלע. זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט אַ בלעך נאַפט, אַ היטל צוקער, אַ קעל־בערנעם געשלידער, אַ געפרוירענעם, וואו די לונג איז געווען בלוי און די לעבער שוואַרץ. יאָסקע האָט אַריינגעפירט די אָקסן אין שטאַל אַריין. באַלד איז אָנגעקומען שרה־לאה מיט אַ שאַף געקעכץ. די הונגעריקע אָקסן האָבן ביידע מיט אַמאָל אַ שטעק געטאָן די מאָרדעס אין שאַף אַריין און זיך צעקלאַפּט די קעפּ. ביידע האָבן פאַרשאַרצט די ליפּן, אויסגעשטשירעט די ציין און זיך ביידע צערעוועט:

— מו־ו־ו!

— אָקסן בלייבן אָקסן, — האָט שרה־לאה אַראָפּגעשלעפּט די אַרבל איבער די נאַקעטע הענט און העכער פאַרנומען די פּאָלעס אין סטאַן אַריין.

— וואָס אַזוי פרי היינט, יאָסקע?

— ס'איז דאָך ניטול, — האָט יאָסקע אָנגעשטופּט צווישן די לייטערלעך היי, — און ניטול איז די גלייכסטע זאַך צו זיצן בא זיך אין שטוב.

— ביסט אַ מבין, ווי ס'בלאָזט? — האָט ס'ווייב מיט אויסגעקרימטע פינגער אַראָפּגענומען די אייז־ליכטלעך פונעם מאַנס באָרד. — ס'פאַרנעמט זיך אַף אַ זאַווערוכע.

יאָסקע האָט נישט געענטפערט. ער איז בטבע געווען אַ שווייגער. זומער האָט ער געהאַלטן אין אַרענדע דעם שרהשן סאַד. ווינטער — האָט ער צוויי און דריי מאָל אַ וואָך אַריינגעפירט קיין זשמיגראַד אַ וועגעלע ווייסן זאַמד. פון ביידע פּרנסות איז קוים געווען אַ קאַרטאָפל און אַ שטיקל געשמילץ. און אַז צווישן די טאַטרען־בערג האָט זיך אָנגעשטעלט אַ שווערער ווינטער — האָט מען געהונגערט. און כאָטש יאָסקע איז דאָ אין טאָל צווישן די בערג געבוירן געוואָרן, דאָס שטיבל מיטן שטיקל לאַנד האָט ער געירשנט פונעם פאָטער, מיט די באַרג־פּויערים איז ער צוזאַמען געוואַקסן — איז דאָס אַלץ אָבער נישט געווען געוואוינט זאָל זיך פילן היימיש אין אַ חגא. און אין דער נאַכט פון ניטול איז אים גאָר באַפאַלן אַן אימה. מיטן אָוונט האָט ער פאַרקייטלט די לאָדנס, פאַררינגלט די טירן, געזען ס'זאָל פרי נאַכט ווערן.

מאַן און ווייב זיינען אַרויס פון שטאַל. פאַרחידושטע האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, ווי מען וואָלט בא זיי צוגענומען דעם פאַרנאַכט. אין די בערג איז שוין געווען נאַכט. אַ שנייאיקע נאַכט, אַ קאַלטע, גאָר אַ קאַלטע. דער ווינט, וואָס האָט געקערט דעם שניי, אָנגעשאָטן בערג און בערגלעך, האָט זיך געטראָגן מיט אַ פאַרשטיקט פּייפעריי.

— ווי געפעלט דיר א „באזשע נאראדזעניע״? — האט שרה־לאה א שלעפ געטאן דעם מאן. — נישט אנדערש, ווי דער יוזל זייערער האט זיך אויפגעהאנגען! קום, ביסט דאך הונגעריק!

די היץ, וואס האט זיך געטראגן פונעם אויסגעהייצטן באק־אויוון פון דער ברייטער קיך, האט געשמאלצן דאס געפריר אף די שויבן, האט צענומען יאסקעס דורכגעפרוירענע גלידער. און אז ער האט אפגעדאוונט מעריב האט שרה־לאה שוין געהאט אוועקגעשטעלט אין מיטן טיש א שיסל פאריקע קארטאפל, א שיסל קרויט. דער עולם האט זיך גערוקט ארום טיש, גע־טונקען די בלעכענע לעפל אין די שיסלעך, זיי געהויבן צו די מיילער. און אין דער גרויסער ווארעמער שטוב איז געשטאנען א כראמשקען, א געקריץ פון ציינער. מען האט כמעט ווי נישט גערעדט, נאר געקייט. נאכן עסן איז יאסקען באפאלן א מידקייט. ער האט זיך א רוק געטאן מיטן בענקל צום אויוון און אפגעווארפן די פיס. ס׳קליינוואַרג זיינען באפאלן דעם פאטערס שווערע שטיוול, געשלעפט פאר די טילקעס, פאר די נעז, זיי קוים אראפ־געצויגן. יאסקע האט פון גרויס תענוג זיך אזש צעקרעכצט. און אזוי קרעכצנדיק האט ער גענומען דערציילן וועגן אמאליקע צייטן, וועגן דעם ווי די בארג־פויערים האבן אינעם „הייליקן מיטוואך״ אויסגעפוצט א שטרויענעם יודאש אין אן אטלעסענער קאפאטע, אין א שטריימל. זיי האבן אים צו־געקלעפט א געלע באָרד און מיט גרויס פאראד האבן זיי אים דערטרונקען אט דא הינטערן פענצטער אין דער ווייסלאקע. ער, יאסקע, האט זיך בא־האלטן אפן בוידעם און זיך צוגעקוקט צו דער פראצעסיע.

דער ווינט האט זיך א שפאר געטאן אין די לאדנס, פארקראכן מיט א היילן אין קוימען, אז ס׳קליינוואַרג האט פון מורא זיך גענומען צונויפרוקן.

דער פאטער, וואס האט שטענדיק געשוויגן, האט נאך דערציילט, דער־ציילט. ס׳ווייב האט זיך געחידושט, די קינדער האבן זיך געחידושט. די צעשמיסענע באקן האבן ארויסגעפלאמט פון דער שווארצער באָרד און אז די אויגן האבן זיך בא אים גענומען קלעפן, האט ער זיך מיטאמאל, ווי א וועק געטאן, זיך דערמאנט:

— מען דארף געבן די אקסן א טרונק.

— איך וועל גיין, טאטע, — האט דער צוועלף־יעריקער שלמה זיך א שטעל געטאן. — איך מיט פישלען.

און אז דער צען־יעריקער פישל איז שוין געשטאנען גרייט, האט דער אכט־יעריקער הערשל זיך א רים געטאן:

— און איך וועל טראָגן די לאַמטערנע!

מען האָט פון איבערן אויוון אַראָפּגעשלעפּט א לאַמטערנע מיט פאַר־קאַפּטשעטע שייבלעך. מען האָט אָנגעצונדן א שטיקל ליכט און אַלע דריי זיינען אַרויס מיט א געלויף און א געפּילדער.

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער. און פון דער פינצטערניש איז אָנ־געלאָפן א שנייאיקע קעלט, פאַרלאָפן דעם וועג און מיט א רעווען זיך געוואָרפן אויף די יינגלעך. דער ווינט האָט אויסגעלאָשן די לאַמטערנע, צעבלאָזן די מלבושימלעך און איבער די לייבער זיינען געקראָכן בייסיקע שטיקלעך קעלט. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט צום שטאַל. און אַז זיי זיינען שוין געשטאַנען אינעווייניק און א בהמהשע וואַרעמקייט האָט א שלאָג געטאָן אין די פּנימער אַריין, האָט שלמה א געשריי געטאָן צום יינגסטן ברודער:

— עפן די לאַמטערנע, גיכער!

ער האָט אָנגעריבן א שוועבעלע, אָנגעצונדן דאָס שטיקל ליכט און אויפגעזוכט דעם הילצערנעם עמער. באַם אַריינגאַנג איז געשטאַנען א פאַס וואַסער אַרומגעלייגט מיט בהמה מיסט. שלמה האָט אָנגעשעפּט אַן עמער וואַסער און עס צוגעטראָגן צו די אָקסן:

— טרינקט! טרינקט!

און ווי דער ערשטער אָקס האָט אַריינגעצויגן דעם עמער וואַסער און פון זיין פּיסק האָבן זיך געצויגן וואַסער־לייצעס, האָבן די ברידערלעך — פּישל און הערשל — זיך צעשריען:

— ס'ברענט!

א קופּקע היי, וואָס איז געלעגן לעבן דער פאַס וואַסער, האָט געברענט. שלמה האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט גענומען גיסן עמערס וואַסער אין היי אַריין. און אַז די אָקסן האָבן אָנגעהויבן מריטשען, זיך געשראָקן פאַרן פייער, האָט שלמה א געשריי געטאָן צו די ברידער:

— פירט זיי אַרויס, די אָקסן, פירט זיי אַרויס!

באַלד זיינען אָנגעלאָפן יאָסקע מיט שרה־לאהן. מען האָט געגאָסן וואַסער. און אַז מען האָט דערשטיקט ס'פייער מיט נאַסע פלאַכטעס, מיט דערעס, און אַז מען האָט דעם כעס אויסגעלאָזט צום קליינוואַרג, געשלאָגן אַלע דריי וואו ס'האָט זיך געלאָזט, האָט די מוטער זיך געטרייסט:

— נאָך גוט, וואָס זיי האָבן געהאַט שכל אַרויסצוטרייבן די אָקסן!

— וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן, ווי א קו וואָס קעלבט זיך? — האָט

דער פּאָטער אַ נעם געטאָן שלמהן פאַרן קאָלנער און אים אַ שיק געטאָן צו דער טיר. — גיי, פיר אַריין די אָקסן!

שלמה האָט זיך געזוימט, געזוימט. און אַז ער איז נישט קריקגעקומען, זיינען אַלע אַרויס פון שטאַל. די מוטער האָט גענומען רופן: „שלמה! שלמה!" ס'האָט זיך בלויז דערטראָגן אַ ווידערקול. און אַז די מוטער האָט אָפּ ס'ניי גענומען רופן, האָט יאָסקע זי איבערגעשריען:

— שלמה, וואו ביסטו, שלמה?

שלמה איז אָנגעקומען. ער איז געשטאַנען אַ פאַרסאָפּעטער, אָן אָטעם. ער האָט געוויינט:

— די אָקסן זיינען ערגעץ פאַרקראָכן!

— פאַרקראָכן? — האָט יאָסקע זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּן ייִנגל, אים געשלאָגן, אים געטראָטן. — אָן די אָקסן וועט מיר אויסקומען צו גיין איבער דער מדינה נאָך בעטל־ברויט!

— גענוג געשלאָגן! — האָט די מוטער זיך אַריינגעריסן צווישן יאָסקען און דעם ייִנגל. — וועסט דאָך אים דערהרגענען, מערדער!

יאָסקע האָט זיך געלאָזט מיטן פעלד. ער האָט געטריבן דעם הונט, געשריען:

— בורעק, די אָקסן! וואו זיינען די אָקסן?

דער הונט איז מיט אַ בילעריי געלאָפן אָפּ אַ פריער. אַזוי איז יאָסקע אָפּגעגאַנגען איבער אַ מייל, אַרויס פון די כחות. ער האָט זיך אומגעקערט און איז אַריין אין שטוב. די קינדער האָט מען אָפּ די אויגן נישט געזען, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשטעקט אין די נאָרעס. שרה־לאה האָט זיך געבעטן באַם מאַן:

— גלויב מיר, אַז די אָקסן וועלן זיך אָפּזוכן. גיי שלאָפן.

יאָסקע האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין די קליידער, זיך געדרייט, געקרעכצט און געליטן, וואָס די זאַווערוכע לייגט איין וועלטן, וואָס ס'איז ניטול, וואָס אין ניטול צעהוליעט זיך דער נישט־גוטער, פירט אַרויס אָקסן פון שטאַל.

פאַרטאָג איז שוין יאָסקע געווען אָפּן וועג צו די טאַטרען־בערג. דער הונט אָפּ אַ פריער. יאָסקע האָט געזוכט אַ סליאַד. די זאַווערוכע האָט שוין געהאַט נאָכגעלאָזט. בלויז שנייעלעך האָבן זיך געהויבן אין דער בלויקייט, געבלענדט די אויגן, פאַרווישט די טריט פון די קראָען־לאַפּקעס.

יאָסקע האָט קיין סליאַד נישט געפונען. און מיטאַמאָל האָט דער הונט

זיך צעבילט. באַם שטיינערנעם אָפּרים זיינען געלעגן די אָקסן אויף די הינטערשטע פּיס — ווייסע אָקסן מיט פאַררויסענע מאָרדעס. איבער די אָקסן האָבן זיך געטראָגן קראָען. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט און זיך צעוואָיעט.

יאָסקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אָפּרים. אַ קאָפּ איבער אַ קאָפּ. דאָס רעווען פאַרגליווערט אין די צעעפנטע פּיסקעס. די פעדערשטע פּיס פאַררויסן, ווי אַ קאָפּיע צו טאָן. אזוי זיינען די אָקסן געלעגן פאַרגליווערטע, געפרווירענע, ווי אויסגעהאַקטע פונעם שטיינערנעם אָפּרים.

יאָסקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אָפּרים. אַ קאָפּ איבער אַ קאָפּ. דאָס שטיין אַ פאַרגליווערטער, קיין כח נישט געהאַט אָפּצוטרייבן די פאַרשאָלטענע נשמות, די קראָען, וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן מיט אַ קראַקעריי.

בלויז דער הונט, וואָס האָט דערשמעקט אַרום זיך דעם טויט, האָט געדרייט מיטן עק, פאַררויסן די מאָרדע איבערן שניי און זיך אומגעהאַריש צעבילט.

.1935

אין צוואַנציק מינוט

דורכן אָפֿענעם אײַזערנעם טיר איז פֿריער אַרויס קעפּטן — אַ ברוינער, געוויקסיקער הונט, גרויס ווי אַ וואָלף. נאָך אים — דער באַלעבאָס, ברינאָ, אַ דאַרער, געבויגענער אונגאַר, דער דזשעניטאָר פֿון אַ פֿינף־שטאָקיק הויז, וואו די פֿענצטער זײַנען אַרויסגעגאַנגען אױף אַ פּראָספּעקט עוועניו, אין קראָטאָנאַ פּאַרק אַרײַן.

ברינאָ האָט מיט בײדע הענט געשלעפּט אַ גומענע קישקע צונויפֿגעוויקלט ווי אַ ראָד. ער האָט אָפּגעשרויפֿט די וואַסער־מוטערקע, פֿאַרפֿעסטיקט די קישקע און זיך געחידושט, וואָס פֿון איין זונטיקדיקן טאָג האָט זיך אָנגעקליבן אַרום הויז אַזוי פֿיל שמוץ און אָפּפֿאַל.

ברינאָ האָט צעוויקלט די קישקע, וואָס האָט זיך געצויגן לענג־אויס דעם טראָטואַר. די קישקע האָט געקילט די הענט, זיך געדרייט, ווי אַ שלאַנג. וואַסער האָט אַ שפּריץ געטאָן פֿונעם מעשענעם שנויץ. די צעפֿלויגענע טראָפּנס זײַנען צוריקגעפֿאַלן אין דעם שטילן פֿאַרטאָג מיט אַ טעמפּן קלימפּער.

ברינאָ האָט געזוכט דעם הונט.

קעפּטן איז געזעסן באַם אײַזערנעם פּלויט, וואָס איז קעגנאיבער דער גאַס, געזעסן אַן אויפֿגעהייטערטער אױף די הינטערשטע לאַפּעס. ער האָט געשטעקט די נאָז צווישן די אײַזערנע שטאַכעטן, געהויבן די אויערן, אויפֿגעכאַפּט ריחות, אויפֿגעכאַפּט טריט און שטיקלעך קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון הינטער די געמויערטע ווענט.

דער צוויי־יעריקער קעפּטן האָט געבענקט נאָך דער רויט־האָריקער פֿרענסים. און אַז אַן אײַזערנער שטאַכעטן־פּלויט האָט אים אָפּגעטיילט פֿון איר, איז וואָס? ס'איז גענוג געווען קעפּטן זאָל פֿאַרמאַכן די אויגן, אָנ־שפּיצן די אויערן — און אויס פּלויט, אויס שטאַכעטן. מיט איין שפּרונג איז ער לעבן פֿרענסיסעס קעלער־שטוב. פֿון הינטער דער טיר, פֿון הינטער דער געמויערטער וואַנט, ציטערט די ערד, ציטערט דער דיל. ס'טראָגן זיך שטיקלעך קולות פֿון קעפּטענען צו פֿרענסיסן, פֿון פֿרענסיסן צו קעפּטענען. דעם הונטס צעבאַרשטע פֿעל בערגלט זיך אַרום די ביאָדרעס, אַרום קאַרק. דער

ווידל רוט נישט — בייגלט זיך, ווינט זיך, הויבט זיך, ווי אַ לירע, וואָס שיקט ליבע־סיגנאַלן. די שאַרפע רייס־ציין דעקן זיך אָפּ, בליצן פון ווייסקייט, לאָזן אַרויס אַ גרימעריי, וואָס טראָגט זיך פון די געדערים, טראָגט זיך איבערן רוקנביין מיט אַ פרייד־רוף.

אַזוי האָט זיך דער צוויי־יעריקער קעפּטן געיאָגט נאָך דער אַנדערהאַלבן־יעריקער פּרענסים, זיך געיאָגט באַטאָג, באַנאַכט, געטריבן פון איר פּלויט די שכנישע הינט. ברינאַ האָט נישט איינמאָל געריסן קעפּטענען די אויערן, אים געשלאָגן מיטן פּאַסעק, אָנגעזאָגט זיך נישט צו יאָגן נאָך פּרענסיסן. ס'האָט נישט געהאָלפן. און אַז ברינאַ האָט איצט דערזען, ווי דער הונט שטייט באַם פּלויט און בילט אין דער שטיל, רופט פּרענסיסן, האָט ער פון כעס אָנגעשטעלט די קישקע, גענומען צילעווען אין כלב, אַרויסגעלאָזט אָף אים איין וואַסער־פּייל נאָך דער צווייטער.

קעפּטן האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ בילעריי, זיך גענומען דרייען פריער אין אַ רעדל, דערנאָך אין אַ ראָד. פונעם קאַלטן וואַסער איז דער הונט קלענער געוואָרן. די מאָרדע געבויגן צו דער ערד, דער ווידל צווישן די הינטערשטע פיס, ווי די גאַנצע גבורה וואָלט מיטאַמאָל פון אים אָפּגערונען. דאָס האָט בלויז אָנגעהאַלטן אַ ווייל.

קעגנאיבער דער גאַס האָט זיך געעפנט נאָך אַן אייזערן טירל. ס'איז אַרויס מיסעס שלייכער, אַ געוויקסיקע דייטשקע, מיט פּלייצעס, ווי באַ אַ מאַנסביל. די האָר אַרומגענומען מיט אַ ווייס דריי־עקיק טיכל. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גומענע קישקע, אין דער צווייטער — אַ בעזעם. נאָך איר — די רויט־האָריקע פּרענסים, וואָס איז געווען ברייטער ווי העכער.

מיסעס שלייכער האָט אַוועקגעלייגט די גומענע קישקע און מיטן בעזעם אין דער האַנט האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן אין מיטן טראָטואַר.

— גוט מאָרגן, שכן ברינאַ.

— גוט מאָרגן, מיסעס שלייכער, — האָט ברינאַ אַ קערעווע געטאָן די קישקע־שנויץ אין רינשטאָק אַריין און אַליין איז ער נישט איינגעשטאַנען, ווי די וואַסער־קישקע וואָלט אים מיטגעשלעפּט. — ס'זעט אויס, מיר וועלן האָבן אַ שיינעם טאָג היינט.

— ס'זעט אויס, שכן ברינאַ.

ביידע האָבן געקוקט צום קראָטאָנאַ־פּאַרק, וואָס איז געשטאַנען אינעם דורכזיכטיקן יוני־באַגינען, אַ גרינער, אַ צעבליטער. ברינאַ איז געווען אומרואיק. שוין חדשים ווי ס'האָרט האָט אים געצויגן צו דער מיסעס שלייכער.

בא דער ארבעט, — און נישט בלויז בא דער ארבעט, — אפילו נעכטן אין קלויסטער, ווען ער האט געוואלט טראכטן וועגן גאט, וועגן דער הייליקער מוטער, איז אים, ווי אף צו להכעיס, בלויז מיסעס שלייכער געקומען אפן זינען. אזא הויכע, אזא געוויקסיקע. און אז זי לאכט, ציטערן אונטער איר די שטייגער, דער טראטואר. שטערט אבער, וואס קעפטן יאגט זיך נאך פרענסיסן. עס קומט אויס, אז ער, ברינא, קעפטנס באלעבאס, איז נישט בעסער פונעם הונט.

און ווי דער דארער אונגאר האט אנגעהויבן פילאזאפירן, האט מיסעס שלייכער זיך א יאג געטאן מיטן בעזעם צו די הינט. זי האט אפגעמאסטן קעפטענען מיטן בעזעם, קוים אפגעריסן פון אים איר פרענסיסן און זיך צעשריען מיט א געלעכטער:

— ס'מידל וויל ער מיר פטרן!

קעפטן האט א שטשירע געטאן מיט די ציין, עטוואס אויסגעבויגן די הינטערשטע פיס, ווי ער וואלט זיך געקליבן א שפרונג טאן. עס האט אים איצט מער נישט געארט. מעג דער באלעבאס רייסן די אויערן, שלאגן מיט דעם פאסעק, מעג די מיסעס שלייכער שלאגן מיטן בעזעם — ער וועט נישט אפטרעטן, וועט זיך נישט לאזן צונעמען פרענסיסן. א רציחה איז אין אים אויפגעגאנגען. און ווי די רציחה האט אים געטריבן פון ארט, האט מיסעס שלייכער אן עפן געטאן ס'אייזערנע טירל, ארייגעלאזט פרענסיסן און פארמאכט נאך איר ס'טירל אף א שלאס.

קעפטן איז אף א רגע געבליבן שטיין. ס'גאנצע בלוט האט זיך אים א שפאר געטאן אין דעם אויסגעבויגענעם רוקנביין, וואס איז מיטאמאל געווארן לאנג און דין. ער האט זיך א יאג געטאן. די לײדיקע גאס איז איינגעלאפן אונטער אים אין א פארשפיצט הינטיש געוייל. ער האט קונציק דורכגעשטופט דורך די אייזערנע שטאכעטן פריער די מארדע מיטן האלדז, דערנאך דעם בויך ביז צו די ביאדרעס און ער איז געבליבן שטיין. די צוויי אייזערנע שטאכעטן האבן זיך אים איינגעשניטן אין די ביאדרעס, נישט דורכגעלאזט דעם הינטערשטן טייל קערפער. דאס האט נאך פארגרעסערט אין אים די רציחה. ער האט גענומען ווארפן מיט די הינטערשטע פיס, זיי געשליידערט. ער איז זיך פארגאנגען אין אזא וואיען, אז נישט בלויז דער פרימארגן האט אויפגעציטערט, נאר די גאס האט זיך גענומען וועקן. אין די צעעפנטע פענצטער האבן זיך באוויזן פארשלאפענע פנימער. מען האט גענומען געבן עצות אי ברינאן, אי דער מיסעס שלייכער:

— גיסט אים אָפּ מיט קאַלט וואַסער.

— עפנט ס'טירל!

— רופט די „עס. פּי. סי. עי".

די איבערגעשראָקענע מיסעס שלייכער האָט אַף אַ פריער געשטעלט דעם בעזעם־שטעקן, זיך געשאַרט צום טירל. זי האָט עס אויפגעשלאָסן און געעפנט. דער הונט, וואָס איז געשטאַנען מיט די פאָדערשטע פיס אַף טרעפּלעך, איז געבליבן הענגען צווישן די שטאַכעטן. צי פון שרעק, צי דערפאַר, וואָס ער האָט דערזען דעם שונא זיינעם, די מיסעס שלייכער, קעפּטן האָט זיך מיט אַזאַ געבילעריי, מיט אַזאַ געאיילעריי גענומען וואַרפן און שליידערן, אַז דער בויך איז געפאַלן אַף די פאַרשפּיצטע שטיקלעך אייזן, וואָס האָבן זיך, ווי טשוועקעס, געהויבן צווישן די שטאַכעטן.

דער הונט האָט געבלוטיקט, געוואָיעט און געבלוטיקט און נישט געקאָנט אַרויס. ברינאַ האָט אים געוואַשן מיט קאַלט וואַסער, אים געגלעט דעם רוקן, דעם פאַרשווילטן בויך, אים געגלעט די אויערן און זיך געבעטן בײַ אים:

— נו, קעפּטן, בערואיק זיך, קעפּטן, וועט מען דיך אַרויסנעמען.

דער הונט האָט געקוקט מיט די פאַרלאָפענע אויגן אַפן באַלעבאָס און זיך בערואיקט. דאָס האָט אָבער בלויז אָנגעהאַלטן אַ ווייל. און ווי אַ פאַר־ווײנט קינד, וואָס דערמאָנט זיך, אַז מ'האָט עס אומזיסט געשלאָגן, נעמט נאָך העכער וויינען, אַזוי האָט דער הונט פון מאָל צו מאָל אַרויסגעלאָזט אַן אומגעהאַריש וואָיען. און אַז פרענסים האָט אים געענטפערט, האָט זיך קעפּטן גענומען שליידערן מיט די לעצטע כחות, זיך געוואָרפן, ווי אַ פאַר־קוועטשטע חיה אין אַ פאַסטקע.

די גאַס איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן פריער יונגוואַרג, דערנאָך — מענער, פרויען, פּאָליסלייט. קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט געגעבן אַ פייער־אַלאַרם. מיט אַ פייפעריי, מיט אַ קלינגעריי, זיינען אָנגעפאָרן, ווי מחבלים, איין פייער־מאַשין נאָך דער אַנדערער. פונעם געשייערטן קופער האָט דער פרימאָרגן געציטערט און גע־בלענדט. עס זיינען אָנגעלאָפן די צער־בעלי־חיימניקעס אין אַ ווייסן אָטאָ־מאָביל, קליין און קיילעכדיק ווי אַ שפּילצייג.

צוויי פייערלעשער האָבן מיט שטאָלענע שטאַבעס אָפּגעבויגן די שטאַ־כעטן, וואו קעפּטן האָט געשטעקט. דער הונט, אַן אויפגעלאָפענער, האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די צער־בעלי־חיימניקעס אין לעדערנע הענטשקעס ביז איבער די עלנבויגנס, האָבן אים אָנגעטאָן אַ דראָטענעם שלאָס ארום

מויל. אין צווייען האָבן זיי אים א כאַפּ געטאָן. דער אויפגעלאָפּענער הונט האָט אויסגעזען קליין און נעבעכדיק. זיי האָבן אים אַריינגערוקט אין דעם קליינעם אָטאָמאָביל, ווי מען רוקט אריין א מת אין א טויטן־וואָגן.

דער ערשטער האָט זיך א רוק געטאָן דער קליינטשיקער צער־בעלי־חיים אָטאָמאָביל, נאָך אים — די פייער־וועגענער. די פייער־לעשער, ווי העלדן זינגערס, האָבן זיך אין מיטן לויפן ארויפגעכאַפּט אַף די וועגענער. דער עולם האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. געבליבן זיינען דער איינגעהויקערטער אונגאַר, די צעוואַקסענע דייטשקע מיט דעם בעזעם אין האַנט און די רויט־האָריקע פּרענסים. אַלע דריי האָבן זיך א רגע אָנגעקוקט און זייערע איבער־געשראָקענע בליקן האָבן געהאַט צו זאָגן:

— וואָס דאָ האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אין צוואַנציק מינוט.

און אַז פּרענסים האָט זיך א שטעל געטאָן אַף די הינטערשטע פיס, גע־נומען לעקן דער באַלעבאָסטעס הענט, האָט מיסעס שלייכער זי מכבד געווען מיטן בעזעם, געטריבן די רויט־האָריקע אין קעלער־שטוב אריין.

ברינאָ האָט זיך געבויגן איבערן טירל, באַטאַפּט די שטאַכעטן, וואו דער הונט איז נאָר־וואָס געלעגן, און מיט א צעשפּאָלטן קול אים גערופן:

— קעפּטן, קעפּטן.

.1937

פערד

א גאַנצן פּאַרמיטאָג האָט לייזער „פּעדלער״ זיך געפּאָרעט אַרום דעם ברוינעם פערד, וואָס איז געפאַלן אונטערוועגנס.

לייזער מיטן זון זיינעם, מיטן פּופּצן־יעריקן פישל, האָבן אויסגעשפּאַנט ס׳פערד, אַ קערעווע געטאָן דעם וואָגן שניט־סחורה פון מיטן וועג און זאַלבענאַנד זיך געלאָזט גיין צום טייכל נאָך אַן עמער וואַסער. טאַטע־זון האָבן געשלעפּט ס׳פערד, עס געגאָסן וואַסער אין פּיסק אריין, עס אינגאַנצן אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. ס׳פערד, וואָס האָט זיך געפּרובירט אויפשטעלן און נישט געקאָנט, האָט מיטאַמאָל אויס־געצויגן דעם קאָפּ און גענומען פאַרוואַרפן די פיס. לייזער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די שלייפן.

— וואָס טוט מען, פישל, וואָס טוט מען?

— כ׳ווייס? — האָט פישל נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. — אפשר האַקן דעם פערד אַן אָדער?

— וואָלסטו אפשר אריבערגעלאָפן נאָכן גרויסן וואַלד? ער וואוינט נישט ווייט. שנייד איבער ס׳וועלדל, ביסטו בא אים. נו, געלאָפן, פישל, געלאָפן, איידער ס׳איז צו שפּעט!

פישל איז פאַרשוואונדן אין וועלדל, וואָס האָט געשמעקט מיט צעגרינטע נאָדל־ביימער, מיט פּעך. גרינלעכע יוני־ווינטלעך האָבן געקילט, געוואָרעמט, מיטגעבראַכט ריחות פון פריש־געשניטן גראָז, וואָס האָט געוועקט אינעם מענטש, אין דער חיה, אין דער בהמה, הונגער. ס׳פערד מיט די פאַררייסענע קאָפּיטעס, לייזער מיטן פיבער אין די אויגן, זיי האָבן די גרינלעכע יוני־ווינטלעך נישט געפילט. לייזער האָט זיך אַ בויג געטאָן צום פערד, עס געגלעט איבערן קאָפּ, איבערן קאַרק, שטיל צוגעפּייפט. ס׳פערד האָט געקוקט אָפן באַלעבאָס מיט איין אויג און דער טרויער אין אויג האָט געהאַט צו זאָגן:

— ראַטעווע מיך.

לייזערן איז נישט געגאַנגען. שוין ס׳צווייטע יאָר, ווי ס׳מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. שלעפּט ער זיך גאַנצע וואָכן אונטערוועגנס. וואו ער

נעכטיקט, טאָגט ער נישט. דאָס לייזעכץ איז שטאַרק געפאַלן און איינמאָנען
א חוב איז אוממעגלעך. פאַר פסח איז בא אים געפאַלן א פערד. נאָך פסח
איז אים כ'וויב געשטאָרבן. זי האָט אים איבערגעלאָזט, א חוץ פישלען,
צוויי מיידלעך. דאַרף מען זיי יעדן פרייטיק נאָך צוואָגן די קעפּ. און איצט
איז ווידער געפאַלן א פערד.

ס'פערד, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט צוריק איבערגעקוליעט אָפן
רוקן, האָט איינגעקאָרטשעט די פיס, ווי ס'וואָלט זיך געקליבן אין אימיצן
א שאָס טאָן. די בלעזלעך שוים אַרום דעם אָפענעם פיסק האָבן זיך גע־
רויטלט. דער עק האָט זיך מער נישט געהויבן, נישט אָפּגעיאָגט די פליגן
מיט די גאָלדענע בייכער, וואָס האָבן זיך צעזעצט אָפן פערדס באָקעס, גע־
שפּונען מיט די לאַפּקעס. און הינטערן פערד האָט ס'וועלדל אין זיינע גרינע
קנייטשן און פאַלדן באַהאַלטן דאָס זילבער, דאָס גאָלד, וואָס די מיטאָג־זון
אין יוני האָט געשפּרייט.

פון וועלדל איז אַנגעלאָפן פישל. נאָך אים — דער גרויסער וואָלף.
נאָך וואָלפן — א רויט פערד. וואָלף האָט זיך א בויג געטאָן איבערן אוועק־
געפאַלענעם פערד. ער האָט אים געקוועטשט באַם האַלדז, געשלעפּט די אויגן־
דעקלעך, געקלאַפּט איבער די שטייפע קנעכלעך. ער האָט א שפּיי געטאָן און
זיך אויסגעגלייכט:

— קויף, לייזער, אַן אַנדער פערד.

— וואָס ? — האָט לייזער א וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מען וואָלט
אים אָפּגעמאָסטן מיט א דראַנג, און געוויזן אָפן געפאַלענעם פערד. — און
דאָס ?

— דאָס פּגרט.

די דריי מאַנסבילן זיינען א וויל געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע
קעפּ, ווי מען שטייט איבער אַן אָפן קבר, וואו מען גייט אַראָפּלאָזן א מת.
דאָס רויטע פערד האָט ברייט צעעפּנט די נאָזלעכער, א צי געטאָן איינמאָל
די אַרומיקע לופט, נאָכאַמאָל, און מיט א הירזשען זיך גענומען רוקן אָף
קריק. וואָלף האָט זיך אָנגערופן :

— א חיה דערשפּירט גיכער דעם טויט ווי א מענטש.

— איז עס נאָכן פערד ? — האָט לייזער אַלץ נישט געוואוסט צו וועמען
ער האָט הרעומות און מיט ביידע הענט זיך גענומען קראַצן דעם קאָפּ. —
איז וואָס טוט מען אונטערוועגנס אָן א פערד ?

— קויף בא מיר אָפּ דעם רויטן.

— ווי אַלט איז ער? — האָט דער קאָפּ זיך אַ דריי געטאָן בײַ לייזערן מיטן דאַשעק צום אויער. — אויך אַן אַלטע פּגירה!

— ער איז נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט, — האָט וואָלף מיט איין האַנט אַ הויב געטאָן באַם רויטן דעם ווײַדל און מיט דער צווייטער האַנט אים געעפֿנט ס׳פּיסק. — קוק!

לייזער האָט פֿריער אַ קוק געטאָן אונטערן ווײַדל, דערנאָך זיך אײַנגעקוקט אין די ציין:

— וויפֿיל?

— כ׳ווייס? — האָט וואָלף זיך געקווײַנקלט. — פֿאַר דיר, אַ הונדערטער.

— האָסט אַ צו הויכן זינג געטאָן.

— כ׳האָב אַ ביליקערן, — האָט וואָלף אײַנגעשפּאַנט דעם רויטן אינעם וואָגן, — אַ שפּרייזער. ער האָט אַ שטיקל מום, זעט נישט אַפֿן לינקן אויג, וועל איך דיר אים אָװעקגעבן פֿאַר אַ פֿופֿציקער.

— מיינסט, ער איז בלינד?

וואָלף האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אַ פֿײַף געטאָן און איבערגעגעבן די לייצעס פּישלען. און אַז דאָס פֿערד האָט אַרויסגעשלעפּט דעם וואָגן שניט־סחורה, האָט וואָלף גענומען לייזערן פֿאַר די פּלייצעס:

— קום אַריבער צו מיר. מיר וועלן מושווה ווערן.

לייזער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אַלץ געקוקט אַפֿן געפֿאַלענעם פֿערד, געקוקט, ווי איינער פֿון די פֿיר פֿיס האָט זיך העכער פֿאַרריסן, זיך פֿאַרמאָסטן אַף אימיצן. וואָלף האָט אונטערגעטראָגן לייזערן אַ סיגאַרעט. לייזער האָט פֿאַררויכערט, אויסגעשפּיגן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קום.

פּישל האָט אָנגעטריבן. נאָכן וואָגן סחורה זײַנען נאָכגעגאַנגען לייזער און וואָלף. ביידע האָבן געשוויגן. און אַז ס׳פֿערד איז אַריין אין וועלדל, האָט פּון לייזערן אַרויסגערעדט:

— נישט גוט, וואָלף. איז בײַ מיר פֿאַר פּסח אַ פֿערד געפֿאַלן. נאָך פּסח איז מיר לאָה געשטאָרבן, מיר איבערגעלאָזט צוויי מיידלעך, וואָס דאַרפֿן נאָך אַ מאַמע און איצט, בײַ די גאָלדענע „ביזנעס", איז מיר ווידער אַ פֿערד געפֿאַלן. נישט גוט, וואָלף.

— אודאי איז נישט גוט, — האָט וואָלף אָנגענומען לייזערן פֿאַר אַ האַנט און זיך אַ בויג געטאָן צו אים. — אַז מען האָט צוויי קינדער, וואָס

דארפן נאך א מאמע, האט מען חתונה. און א מאנצביל דארף סיי־ווי־סיי חתונה האבן.

— אן אלמן מיט קינדער, — האט לייזער זיך אפגערעדט ס'הארץ. — מען קוקט מיך אויס.

— אז דו, לייזער, וועסט מיך בעטן, וועל איך דיר רעדן א שידוך.

דער וואגן שניט־סחורה איז געבליבן שטיין בא וואלפן אפן הויף. לעבן פלומפל האט זיך געפארעט א פארדרויטלטע מויד מיט א בלעכענעם עמער וואסער. די מויד האט א קוק געטאן אף איר פאטער, א קוק געטאן אף לייזערן און זיך געלאזט מיטן עמער וואסער אין שטאל אריין צו די בהמות. דאס איז געווען איטקע, וואלפס עלטסטע טאכטער, וואס איז פארזעסן. לייזער האט זיך אנגעשטויסן, אז דאס וויל וואלף אים רעדן איטקען. און ס'איז נישט קיין קרומע זאך. א רייכע פארם — איז אן אנשפאר. לייזער האט איטקען געקענט. א מויד א שוויינגערן, א מויד אן איינרייסערן. ער האט פארגעסן, אז איטקע איז ענלעכער אף א מאנסביל, ווי אף א פרוי. וואלף האט לייזערן אנגעוויזן אפן שטאל, וואו איטקע איז פארשוואונדן, און אף זיין צעפאטשטע פנים האט זיך צעליינט א שמייכל, וואס האט געהאט צו זאגן:

— איז וואס זאגסטו, לייזער, צום שידוך?

לייזער האט גארנישט געזאגט. וואלף האט צוגעפירט לייזערן צום שטאל און אליין איז ער נישט געווארן. לייזער איז אריין אין שטאל. איטקע האט אנגעפאיעט א קו, וואס האט זיך געדארפט קעלבן, נישט געקאנט ארויס אין פעלד. איטקע האט געהאלטן די קו פאר די הערנער, זי געגלעט:

— נו, קימפעטארן מיינע, וועסט האבן א קעלבעלע, א קעלבעלע. קעלבסט זיך שוין ס'דריטע מאל.

— האלא, איטקע! — איז לייזערן ווארעם געווארן פון דער מויד.

— הא? — האט איטקע זיך פארדרויטלט, ווי מען וואלט אונטער־גע־הערט אירע רייד, און זיך א ריר געטאן. — דאס זענט איר, לייזער? וואס, א פערד איז אייך געפאלן? און דער טאטע וויל אייך פארקויפן דעם קאשטאן?

— יא, דעם קאשטאן, — האט לייזער געשטאמלט. — און איך, איטקע, וואלט גאר אייך געקויפט.

— ווילט נאר, — האט איטקע זיך צעלאכט, — וועט דער טאטע מיך אויך פארקויפן.

— און איר, איטקע? — האָט לייזער זיך נעענטער א רוק געטאָן צו דער מויד, אַז זי איז געבליבן שטיין צווישן צוויי ווענט, זיך נישט געקאָנט רירן.

— וואָס איך? — האָט זי זיך אָנגעשטויסן, וואָס לייזער מיינט, און זיך נאָך העכער צעלאַכט. — זאָגט, וואָס איך?

— ביסט אַ שטיפּערקע אויך!

ביידע האָבן דערפילט די אייגענע וואַרעמקייט און זיך אַף ס'ניי צעלאַכט. דער גרויסער וואָלף האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער אָפענער טיר. ער האָט דערזען ס'פּאָרל און געוואָלט זאָגן:

— ווי כ'זע, לייזער, דאַרף איך דיר שוין קיין שידוך נישט רעדן. רעדסט דיר אַליין. און מיטן קאַשטאַן וועלן מיר אויך דורכקומען.

ער האָט עס נישט געזאָגט, ווייל די קו האָט פּונקט דעמאָלט צעשפּרייט די פיס און זיך צערעוועט לאַנג און אימהדיק. איטקע האָט זיך צעשריען און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פאָטער:

— די קו קעלבט זיך! טאַטע, די קו קעלבט זיך!

.1936

אַ ביק

ארום פינף נאָכמיטאָג איז הערשל פאַרמער פאַרפאָרן צו זיך אַפן הויף מיט אַ וואָגן געפּרעסט היי. אַפן היי איז געזעסן הערשלס זעכצן־יעריקער זעם און האָט געקוקט, ווי דער פיר־יעריקער ביק, צוגעבונדן צום וואָגן אַף אַ קייט, הויבט דעם צעבאַרשטן רוקן, בויגט דעם קאָפּ, יאָגט זיך נאָך די רעדער. די פאַרבלוטיקטע אויגן, די פאַריקע נאָזלעכער, שפּריצן מיט רציחה. און יעדעס מאָל, ווען דער ביק האָט פון גרויס עקשנות זיך אָפּ־געשטעלט, געוואָלט אַ שלעפּ טאָן דעם וואָגן אַף צוריק, האָט די קייט זיך אָנגעצויגן, מיטגעריסן דעם אייזערנעם רינג, וואָס האָט געשטעקט אין דער נאָז, און דעם ביקס רעווען איז זיך פאַרגאַנגען אין אַן אויפטרייסלענדיק געוויין.

דער פאַרמער האָט נישט געקאָנט הערן, ווי דער ביק רעוועט. ער האָט אים געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אריין, ביז דעם פערטן דור, און זיך געגעסן פון נכפּה, זיך געגעסן, וואָס ער האָט געפּטרט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. דער פאַרמער האָט געפירט דעם ביק אַף נעלסאָנס קי־פאַרם, איז געווען זיכער, אַז ער וועט אים דאָרט פאַרקויפן, האָט זיך, ווי אַף צו להכעיס צעשפּילט אין דעם ביק דער נישט־גוטער און ס'האָט נישט פיל געפעלט ער זאָל נעלסאָנען דורכשטעכן מיט די הערנער.

און איצט? אַרויסלאָזן אים אַף דער לאָנקע? אזא מחבל קאָן דורסן, קאָן דורכשטעכן. האַלטן אים אין שטאַל? קאָן ער אָפּעסן די ביינער. און דאָ האָט זיך אין שכנות געעפנט דער „בלו רידזש" האָטעל. די לאָנקע איז שטענדיק פול מיט מענטשן. דאָ שפּילט מען טענים, דאָרט — גאָלף.

דער וואָגן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. דער ביק, וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך די הינטערשטע רעדער, איז אַ פאַל געטאָן אַף צוריק מיט אזא אויסטערליש רעווען, אַז בא טאַטע־זון האָט ס'בלוט געגומען גליווערן. דער פאַרמער האָט אַ פרעג געטאָן דעם זון:

— וואָס איז?

דעם ביקס צעבאַרשטער רוקן האָט זיך געטורעמט, דער קאָפּ מיט דער

צעבלוטיקטער נאָז געבויגן. ס'האָט אויסגעזען, אַז דער ביק איז גרייט זיך וואַרפן אַפן וואָגן.

דער פּאַרמער, ברייטער ווי העכער, איז מיט איין שפּרונג געווען אַף ד'ערד. ער האָט אַראָפּגענומען פון וואָגן אַ שטיקל „דערע", וואָס מען דעקט דערמיט צו פעֵ־ד, און עס איינגעטונקען אין אַן עמער וואַסער. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום זון:

— העי, סעם, נעם דרייען די קייט, מיט ביידע הענט, אַזוי.

דערנאָך האָט ער קונציק אַ שליידער געטאָן די נאַסע „דערע", פאַר־שטעלט דעם ביק די אויגן, איינגעוויקלט דעם קאָפּ. דעם ביקס רוקן האָט גענומען איינלויפן, ווי די נאַסע „דערע" וואָלט באַ אים צוגענומען די גבורה.

דער פּאַרמער איז אונטערגעקומען פון דער זייט. ער האָט צוגענומען באַ סעמען די קייט, זי אַריבערגעוואָרפן אַרום דעם ביקס האַלדז איינמאָל, נאָכאַמאָל, זי אויסגעוויקלט אין אַ קנופּ. פון זיך אַליין האָט די קייט זיך גענומען אַרויסציען פון דעם אייזערנעם רינג. דער ביק האָט לייכטער אָפּ־געאָטעמט, גענומען וואַרפן מיטן קאָפּ. געוואָלט אַראָפּשליידערן די „דערע". ער האָט זיך קריגעריש צעברומט, גענומען שטעלן טריט אַף צוריק. די קייט איז שוין געווען צוגעבונדן צו אַן אייזערנער שטאַבע, וואָס איז געזעסן טיף אין דער ערד.

דער פּאַרמער מיטן זון זיינען פּאַרפּאָרן מיטן וואָגן היי צום שייער. סעם האָט אויסגעשפּאַנט די פערד. הערשל האָט געשלעפּט ס'געפּרעסטע היי אין שייער אַריין, געוואָלט זאָגן דעם זון, אַז אויב עס וועט זיך נישט מאַכן קיין קונה, וועט ער שחטן דעם ביק אַף פליש, נישט אַוועקשטעלן אַזאַ אומזיסטן פרעסער אַף אַ גאַנצן ווינטער.

פון דער שכנישער לאָנקע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון הערשלס מיט אַ שטיקל פּלויט געמאַכט פון דרענגלעך, האָבן זיך דערטראָגן שטיקלעך רייד, שטיקלעך געלעכטער. רעכטס — האָט מען געשפּילט טענים, לינקס — נאָלף.

סעם האָט אַף גיך אַריינגעפירט די פערד אין שייער אַריין, זיי איינ־געשיט טאָרבעס האָבער. ער האָט געוואָלט זיך אַריבערכאַפּן אַף דער שכנישער לאָנקע, ליב געהאַט זיך צוצוקוקן, ווי מען שפּילט גאָלף, ווי מען שפּילט טענים. און ניט אַזוי דאָס שפּילן, ווי דאָס קוקן אַף די שטאָטישע מיידלעך.

סעם איז געווען ענלעך אַפן פאָטער — ברייטער ווי העכער. פּיס — סנאָביקע, הענט — לאַנגע, האָריקע. די שוואַרצע קרייזלעך זיינען געוואַקסן

ביזן האלבן שטערן אריין, זיך צונויפגענומען מיט די ברעמען. און אונטער די ברעמען — פלעמלדיקע אויגן, וואס נעמען דורך, שטעכן. סעם זאל אויס־נעמען, אזוי אפן קוק, האט גאר קיין רייד נישט געקאנט זיין. ער האט גיכער געשראקן, איבערגעשראקן. סעם האט עס געוואוסט. ס'איז אבער גענוג געווען סעם זאל אריבערווארפן די שרויט־ביקס איבער די פלייצעס, נעמען אין דער האנט אריין ס'יעגער־מעסער און די שטאטישע מיידלעך פלעגן אים אפשטעלן, אויספרעגן און די, מיט קוראזש, זיינען מיטגעגאנגען זען, ווי סעם שיסט קראליקעס, קוראפאטוועס.

סעם האט שוין געהאט אריבערגעווארפן די ביקס איבער די פלייצעס, שוין געהאלטן ס'לאנגע יעגער־מעסער און איז ארויס פון שייער. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן הויף, האט זיך געחידושט, וואס דער ביק האט אויפגעהערט ברומען.

אז דער ביק איז געבליבן אליין, האט ער א בויג געטאן דעם קאפ צווישן די פיס, איינמאל, נאכאמאל, אנגערירט מיט די הערנער די ערד. אזוי איז ער געשטאנען א ווייל. דערנאך האט ער זיך א ווארף געטאן אין דער לופטן. די נאסע „דערע", וואס האט פארשטעלט די ליכטיקע שיין, איז אראפגעפאלן פון די אויגן. דער ביק האט זיך געווארפן אף דער „דערע" מיט די הערנער, מיט די קלויען, מיטן פארשטומטן פיסק, געריסן די „דערע" אף שטיקער. מיטן רייסן האט ס'בייזע בלוט זיך גענומען אין אים טאמעווען. דער ביק האט זיך מיטאמאל אפגעשטעלט — דער קאפ פארריסן, דער וויידל — פארריסן, די פיר פיס — צעשטעלט. ס'פארשוימטע פיסק אפן, די רויטע נאזלעכער — פארוואלקנט. דער ביק האט אויפגעכאפט פרעמדע שטיקלעך קולות, פרעמדע שטיקלעך געלעכטער. די אויגן האבן געזוכט, געגישטערט, געזען, ווי מען הויבט שטעקנס, ווי מען לויפט. און בא א מיידל האט די רויטע בלוזע געפלאמט. דאס געטאמעוועטע בלוט האט זיך גענומען גיסן דעם ביק אין קאפ אריין, אין די אויגן אריין. ער האט אויפגעהערט צו זען, וואס ס'טוט זיך ארום אים. ער איז אף א קייט און ארום און ארום — געפאר. מען דארף זיך ווארפן אפן שונא. מיט די הערנער, מיט די קלויען, מיטן פיסק דארף מען אים דורס זיין, דארף מען אים צעטרעטן און צערייסן. די גבורה אין אים האט זיך גענומען כפלען. פון די צוויי טויזנט פונט איז געווארן פיר טויזנט, זעקס טויזנט. די אייזערנע שטאבע האט א קרעכץ געטאן, איז ארויס פון דער ערד. און אז דער ביק האט זיך געווארפן אף איר, האט זיך אוועקגעלייגט אפן רוקן, האט זיך גענומען קייקלען, איז דער

קייטן־קנופּ אַרום האַלדז לויז געוואָרן. אויס שטאַבע, אויס קייט. אַרום אַזאַ רחבֿת, אַזאַ ליכטיקייט, אַזוי פּיל לופט. די וואַכע נאָזלעכער האָבן געאַרבעט, ווי בלאָז־זעק, אַריינגעגאָסן אין זיך עמערס לופט.

דער ביק האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אָפּגעטרייסלט און געקוקט אַף דער שכנישער לאָנקע, וואו עולם מיט דרענגלעך אין די הענט איז געלאָפן הין און צוריק. די רציחה האָט זיך אין ביק גענומען וועקן. די אויגן זיינען טיפער אַריין אין דעם טעמפּן שטערן, זיך גענומען אָנגיסן מיט בלוט, אויפגעהערט צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום. די נאָזלעכער האָבן זיך צעוויגט, געשליידערט הייסע קנוילן פּאַרע, געבאָרכלט, ווי זעגן. דער ביק האָט אַ הויב געטאָן אַלע פיר פּיס מיטאַמאָל און איז אַריבער דעם דרענגל־פּלויט. די טענים־שפּילער האָבן זיך צעשריען:

— אַ ביק! אַ ביק!

די גאָלף־שפּילער האָבן אונטערגעכאַפּט:

— אַ ביק! אַ ביק!

דער איבערגעשראָקענער עולם האָט זיך גענומען רוקן פון דער לאָנקע, זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיטן ווילדן ביק. מיידלעך האָבן געשריען. פּונקט דעמאָלט האָט זיך סעם געכאַפּט, אַז דער ביק האָט זיך אָפּגעריסן. ער האָט אַ געשריי געטאָן צום שייער־צו:

— טאַטע, דער ביק האָט זיך אָפּגעריסן!

— וואו איז ער?

— אַף דער שכנישער לאָנקע!

— האָסט די ביקס?

— כ'האָב! כ'האָב!

דער פּאַרמער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט די געפלאָכטענע בייטש. אַז ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן זון, האָבן זיינע שוואַרצע אויגן געשאַרפט. ער האָט אַ נעם געטאָן באַ סעמען דאָס שפּיציקע יעגער־מעסער, געקנאַלט מיט דער בייטש און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „צילעווע דאָס שרויט אין די קלויען, אין זאַדעק און אין די קלויען.”

די לאָנקע איז געוואָרן ליידיק. דער איבערגעשראָקענער עולם איז שוין געשטאַנען אַרום האָטעל. אינמיטן לאָנקע — דער ביק. דער רוקן צעבאַרשט, געטורעמט. דער קאָפּ — געבויגן. דריי פּיס — ווי אַ סגול (.·.). און דער פערטער — האָט זיך פון גבורה געשפּילט מיט דער לאָנקע, געוואָרפן אַרום זיך שטיקער ערד, שטיקער גראָז, געוואָרט אַף טאַטע־זון.

און טאַטע־זון?

נידעריקע, ברייטבייניקע, זײַנען זיי אַנגעלאָפן פון צוויי זײַטן. דער טאַטע, מיטן מעסער אין איין האַנט, מיט דער צעקנאַלטער בײַטש אין דער צווייטער, איז אָנגעקומען רעכטס. דער זון — מיט דער ביקס צו דער קני — לינקס. דער ביק האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. דער פערטער פוס, וואָס האָט געוואָרפן שטיקער ערד, איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. און אין גאַנצן ביקס געשטעל — אַזאַ ביטול צום פאַרמער מיטן זון.

און מיטאַמאָל האָט אַ האָגל געטאָן אָפּן ביק מיט שרויט. מיטן אָן אומ־געהויערן ברום האָט דער ביק זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דער פאַרמער איז אים פאַרפאָרן אין דער נאָז אַריין מיט דער בײַטש, איין מאָל, נאָך אַ מאָל, אַ דריט מאָל. דער ביק האָט טיפער געבויגן דעם קאָפּ, זיך געוואָרפן אָפּן פאַרמער מיט אַ רעוועז, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די לאָנקע. סעם האָט אויסגעשאָסן, ווידער באַהאָגלט דעם ביקס הינטער־חלק, דעם ביקס פּיס מיט שרויט. דער ביק האָט אָפּגעלאָזט דעם פאַרמער און זיך אַ לאָז געטאָן צו סעמען. סעם האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער לאָנקע. דער ביק איז אים דורכגעשפּרונגען, זיך געדרייט אין אַ ראָד, געזוכט דעם קרבן. דער פאַרמער האָט זיך אונטערגערוקט און אַרײַנגעלאָזט ס׳יעגער־מעסער איבערן שטילכל דעם ביק צווישן די לאָפּעטקעס.

ביידע האָבן זיך איצט אַ לאָז געטאָן אָפּן ביק. סעם מיט דער ביקס, הערשל מיט דער בײַטש. דער ביק האָט אויסגעשניטן אַ ראָד און מיטאַמאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די פאָדערשטע פּיס. פון צווישן די לאָפּעטקעס, וואו ס׳יעגער־מעסער האָט געשטעקט, האָט געשערגעט בלוט. און אַז דער ביק איז אַ פאַל געטאָן אָפּן רוקן, גענומען וואַרפן מיט די פּיס, האָט הערשל פאַרמער אָנגעהויבן שעלטן אַף וואָס די וועלט שטייט, געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַרײַן, ביז דעם פערטן דור.

.1937

דזשונאַ

דזשונאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעטרייסלט. זי האָט אַרומגעשמעקט דאָס שלאָף־צימער, דאָס עס־צימער, געזוכט דעם באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. דזשונאַ איז אַריין אין קיך און זיך גענומען ציען. פריער אַף די פעדערשטע לאַפּעס, דערנאָך אַף די הינטערשטע. די וואַכע נאָז־פליגל האָבן אויפגעציטערט. זי האָט אַרומגעשמעקט די קאַמער־טיר, וואו אַ זייטל קאַלב־פלייש איז געהאַנגען, און דער בויך באַ איר איז פול געוואָרן מיט אַ פאַרשטיקט גרימערײַ. אַ נישט־צופרידענע האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן אין דעם נידעריקן קיך־פענצטער און אירע אויגן, העלע, בראָנזענע, האָבן געקוקט, ווי דער אָוונט פאַלט צו.

איבער פאַרשנייטע פעלדער, וואָס האָבן מער נישט געקענט פאַרלענגערן דעם טאָג, האָבן זיך געקייקלט בלוילעכע שאָטנס. דזשונאַ האָט מיט די פעדערשטע לאַפּעס געעפנט די קיך־טיר און איז אַרויס אָפן הויף. דאָ איז אויך קיינער נישט געווען. דער דרענגל־פּלויט האָט זיך קוים אַרויסגעזען פונעם שניי און איבערן פּלויט — פעלדער, וואָס ברענגען נאַכט און ריחות.

פון טרעפּל האָבן זיך געקייטלט טריט. גרעסערע, קלענערע. דזשונאַ האָט אַרומגעשמעקט די טריט, געוואוסט, וואו דער באַלעבאָס האָט געטראָטן, וואו די באַלעבאָסטע. מיט די טריט זיינען די באַלעבאַטים אַוועק צום שייער. מען האָט איינגעשפּאַנט דאָס רויטע פערד, מען איז אַוועקגעפאָרן מיט די פעלדער, וואו איצט איז אין יעדן קנייטש געלעגן נאַכט און שרעק.

ערשט נישט לאַנג, אַז ס׳איז דזשונאַן אויסגעקומען צו בלייבן אַליין, האָט זי זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. באַם קלענסטן שאָרך איז זי שוין געווען איבערן דרענגל־פּלויט, האָט זיך געטראָגן מיטן שליאַך, אָפּ־געוואַרט די באַלעבאַטים. לעצטנס האָט זיך עפּעס אין איר איבערגעאַנדערשט. ס׳אַרט זי נישט מער ווען מען לאָזט זי אַליין איבער. זי איז שטענדיק וואַך, אַפילו אין שלאָף, זעט פאַר זיך פרינצן, וואָס וואוינט הינטערן וועלדל. פרינץ איז געוויקסיק, פרינץ איז שיין. די פעל — אַ געמיש פון ווייס און ציטרין־קאָליר — פינקלט שטענדיק. דער באַלעבאָס טרייבט פרינצן פון הויז, טרייבט

מיט אַ שטעקן, מיט שטיינער, לאָזט אים נישט אַף די אויגן. און זי, דזשונאָ, באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל און וויינט.

דזשונאָ איז יונג, איינגאַנצן פופצן חדשים אַלט. זומער אַז זי פלעגט גיין מיטן באַלעבאָס אין פעלד אַריין און פרינץ האָט זיך גענומען טשעפּען צו איר, האָט זי אים אַליין געטריבן פון זיך, אים אַפילו אַ שטיק אויער אָפּגעביסן, און ער, פרינץ, האָט אַלץ גענומען פאַרליבט. נאָכן זומער, ווען ס'האָט געהאַלטן אין איין רעגענען, האָט זי, דזשונאָ, זיך אַליין פאַרבענקט נאָך פרינצן.

ס'איז געוואָרן אַלץ טונקעלער, טונקעלער און מיטאָמאָל איז די נאַכט צוגעפאַלן. פון נאָדל־וועלדל האָבן זיך געטראָגן קראָען, זיך געטראָגן נידעריק און מיט אַ קראַקערײַ. דזשונאָ האָט זיך צוגעזעצט אין שניי אַף די הינטערשטע פיס. זי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, געדרייט מיטן עק און נאָכגעקוקט די קראָען, וואָס זיינען פאַרבייגעפלויגן און האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ וואַרעמען פויגל־ריח. ס'האָט זי געהונגערט. און נישט אַזוי האָט זיך איר געוואָלט עסן, ווי האָבן לעבן זיך פרינצן. דזשונאָ האָט זיך געלאָזט לויפן אַרום און אַרום הויז. פּליצטאַלבן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעשטעקט די נאָז צווישן די פעדערשטע לאַפּעס, געוויגט מיט די אויערן, מיטן עק, געוואָלט אויפכאַפּן ווייטע טריט, געוואָלט אויפכאַפּן דעם אָפּהילך פון קלעפּ טיף אין דער ערד. ס'איז געווען שטיל. די נאַכט איז שוין געלעגן איבערן הויז, איבערן שייער, איבערן שניי. און איבער דער נאַכט — שטערן, געדיכט אָנגעשאָטענע שטערן. און הינטערן בערגל — אַ פאַרשפּיצטער ראַנד פון אַ לבנה.

דזשונאָס נאָז־לעכער, פייכטע, גלאַנציקע, האָבן אַריינגעאָטעמט צווישן די קאַלטע ווינטן אויך די אייגענע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יונגן פעסט־צונויפגעקלאַפּטן לייב. די רויטלעכע פעל צעבאַרשט. דער רוקן, וואו די באַרווע איז געשטאַנען, איז פול מיט פלעמלעך, וואָס האָבן נישט געלאָזט איינשטיין, געטריבן דזשונאָן אַרום און אַרום הויז, געטריבן אין פעלד אַריין, וואו די קאַלטע, שטעכיקע לופט האָט פון מאָל צו מאָל מיטגעבראַכט דעם גערוך פון אַ האָז.

דזשונאָ האָט זיך צוגעזעצט און זיך צעבילט. איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל. דאָס בילן האָט זיך געקייקלט איבערן פאַרפרוירענעם שניי, זיך צעליינט איבער טאָל און באַרג און צוריקגעבראַכט אַ פאַרבענקט בילערײַ. די שטאַרקע, בויגיקע פיס זיינען געוואָרן לייכט, דער רוקן האָט זיך געפלעמלט

פון גבורה, און דער עק האָט נישט גערוט, איז פול געוואָרן מיט קוועקזילבער. די נאָז־פליגל האָבן אָנגעהויבן ציטערן — דערשפּירט פּרינצן, דערשפּירט נאָך עמיצן.

דזשונאַ איז געבליבן שטיין. פּרינץ האָט דער ערשטער זי אַרומגעשמעקט, אפילו אַרומגעלעקט. נאָך אים — בראַוני און ספּאָטי. דזשונאַ איז געווען אויפגעלעגט, שטאַרק אויפגעלעגט. איר עק האָט זיך געבויגן אי ווי אַ האַרפּע, אי ווי אַ שלאַנג. די אויגן האָבן זיך געצונדן אין בראָנז, אין קופּער, אין גאָלד. זי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און גענומען פירן די געסט אָפּן אייגענעם הויף אַרויף. דזשונאַ אַף אַ פריער. נאָך איר — פּרינץ. בראַוני און ספּאָטי האָבן אָנגעהויבן ווערן חוצפּהדיק, זײַנען פאַרלאָפן פּרינצן דעם וועג און ער איז געבליבן הינטערשטעליק. דער צעוואַקסענער פּרינץ האָט אַ בורטשע געטאָן און צוויי ציין, שאַרפע, שפּיציקע, האָבן זיך באַ אים אָפּגעדעקט. ספּאָטי איז אַוועק אָן אַ זייט. בראַוני האָט זיך נישט איבערגעשראָקן, זיך געטראָגן האַרט לעבן דזשונאָן. פּרינץ איז אָנגעלאָפן אַף אים מיט די פעדערשטע לאַפּעס, אים אַנידערגעשליידערט. בראַוני האָט זיך קונציק אַרויס־געדרייט, זיך אָפּגעטרייסלט. פּרינץ האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן אַף אים. לאַפּעס האָבן זיך געגראָבן אין שניי, ציין — אין האָריקער פעל און איבערן קנויל — אַ פאַרשטיקט בילן. ספּאָטי האָט זיך דערווייל צוגעכאַפּט צו דזשונאָן, שוין געשטאַנען מיט איר באַם טרעפּל, איז אַף אים אָנגעלאָפן פּרינץ מיט אַזאַ רציחה, אַז ספּאָטי האָט אָפּגעצויגן. דער צעשלאָגענער בראַוני האָט זיך געווישט מיט אַ לאַפּע דאָס צעבלוטיקטע אויער און אַ נישט־דרייסטער זיך ווידער גענומען שאַרן צו דזשונאָן.

פון הינטערן נאָדל־וועלדל איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן. דזשונאַ האָט דערקענט דאָס פערד, דעם באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע. זי האָט פון פרייד אַ ביל געטאָן, איז אַריבערגעשפּרונגען דעם דרענגל־פּלויט און זיך געטראָגן אַנטקעגן די באַלעבאַטים. נאָך איר — פּרינץ, ספּאָטי, בראַוני.

— פּרענק, — האָט די פאַרמערקע אַ זאָג געטאָן צום מאַן, — זיי האָבן מיר שוין געפּטרט דזשונאָן!

— נאַ, נעם נאָר, — האָט דער פאַרמער איבערגעגעבן די לייצעס דעם ווייב, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און האָט זיך צעשריען, — גראַרי־היר!

די בייטש איז געפאַלן מיט אַ פּייפעריי דאָ אַף פּרינצן, דאָ אַף ספּאָטין, דאָ אַף בראַונין. און אַז דער וואָגן איז שוין געשטאַנען באַם שייער, האָט זיך נאָך אַלץ פון פעלד געטראָגן אַן אָפּגעהאַקט וואָיען.

דער פּאַרמער האָט אָנגעשאָטן דעם פערד פּאַשע, געגעבן דער קו אַן אָרעם היי. אין שייער איז געווען וואַרעם. עס האָט געשמעקט מיט פערדישן שווייס, מיט שאַרפן קו־מיסט. דאָס רויטע פערד, וואָס האָט געאָטעמט מיט שטיקער וואָלקן, האָט נאָכגעקוקט דעם באַלעבאָס מיט איין אויג.

אַז דער פּאַרמער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז שוין דאָס געלעגער געווען געמאַכט. מאַן און ווייב האָבן כמעט צווישן זיך ווי נישט גערעדט. דער פּאַרמער איז דער ערשטער אַריין אין בעט. דאָס ווייב האָט אַריינגעטריבן דזשונאָן אין קיך, האָט אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און אַז זי איז שוין געלעגן לעבן מאַן, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— זיי האָבן מיר היינט אָונטש געפּטרט „ס'מיידל".

ער האָט נישט געענטפערט. איינער נאָכן צווייטן זיינען זיי איינגעשלאָפן און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט שנאָרכן.

דזשונאָ האָט נישט געוואָלט שלאָפן. זי איז געשטאַנען באַם פענצטער, האָט געקוקט אַף די גרינלעכע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געשאַרט פון די פעלדער. זי האָט געבענקט נאָך פּרינצן, נאָך בראַונין, נאָך ספּאָטין. וואו זיינען זיי איצט? אַן אומרואיקייט איז געוואַקסן אין דזשונאָן, זיך געהויבן פון די פיס אין האַלדז אַריין. זי האָט צוגעלייגט די נאָז צו דער ראַם פון פענצטער און זיך שטיל און צעצויגן צעוויינט. פּרינץ האָט געענטפערט. דערנאָך בראַוני און ספּאָטי. דזשונאָ האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט די פעדערשטע לאַפּעס אין פענצטער אַריין, וואו פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען פּרינץ און מיט אַ רויטער, דינער צונג געלעקט דאָס „געפּריר" פון די שויבן. דזשונאָן האָט פאַרפעלט אָטעם. דאָס דינע וואָיען האָט זיך געהאַלטן אין איין איבעררייסן, ווי אַ קינד וואָלט געוויינט. פּרינץ מיט די ביידע מיטהעלפער זיינען זיך פאַרגאַנגען העכער און שפּיציקער.

די פּאַרמערקע האָט זיך איבערגעוואָרפן:

— נישט־גוטע. לאָזן קיין אויג נישט צוטאָן.

דער פּאַרמער האָט זיך אויפגעזעצט און אַ שפּיי געטאָן אין מיטן שטוב אַריין:

— זיי וועלן שוין אַזוי אָפּוויינען, די פאַרשאָלטענע, אַ גאַנצע נאַכט.

— ליג, פרענק, — האָט דאָס ווייב זיך באַ אים געבעטן, — וואוהין גייסטו אין אַזאַ קעלט?

דער פּאַרמער האָט נישט געענטפערט. ער איז אַריין אין די הויזן, אין די גומענע שטיוול און נישט אויפגעהערט צו שפּייען. דערנאָך האָט ער

אַרויפגעוואָרפן אַף זיך אַ פּעלצל און אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די ביקס. פון געטרייישאַפט איז דזשונגאַ אַריין דעם באַלעבאָס צווישן די פיס. דער פּאַרמער האָט איר אַ קאַפּיע געטאָן און איז אַרוים פון שטוב.

די פּאַרמערקע האָט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע און איז אַראָפּ נאָכן מאַן. דאָס פּאַריתומטע געביל האָט זיך געטראָגן פון דרויסן, פון אינעווייניק. די פּאַרמערקע האָט אַ נעם געטאָן דזשונגאָן פאַר די אויערן און זיך געשטעלט מיט איר אין קיך־פענצטער. זי האָט געגלעט דזשונגאָן: נו, וויין ניט, מיידל מיינס, וויין ניט! פרענק וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט די „באָים”!

ביידע האָבן געזען, ווי פרענק שטעלט אָן די ביקס, כאַפּט אויף אין מיטן לויפן פריער פרינצן, דערנאָך בראַונין, דערנאָך ספּאַטין. ער לייגט אַוועק איינעם נאָכן צווייטן און עס ווערט מיטאַמאָל שטיל. בלויז דער קנאַל פון דער ביקס איז געבליבן אין די אויערן.

דזשונגאַ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער באַלעבאָסטע, זיך גענומען דרייען איבער דער קיך אין אַ רעדל. דערנאָך האָט זי זיך פאַרקליבן אונטער אַ בענקל, באַהאַלטן די מאָרדע צווישן די פעדערשטע לאַפּעס און פאַרשטיקט דאָס וואָיען, וואָס האָט זיך געריסן פון איר.

.1934

קאַשטאַנקע

שוין דער צווייטער מעת־לעת, ווי לייזער האָט נישט אַרויסגעשמעקט פונעם הויז, איז נישט צוגעגאַנגען צו די פענצטער, וואָס זיינען געווען פאַר־מאַכט און פאַרקייטלט. ס'איז געווען די וואָך פון שבועות. אַלץ האָט געגרינט — וואַלד, לאָנקע, לופט. לייזער איז אין שטוב אויך נישט געווען. ער איז געזעסן אין דער גרויסער, ליידיקער קליידער־שאַנק, וואו פון ביידע זייטן ווענטלעך האָבן געפעלט שמאָלע ברעטער, ס'זאָל זיין מיט וואָס צו אָטעמען. און כאָטש ער האָט געהאַט אַ סך געדולד, אַ סך אויסדויער, האָט ער פון איין מאָלצייט צום אַנדערן געהאַלטן אין איין רויכערן פּאַפּיראָסן, געהאַלטן אין איין איבערפרעגן די מוטער:

— וואָס, זיי שטייען נאָך?

— דערווייל האָט די ערד זיי נאָך נישט צוגענומען.

לייזער האָט אַפילו די דריי מאָלציַיטן אַ טאָג אויך געגעסן אין שאַנק. בלויז ווען מען האָט געמאַכט נאַכט און אין שטוב איז געוואָרן פינצטער, איז ער אַרויס פון שאַנק און האָט זיך געלייגט אַפן אויסגעבעטן דיל.

פיר ברידער, יעגער, זיינען שוין דעם צווייטן מעת־לעת געשטאַנען אַרום אַלע פיר זייטן הויז, געשטאַנען מיט אָנגעלאָדנטע ביקסן און האָבן אָפּגעוואַרט לייזערן. ער וועט דאָך אַמאָל אַרויס פון שטוב. און לאָז ער נאָר פּרוּוון אַרויסשטעקן די נאָז, וועלן זיי אים שוין מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכן.

לייזערס מוטער, דאַר ווי אַ אומרו, האָט אָפּגעהאַקט די טיר באַם אַלטן יעגער, געוואָלט אָפּבעטן דעם זונס לעבן, איידער איר זאַנוויל וועט קריק קומען פון לאָוויטש. דער יעגער מיט דעם ווייב זיינען אין דער היים נישט געווען. זי איז געלאָפן צום יעגערס זין, וואָס זיינען געשטאַנען מיט די ביקסן פון אַלע פיר זייטן הויז. זי האָט צו זיי גערעדט, זיך געבעטן, געוויינט — אַזוי און אַזוי — יאַנעק, לוקאַש, מאַטשעק, וואָיטשעך — איר זענט דאָך אין מיין הויז געוואַקסן, צוזאַמען מיט לייזערן געוואַקסן.

די יונגען זיינען געשטאַנען, ווי שטומע ביימער, ווען ווינטן טראָגן זיך מיט אַ פּייפן און וואָיען צווישן די צווייגן. און אַז לייזערס מוטער איז נישט

אָפּגעשטאַנען, האָט דער עלטסטער ברודער, יאַנעק, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:
—און אַז לייזער וועט אפילו אָפּברענגען די קאַבילע, וועלן מיר אים אויך דערשיסן. אַפּן „גרונט" האָט נאָך קיינמאָל קיין גנב נישט פאַרבלאָנדזשעט. און דאָ איז אַן אייגענער שכן. אַ שכן אַ גנב איז ערגער פון אַ הונגעריקן וואָלף. און אַ הונגעריקן וואָלף דערשיסט מען.

אַפּן „גרונט" — אין אויסגעהאַקט, אויסגעקאָרטשעוועט שטיק וואַלד — זיינען געשטאַנען צוויי הילצערנע הייזער. אין איינעם האָט געוואוינט דער יעגער שטובאַק מיט זיינע פיר זין. אינעם צווייטן — דער פערדהענדלער זאַנוויל מיט דריי זין.

אַרום און אַרום „גרונט" האָט זיך געצויגן אַ געמישטער וואַלד, וואו דיביימער זיינען געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט נישט געקאָנט דורכגיין. און אין טאָל, וואו די ערד איז געווען זומפּיק, האָבן זיך געקנוילט צעדרייטע, קאַלטאָנעוואַטע ביימער, זיך געצויגן איבער די זומפּן, ווי אַ געשווילעכץ. דאָרט האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווילדע חזירים. דאָרט האָבן זיך אויך אויפגעהאַלטן דער יעגער שטובאַק מיט זיינע פיר זין. מיט געדולד און אויסדויער פון וועלף זיינען זיי נאָכגעקראָכן די ווילדע חזירים, נאָכגעקראָכן טעג, וואָכן, ביז ס'האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצונאַרן פון די פאַרוואַקסענע זומפּן אַ חזיר.

שטובאַק מיט די זין, ווי אַלע יעגער, וואָס פאַרברענגען אַ לעבן אין די וועלדער, האָבן ווייניק גערעדט, האָבן זיך דערווייטערט פון די שכנישע פויערים, וואָס אין די אַרומיקע דערפער. די ביקס, דער אייביקער שונא פונעם אַקער־אייזן האָט געוועקט אין זיי רשעות, מרה־שחורה און אַ שנאה צום שכן, ווי צו אַ קאָנקורענט.

אַז אויסנאַם איז געווען זאַנוויל פערדהענדלער, וואָס פלעגט זיך אַרומ־שלעפּן אַף יאַרידים, אויפקויפן פערד און זיי שיקן, זיי „שוואַרצן" איבער דער גרענעץ. די צוויי שכנישע משפחות האָבן זיך גוט פאַרטראָגן. האָט בא איין משפּחה אויסגעפעלט געבעקס, אויסגעפעלט צוקער, צי טאַבאַק, האָט די צווייטע משפחה אויסגעבאָרגט. און אַז זאַנוויל איז געקומען פון אַ ווייטן יאַריד, האָט מיטגעבראַכט פאַרשיידענערליי שנאַפּסן, האָט מען געטרונקען „ברודערשאַפט".ביידע — ריזיקאַנטן,ביידע האָבן פעסט געטראָגן די קעפּ אַף די קערק. ביידן האָט אָפּגעגליקט — מיט אַזוינע זין האָט מען געקאָנט איינלייגן וועלטן. און אַז מען האָט אָרנטלעך אויסגעטרונקען, זיינען די שווייגעדיקע שטובאַקס געוואָרן רעדעוודיק — דערציילט וועגן הירשן, וועגן וועלף, וועגן ווילדע חזירים און וועגן פוקסן. זאַנוויל מיט די זין, וואָס זיינען

אויסגעוועזן גאַנץ פּוילן, זיך געוואַלגערט אַף אַלע יארידים און פערד־מערק, האָבן דערציילט ווי נאָך מען שלאָגט אונטער באַ א פּויער א פערד, ווי נאָך מען כאַפּט זיך אַריין אין א פּריציש הויף, מען פירט אַרויס דעם שענסטן אָגער.

דער יעגער שטובאַק, דער פערדהענדלער זאַנוויל, מיט זייערע משפחות, זיינען אַזוי אָפּגעזעסן ביז א שטיק אין דער נאַכט אַריין, זיך דערציילט מעשיות, און די צוגעבונדנקייט פון די צוויי משפחות איז געוואַקסן. דערצו האָבן די שכנים נאָך יעדן אַהיימקומען זיך געהשבונט. זאַנוויל האָט אַף די יארידים פאַרקויפט שטובאַקס פעל, געקראָגן פאַר זיי צוויי מאָל די פּרייז, וויפיל די שטאָטישע סוחרים האָבן געצאָלט.

ס'איז געוועזן די וואָך פון שבועות. שטובאַק מיט די זין זיינען געוועזן אין וואַלד. זאַנוויל מיט צוויי זין האָבן געדאַרפט אָנקומען פון פּראַגע מיט א פּאַרטיע פערד. דער דריטער זון, לייזער, וואָס האָט זיך געהאַט אויס־געלענקט א פוס, איז ניט מיטגעפאָרן מיטן פאָטער. אַפן „גרונט" זיינען געוועזן דריי אירע — שטובאַקס ווייב, זאַנווילס ווייב און לייזער.

לייזער, וואָס איז געקראָכן דעם טייוול אונטער די אויגן, איז געוועזן מער ריזיקאַנט, ווי גבור. וואו א געשלעג אַף א יאריד — לייזער האָט אָנגעפירט. האָט מען געדאַרפט באַ א רייכן פּויער, צי באַ א פּריץ, אַרויס־פירן א פערד פון שטאַל — לייזער איז שטענדיק געוועזן גרייט. אַפן אָנבליק — א שטיק קווועקזילבער. די אויגן — שוואַרץ. די וואָנסעלעך — סמאָלע. ס'פּנים — ברוין און לענגלעך. פיס — פלינקע, הענט — געשיקטע, ווי באַ א יונגן, דורכגעטריבענעם ציגיינער. און אַז אַזא יונג, א ברען, איז געבליבן איינער אַליין אַפן „גרונט", און דאָס ניט קיין איין טאָג, ניט קיין צוויי טעג, נאָר קנאַפּע דריטהאַלבן וואָכן, איז בלויז א חידוש, וואָס ער האָט דעם אייגענעם טאַטן ניט באַגנבעט, וואָס ער האָט זיך אַליין ניט באַגנבעט.

איז וואָס, אַז שטובאַקס ברוינע קאָבילע מיט די ווייסע לעטשלעך האָט זיך לייזערן געפלאָנטערט אין קאָפּ? אַרויסצופירן באַ שטובאַקן די קאָבילע, איז ס'זעלבע, ווי אַרויסצופירן א פערד באַם לייבלעכן פאָטער זיינעם. לייזער האָט געטריבן פון זיך די זינדיקע מחשבה. ער וועט פריער אויס־לענקען דעם צווייטן פוס, וועט ווערן קרום און לאָם, וועט ווערן שלאַקרירעק. אָבער אַף דער קאָבילע האָט מען געדאַרפט זיין א מבין. אַזא יונג, שיין „מיידל" האָט מען געדאַרפט ווייט זוכן. און אַז זי האָט זיך געטראָגן איבער די לאָנקעס איז עס נישט געוועזן קיין פערד, ס'איז געוועזן א יונגער הירש,

וואָס וואַרפט די פיס ווי האַלבע לבנות, שניידט די גרינלעכע לופט. די ברוינע פעל בערגלט זיך, ווערט פון ברוין רויטלעך און דער בויגעוודיקער האַלדז טראָגט דעם קאָפּ שטאָלץ. בלויז אַפּן „גרונט" האָט געקאָנט אויסוואַקסן אַזאַ „קאַשטאַנקע" מיט קלוגע אויגן. לייזער האָט אַרויסגעפירט די קאָבילע און זי באַהאַלטן אין וועלדל.

זאַנווילס ווייב, דאַר און טרוקן, ווי אַ קאַלטער ווינט, האָט דערלאַנגט דעם זון אַ שיסל פּאַריקע קאַרטאָפל מיט יויך. לייזער האָט אַריינגעשטעלט די הייסע שיסל צווישן די פיס און זיך געפרעגט:

— וואָס, זיי שטייען נאָך?

— דערווייל האָט די ערד זיי נאָך נישט צוגענומען.

— און דער טאַטע איז נאָך אַלץ נישטאָ?

— ער דאַרף יעדע רגע אָנפאָרן.

שטובאַקס זין, מיט פינצטערע, צעשמיסענע פּנימער, זיינען געשטאַנען מיט די אָנגעלאָדנטע ביקסן, געשטאַנען פון אַלע פיר זייטן הויז, געוואַרט ס'זאָל זיך עפענען אַ טיר, ס'זאָל זיך עפענען אַ פענצטער.

אין וועלד האָבן זיך צעהירזשעט פערד. ס'האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון קאָפּיטעס. אַ טיר האָט זיך געעפנט. די יענגער האָבן נידעריקער אַראָפּ־געלאָזט די ביקסן, זיי אָנגעשטעלט צום שיסן. ס'איז געווען לייזערס מאַמע... זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן צו די יונגען מיט אַ זייט. זי איז נאָך איצט געווען דאַרער. ס'פּנים — שאַרף ווי אַ האַק. זי האָט צוגעלייגט אַ האַנט—פלאַך, ווי אַ דעכל, צו די אויגן און אָנגעזאָגט די בשורה:

— זאַנוויל קומט!

— מיט אים איז אויך אייער פאָטער!

— אונדזער פאָטער? — האָבן די פיר זין פון אַלע פיר זייטן זיך איבערגעפרעגט. — אונדזער פאָטער?

— שטובאַק און זאַנוויל!

אין אַ בריטשקע אויף רעסאָרן זיינען געזעסן פון פאָרנט שטובאַק און זאַנוויל. פון הינטן — שטובאַקס ווייב. זאַנווילס צוויי זין האָבן רייטנדיק געפירט אַ פּאַרטיע פערד. די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. שטובאַק איז דער ערשטער אַראָפּ. ער האָט אַ וויש געטאָן מיט די פינגער איבער די לאַנגע וואָנסן און זיך געבריגט:

— אויף וועמען טשאַטעוועט איר? אויף אַ ווילד־חזיר?

— אויף לייזערן, — האָט יאַנעק געענטפערט.

— פאַרוואָס ?

— ער האָט אַרויסגעפירט די „קאַשטאַנקע".

דער פאָטער האָט זיך צעפייפט. פון דער פאַרטיע פערד האָט זיך אַרויס־געריקט די „קאַשטאַנקע". זי האָט געשטעלט טריט, ווי צום טאַנץ, דערנאָך האָט זי אַ הויב געטאָן די פעדערשטע פיס, גענומען גיין „וואַסער־טריט", געקוקט מיטן רעכטן אויג, אַ קלוג, ממזריש אויג, אַף שטובאַקן, אַף די זין. דערנאָך האָט זיך די קאָבילע צעלאַכט. אַן אָגער האָט איר געענטפערט, אַז דער „גרונט" האָט אויפגעציטערט.

— אָט איז זי דאָך, די „קאַשטאַנקע" ! אַז מיר זיינען צוגעקומען צום וועלדל און איך האָב זיך צעפייפט, האָט „קאַשטאַנקע" געענטפערט מיט אַ הירזשען. און ווי מען האָט זי אויפגעפּענטעט, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר, ווי אַ געטרייער הונט, — האָט שטובאַק נישט אויפגעהערט צו ציען די וואָנסן און געלאַכט. — שטעלט אַוועק די ביקסן און בעט איבער לייזערן, וועלן מיר אויסטרינקען „ברודערשאַפט". נו, נו, שטייט נישט ווי די קלעצער ! וואו איז ער, לייזער ? העי, לייזער !

לייזער, וואָס האָט נאָך עטוואָס אונטערגעהינקט, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַף דער „קאַשטאַנקע", אַוועקגעפּאַטשט מיט איר איבער דער לאָנקע.

די פיר יונגען מיט די ביקסן אין די הענט האָבן אים נאָכגעקוקט.

.1936

ראַסע

אין דעם הייסן נאָכמיטאָג האָט זיך אַלץ געצייטיקט, — די צעעפּנטע פּלאַנצן, די פרוכט אויף די ביימער, אפילו די באַנגעלאָס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן, ברוינע באַנגעלאָס מיט רויט־געפאַרבטע דעכער, האָבן פון דער־ווייטנס אויסגעזען, ווי צייטיקע פּירות.

הינטער די באַנגעלאָס — גערטנדלעך. אין איינעם פון די גערטנדלעך, אין אַ הילצערנער הוידע, וואָס האָט זיך אי געוויגט, אי נישט געוויגט, איז געזעסן העלען ראָסי. די האָר, די אויגן — ליכטיקע, גאָלדיקע. ס'פּנים, דער האַלדז, די הענט — צוגעברוינט. העלען האָט געקוקט אויפן רויטן דאַך, וואו קריכפּלאַנצן האָבן זיך געוויקלט. זי האָט געקוקט אויף די צוגעשוירענע בושעס, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס גערטנדל פון דריי זייטן און פון דער פערטער זייט האָט זיך געצויגן אַ ווייס זאַמדיק וועגל צום טייך סידער.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי דאָס וואַסער שווענקט די ברעג־שטיינדלעך, לויפט און קייקלט זיך, ווי עס לויפט די צייט, ווי עס לויפט העלענס לעבן.

פאַר די זעקס וואָכן, וואָס העלען מיט איר צען־יאָריקן זון, עדגאַר, זיינען געווען אין דיילוויל, איז זי דאָס ערשטע מאָל געזעסן אין דער הוידע. ווי נאָר זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף דער זומער־וואוינונג, איז עדגאַר קראַנק געוואָרן. פריער — גריפּ, דערנאָך — מאַנדלען. אַזוי איז זי אָפּגעזעסן מיטן יינגל קנאַפּע זעקס וואָכן אין דער באַנגעלאָ. דאָס איז געווען דער צווייטער טאָג, וואָס עדגאַר איז אַליין געגאַנגען צום טייך און זי, העלען, איז געבליבן מיט זיך.

דער אויגוסט־הימל איז געווען בלוי און טיף. דער טייך — נאָך בלויער. די לופט האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָ האָט זי געשמעקט מיט צייטיקע פּירות, דאָ — מיט דער פייכטקייט און קילקייט פון לויפיקע וואַסערן.

פון פרייד און רייפקייט האָבן העלענס אויגן זיך אַליין פאַרמאַכט. זי איז געווען גליקלעך, וואָס ערגעץ ווייט הינטער זיך האָט זי אַראָפּגעוואָרפן אַ צען יאָר לעבן, אַראָפּגעוואָרפן יעדע זאָרג. און דאָ אויף דער הוידע זיצט אַן אַנדער העלען, אַ יינגערע, וואָס איז קיינעם גאָרנישט שולדיק, נישט דעם מאַן, נישט דעם צען־יאָריקן זון.

א ליכטיקייט האָט זיך געשפּרייט איבער העלענען, וואָס איז געקומען פון צייטיקעביימער, פון די צעעפנטע פלאַנצן, פון דער בלויער דורכזיכטיקער לופט. די צעצווייגטע ביימער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַשעפענישן, וואו בויגיקע גלידער האָבן זיך געצויגן איבער העלענען, געגלעט און גע־ווארעמט דאָס פּנים, דעם האַלדז, די הענט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אפן גראָז, וואָס איז געווען טיף, וואָס האָט געקילט. זי האָט זיך אויסגעצויגן, פאַרוואָרפן פריער די פיס, דערנאָך די הענט און אַזוי איז זי געבליבן ליגן. פונעם טייך האָבן זיך פּאָר א ווייל דערהערט קולות און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. באַלד האָבן זיך גענומען קייקלען טריט. פיס האָבן געקלאַפּט איבערן ווייסן ווענגל, וואָס האָט געפירט פון טייך. די קלעפּ האָבן זיך גע־קייקלט, זיינען געקראָכן צווישן די גראָזן, פאַרקראָכן צו העלענען און איבערן גאַנצן לייב האָבן זיך א שאָט געטאָן קינדישע פינגער:

— ווער גייט?

העלען האָט זיך א ריס געטאָן, זיך אויפגעזעצט. לעבן איר איז גע־שטאַנען עדגאַר, א פאַרווייִנטער.

— וואָס איז, קינד מיינס? — האָט העלען זיך אויפגעשטעלט און באַ־טראַכט דעם יינגלס אונטערגעהאַקט אויג, — ווער האָט דיך געשלאָגן? ווער האָט דיר אונטערגעהאַקט אַן אויג?

— דעם שכנס יינגלעך, — האָט עדגאַר זיך צעהעשעט, — זיי האָבן אָנגעהויבן.

— פאַרוואָס האָבן זיי מיט דיר אָנגעהויבן?

— זיי האָבן מיך גערופן „שיני", זיי האָבן מיך גערופן „מאַקי", זיי האָבן מיך גערופן „באַשניטענער הונט".

— פאַרוואָס האָבן זיי דיך אַזוי גערופן?

— כ'ווייס נישט, — האָט דאָס יינגל געריבן מיט די פויסטלעך די אויגן און אויף די באַקן זיינען געבליבן פלעקן.

— פאַרוואָס רופן זיי מיך נישט קיין צונעמען? — האָט די מוטער צוגעטוליעט עדגאַרן צו זיך.

— כ'ווייס נישט, — האָט דאָס יינגל זיך אַרויסגעדרייט פון דער מוטערס הענט, — זיי זיינען „קלעניקעס".

— פון וואַנען ווייסטו, אַז זיי זיינען „קלעניקעס"? נישטאָ מער קיין קלעניקעס!

— זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט, — האָט דאָס יינגל זיך גענומען אָנ־

פּאַקן די קעשענעס מיט שטיינדלעך, — זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי אויסהרגענען אַלע יידן, אַלע קאַטאָליקן און אַלע נעגערס. האָב איך געזאָגט: „מיר וועלן פריער אויס־הרגענען אַלע קלעניקעס". האָבן ביידע ברידער — פּיט און טעד — זיך געוואָרפן אַף מיר. אָט גייען זיי!

עדגאַר מיט פולע קעשענעס שטיינער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אונטער אַ בוים. אַף אַפריער זיינען נעגאַנגען דעם שכנס יינגלעך, פּיט און טעד, הינטער זיי — נאָך צוויי.

— דו זאָלסט נישט וואַרפן קיין שטיינער, הערסט, — האָט העלען זיך אַ לאָז געטאָן צו עדגאַרן. — זיי זיינען דאָך פיר אירע און דו איינער.

— כ'וועל זיי אַלע צעשלאָגן, אַלע! — האָט עדגאַר אַ שיק געטאָן אַ שטיין און געטראָפן פּיטן אין פּוס אַריין.

פיר שטיינער זיינען אַ פלי געטאָן אין עדגאַרס זייט און קיין איינער האָט אים נישט געטראָפן. ס'בלוט אין העלענען האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין די שלייפן. זי האָט נישט געוואוסט וואו פריער צו לויפן — צי צו עדגאַרן, צי צו די שכנישע יינגלעך. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די יינגלעך, זיך געבעטן בא זיי:

— קינדער, טשעפּעט אים נישט, וועט ער אויפהערן וואַרפן שטיינער. עדגאַר איז נאָך אַ קרענק, עדגאַר איז אַ נערוועז יינגל, און אויב איר האָט צו אים טענות, זאָגט מיר, וועל איך אַליין אים באַשטראָפן. דערצו זענט איר פיר און עדגאַר איז איינער, און ווי גייען פיר יינגלעך זיך וואַרפן אַף איינעם?

— אודאי זיינען מיר פיר, — האָט פּיט, וואָס האָט געכאַפּט דעם שטיין אין פּוס אַריין, זיך אַרויסגערוקט. — עדגאַר ווייס, אַז מיר זיינען פיר און ער הויבט אָן מיט אונדז.

— ס'איז אַ ליגן, מאַמע, גלויב זיי נישט, די „קלעניקעס", — האָט עדגאַר זיך צעשריען און פון כעס געטופּעט מיט די פיס. — זיי האָבן מיט מיר אָנגעהויבן. זיי האָבן מיך גערופן צונעמען.

— מיר האָבן אָנגעהויבן, — האָט פּיט ווייטער גערעדט, — און ער רופט אונדז „קלעניקעס".

— פּיט איז גערעכט, — האָט העלען זיך געשטעלט אַף פּיטס צד.

— ער איז נישט גערעכט, מאַמע, — האָט עדגאַרן די נכפה געגעסן. —

איידער איך האָב זיי גערופן „קלעניקעס״ האָבן זיי מיך גערופן „שיני״, „מאַקי״, זיי האָבן מיך גערופן „באַשניטענער הונט״.

די יינגלעך האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און עס גלייך דער־שטיקט אין זיך. איינער האָט אויסגעמיטן דעם צוויטנס בליק. מען איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פון דער זייט געהיט עדגאַרן, ער זאָל ווידער נישט אַ שיק טאָן קיין שטיין. העלען איז געשטאַנען אַ צעטומלטע. זי האָט געוואוסט, אַז אין דיילוויל האָט מען נישט ליב קיין יידן. זי האָט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו יידן באָדן זיך, וואַרפן די „קלעניקעס״ אָן שטיקער צעבראָכן גלאָז. זי איז אָבער זיכער געווען, אַז דאָס מיינט מען די „גרינהאָרנס״, וואָס רעדן „זשאַרגאָן״, וואָס רעדן ענגליש מיט אַן אַקצענט. זי האָט געוואָלט איבערבייטן דעם שמועס, געוואָלט פאַרגלעטן דעם צוזאַמענ־שטויס, און מיט אַ פּרעמד, ווייך קול זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איז עס אמת, קינדער, וואָס עדגאַר דערציילט?

זיי האָבן נישט געענטפערט. עדגאַר האָט זיך צעשריען אויף דער מוטער.

— ס'איז אמת, זאָג איך דיר, און דו רעדסט נאָך מיט זיי, בעטסט זיך באַ זיי.

בשעת עדגאַר האָט געשריען איז די שכנטע אָנגעקומען פון איר גערטנדל. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט דינע פאַרקוועטשטע ליפּן. די שכנטע האָט אַ רוף געטאָן אירע צוויי יינגלעך, ווי מען רופט טרענירטע הינט. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די יינגלעך, וואָס האָבן אָפּגעצויגן אין שטוב אַריין. דער־נאָך איז זי צוגעגאַנגען צו העלענען, האַרט צוגעגאַנגען און אַ שפּיי געטאָן:

— מיר האָבן פיינט אַ יידיש פּרצוף און איר קריכט צווישן אונדז!

די ווערטער זיינען געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז העלען האָט פאַר־לוירן ס'לשון. און אַז זי איז געקומען צו זיך, ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין, איז די שכנטע שוין נישט געווען. די ווערטער האָבן געשטיקט אין האַלדז. עדגאַר האָט זיך צוגעשאַרט צו איר:

— פאַרוואָס האָט מען אונדז אַזוי פיינט? ווייל מיר זיינען יידן?

— ווייל זיי זיינען „קלעניקעס״, — האָט די מוטער צוגעפירט עדגאַרן צו דער הוידע און ביידע האָבן זיך צוגעזעצט, — ווייל זיי זיינען שלעכטע מענטשן.

עדגאַר איז נישט איינגעזעסן. ער האָט דערזען אַ קאָלירט פלאַטערל און זיך גענומען יאָגן נאָך דעם.

די אַרומיקע רחבות האָט זיך מיטאַמאָל איינגעקאַרטשעט. העלען האָט

מער נישט געזען די ליכטיקייט, וואָס איז געקומען פון די ציטיקע ביימער, פון די פלאנצן, פון דער בלויער דורכזיכטיקער לופט. דער אָרום איז צו קליין געוואָרן פאַר העלענען. און זי האָט זיך געערגערט, נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'נעמט זיך צום מענטש אַזויפיל רשעות, וואָס פאַרמיאוסט אַלץ — הימל, ערד, פלאנצן.

.1937

צומאָרגנס

ס'האָט שוין גענומען טאָגן, ווען די אָנגעפּאָרענע מחותנים האָבן זיך צעלייגט צו דריי, צו פיר אין אַ בעט און זיינען אַוועקגעפאַלן שלאָפן. בלויז דער הויפּט־מחותן, דניאל גארבער, וואָס האָט געהאַט אויסגעגעבן די יינגסטע טאָכטער, איז געווען וואַך. ער האָט זיך געחידושט, וואָס די שווערע עסנס, די שאַרפע געטראַנקען, דאָס טאַנצן — קיין זאַך האָט אים נישט מיד געמאַכט.

מיט דער טאָכטערס חתונה איז אָפּגעווישט געוואָרן אַ שנאה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ לעבן. דניאלס גאַרבעריי וועט אויפהערן קאָנקורירן מיט שלמהס. דער בלויזער געדאַנק האָט דניאלן נישט געלאָזט איינשטיין. ער איז אַראָפּ פון גאַניקל, וואָס פאַרן הויז און האָט זיך געלאָזט מיטן לאַנגן הויף, וואו די גאַרבעריי איז געווען. סוף־אַפּריל־ווינטלעך האָבן געבלאָזן, מיטגעבראַכט גערוכן פון פרישן דאָמב, פון רויער פעל, פון געוויקסט לעדער און קאַלך. די גערוכן זיינען געקומען פון דניאלס הויף, פון שלמהס שכנישן הויף, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט נישט מיט קיין פּלויט, נאָר מיט אַ געמויער־טער וואַנט, ווי מיט אַ פעסטונג, מען זאָל נישט קענען זען, וואָס ס'טוט זיך בא שלמהן אין גאַרבעריי.

היינט זעקס וואָכן זיינען דניאל און שלמה נאָך געווען דם־שונאים. האָט איינער אויסגעאַרבעט פּלאַט־לעדער, האָט דער צווייטער אַראָפּגעבראַכט אַ באַלמעלאָכע פון וואַרשע און גענומען אויסאַרבעטן האַמבורגער אונטער־געניי. האָט איינער אַוועקגעשטעלט שוואַרצערס און בייגערס, האָט דער צווייטער אים נאָכגעטאָן. מען האָט פאַרקויפט אונטערן קרן, אַבי זיך צו עסן לעבעדיקערהייט. אַזוי יאָרן, אַזוי אַ גאַנץ לעבן. ביז שלמה, אָט דער שווערער פּאַרשוין, איז אַ שבת נאָכן שלאָף אַליין אַריבערגעקומען צו דניאלן. פון גרויס חידוש איז בא דניאלן אַראָפּגעפאַלן דאָס שטיקל קאַפּל פון קאָפּ, און ער איז שוין אַזוי געבליבן זיצן אין בלויזן קאָפּ. שלמה האָט נישט געוואַרט מען זאָל אים בעטן זיצן. ער האָט אַ שאַר געטאָן נאָך זיך די ערשטע שטול און ער האָט זיך געזעצט האַרט לעבן דניאלן.

— אַזוי און אַזוי, שכן, אַזוי און אַזוי. מאָרגן, בלי נדר, ווער איך פופציק יאָר, איז ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו שניידן אַליין ביז דעם אייגענעם ביין? אַרבעטן פאַר די גנבים, די לעדער־סוחרים, פון פראַנציש־קאַנער גאַס? איך וויל שלום, איך וויל יד־אחת. וואָס זאָגסטו אף דעם, דניאל?

ערשט איצט, ווען דניאל האָט געוואָלט א רוק טאָן ס'קאַפּעלע פון קאָרק צום שטערן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער זיצט אין בלויזן קאָפּ. און ווי ער האָט גענומען זוכן ארום זיך ס'קאַפּעלע, האָט שלמה ווייטער גערעדט:

— און אַז יד־אחת, דניאל, זאָל זיין יד־אחת. ווייסט, אַז מיין מאַזל איז מיר טייער. ר'איז בא מיר איין־און־איינציק. דערצו א בריה, א יונג און איינרייסער. אַז מען דאַרף, קען ער איינער אַליין אויפשלאָגן א גאַנצע פּאַס לעדער. וואָס זאָל איך זוכן א שידוך פון דער פרעמד, וואו כ'קען אריינפאַלן, אַז דאָ מיט דיר, דניאל, איז אַלץ ווי אף דער האַנט? און אַז מיר האָבן זיך געריסן פאַר די קעפּ, איז וואָס? איך ווייס וויפיל דו פאַרמאָגסט, דו ווייסט וויפיל איך פאַרמאָג. ס'איז אַן אָפענער זעקס־און־זעכציק. וואָס זאָל איך לייקענען, דיין געלע מויד געפעלט מיר. און דער עיקר — זי איז מאַטלען צום האַרצן.

נאָך דעם שמועס איז דניאל ארומגעגאַנגען א צעגאַרטלטער. דער שידוך איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. וויפיל נדן דניאל וועט געבן דער טאָכטער, אזוי פיל וועט שלמה געבן דעם זון. און ס'גייט נישט אין נדן. דאָס האָבן חתונה צוויי איינגעפונדעוועטע הייזער, צוויי גאַרבערייען, וואָס שטעלן צו, איבער א פערטל יאָרהונדערט, סחורה קיין וואַרשע, קיין פּרייסן. דניאל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס רחל ברעקלט זיך, ווייל נישט דעם שידוך. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס רחל האָט געוויינט, האָט געטענהט, אַז זי וועט נישט גיין צו דער חופּה. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָנגעזעצט אף איר, מיט גוטן, מיט בייזן, און די פאַרוויינטע רחל האָט זיך געלאָזט פאַרשלייערן.

ס'איז שוין געווען א שטיק נאָך לייגנפירנס. דער טומל, וואָס איז גע־שטאַנען איבער א מעת־לעת אין הויז, איז שוין לאַנג געהאַט אויסגערונען. ארום איז געווען שטיל, די שטילקייט, וואָס ציט זיך פון איין דונער צום צווייטן. דער טאָג, א יונגער, האָט געשלונגען די גרויקייט. די פעסער, ביז צו די ראַנדן מיט איינגעווייקטן לעדער, האָבן געגלאַנצט אינעם פרימאָרגן. דאָ האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַרבעטער, דאָרט אַן אַרבעטער. די שטיוול ווייס פון קאַלך, די נעגל אף די פינגער רויט פון דאָמב. מען האָט באַגריסט דעם באַלעבאָס, אים געוואונטשן ער זאָל דערלעבן נחת פונעם יונגן פּאָר־פאָלק. דניאל האָט אויסגעטרונקען מיט די אַרבעטער, געגעבן יעדן צו רובל און סתם זיך געפרעגט:

— וואָס, איר גייט אויפשלאָגן די פעסער?

ווי דניאל איז אריין אין בעט, האָבן די אויגן זיך אים גענומען קלעפּן.

מיטן שלאָף איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ פרייד, די פרייד וואָס קומט פון אַן איינגעפונדעוועט באַלעבאַטישקייט, פון גוט־אויסגעגעבענע קינדער. ער איז פעסט איינגעשלאָפן. און אַז ער האָט געעפנט די אויגן, איז ער בא זיך געווען זיכער, אַז ער האָט נאָר־וואָס איינגעדרעמלט. איבער אים איז גע־שטאַנען ס'ווייב, הינטערן ווייב — מאָטל.ביידע פאַרלוירענע, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין אין בית־המדרש אַריין איינרייסן פאַר אַ חולה.

— וואָס איז? — האָט דניאל זיך אויפגעזעצט, — וואָס איז געשען?

— די מויד איז אַוועק צום קלעזמער, — האָט די מוטער פאַרבראָכן די הענט.

ס'איז געוואָרן שטיל. די חרפה און בושה, און נישט אַזוי פאַר דער שטאָט, ווי פאַר שלמהן, האָט דניאלן אַרויסגעטריבן פון בעט. אַף אַזאַ בראָך האָט ער זיך אינגאַנצן נישט גערעכט. ער האָט געוואוסט, אַז די מויד גייט אויס פאַר פישל קלעזמער, איז געווען אָבער זיכער, אַז מיט דער חתונה וועט דאָס טריפהנע פייערל אַליין זיך פאַרלעשן. פון רציחה האָבן זיך די פּיס בא דניאלן געטרייסלט. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעוואָרפן ס'אָנ־טאָעכץ און אַ געשריי געטאָן צום ווייב:

— גיב מיר די וואָכעדיקע הויזן!

אַז ער איז אַריין אין די הויזן, האָט ער גענומען באַרואיקן דעם איידעם:

— מעגסט זי אַפילו אָפּגטן, מאָטל, וועל איך אויך צו דיר גאָרנישט האָבן. פאַר אַזאַ זאַך מעג אַ מאַן אָפּגטן אַ ווייב. נאָר אויב דו ווילסט זי נאָך, זאָג איך דיר צו, אַז כ'וועל זי אַהיימברענגען און זי וועט שוין מער פון שטוב נישט אַנטלויפן. אַ יונגע, שיינע מויד האָט ווינט אין קאָפּ, דאַרף מען דעם ווינט אַרויסטרייבן.

— און דעם קלעזמער דאַרף מען אונטערהאַקן די זייטן, — האָט מאָטל זיך אַ שטעל געטאָן, ווי ער וואָלט גרייט געווען זיך צו שלאָגן, — איך גיי מיט, שווער!

— דו בלייב אין שטוב, — האָט דניאל אַוועקגעזעצט דעם איידעם אַף אַ בענקל, — איך וועל זי שוין אַליין ברענגען.

אין די וואָכעדיקע קליידער, אַף דער האַנט אַן „אַרטשיק", וואָס מען טוט אָן אַ פערד, — אַזוי איז דניאל אַרויס פון שטוב. ער האָט נישט געשניטן מיטן מאַרש. ער איז געגאַנגען מיט הינטערגעסלעך. די טיר בא פישל קלעזמער איז געווען פאַרקייטלט פון אינעווייניק. דניאל האָט אויפ־געבראָכן די טיר, געשריען:

— ס'וועט דיר גאָר נישט העלפן, קלעזמער, מען וועט דיך פון דיין איינענער שטוב אין לייַלעבער ארויסטראָגן!

אין שטוב איז קיינער נישט געווען. דניאל האָט אויפגעריסן אַ קליידער־שאַנק, דערזען רחלען, וואָס האָט געציטערט אינגאַנצן, איז געווען ווייס, ווי קאַלך. רחל האָט זיך צעוויינט:

— איך וועל נישט אַהיימגיין, טאַטע, איך האָב פיינט מאַטלען, איך קען נישט פאַרטראָגן זיין גערוך, איך וועל נישט אַהיימגיין.

— וועסט אַהיימגיין, רחל, וועסט! — האָט דער פאָטער זי אַ כאַפּ געטאָן פאַרן רויטן קאָקס האָר, וואָס איז געווען האַלב אָפּגעשוירן, — וועסט אַהיימגיין, חצופה! און דעם קלעזמער דיינעם וועל איך נאָך היינט פאַריאָגן פון שטאָט. קענסט נישט פאַרטראָגן מאַטלס גערוך, מיין הייס־געבאָרענע? זאָג איך דיר אָן, אַז ווי נאָר דו וועסט אַהיימקומען אין שטוב, זאָלסטו פאַלן מאַטלען צו די פיס און אים איבערבעטן!

— כ'וועל נישט!

— וועסט יאָ!

דניאל האָט פאַרוואָרפן אויף רחלס בויגיקן האַלז דעם „אָרטשיק", ווי מען פאַרוואַרפט אים אויף אַ קאָבילע, און האָט זי אַרויסגעטראָגן פון פישלס שטוב. רחל איז אים געפאַלן צו די פיס:

— טאַטע, וואָס טוסטו?

די רציחה האָט שוין געשרפעט אין דניאלן. ער האָט אַ ריס געטאָן די טאָכטער פון דער ערד, זי אויפגעשטעלט, איר דערלאַנגט מיטן פּאַסעק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום „אָרטשיק", און זיך צעשריען:

— וויאָ! וויאָ!

און ער איז נישט אַהיימגעגאַנגען מיט די הינטערגעסלעך. ער האָט געשניטן דעם מאַרק, געוויזן דער שטאָט, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ טאָכטער, אַן ארומלויפערן.

דער מאַרק איז געווען ליידיק, די געוועלבער פאַרהאַקט. פון הינטער־טויערן, פון הינטער־טירן און פענצטער האָבן אויגן געקוקט, ווי רחל, אַ פאַר־וויינטע, אַ געבויגענע, די רויטע צוגעשאָרענע האָר איבערן האַלדז, שלעפּט זיך אַן איינגעשפּאַנטע אין „אָרטשיק". דער פאָטער נאָך איר, ווי ר'וואָלט אויסגערופן:

— אַזוי ווערט געטאָן צו אַ טאָכטער, אַן ארומלויפערן.

.1935

ערב־חתונה

די פּאַרמס — „רעד־עפּל" און „בלו־רידזש" — האָבן זיך איבערגעבעטן און זיך משדך געווען. „רעד־עפּל" האָט באַלאַנגט צו לייזערן, „בלו־רידזש" — צו שמחהן.

די פּאַרמערס זיינען יאָרן געווען אַף מעסער־שטעך. געהייסן האָט עס, מען משפּט זיך איבערן שטיק געמישטן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן צווישןביידע פּאַרמס, זיך געצויגן איבער אַ באַרג מיט טיפע אָפּריסן. די שנאה אָבער איז געווען אַ פּיל עלטערע, נאָך פון בחור־ווייז אָן, ווען ביידע האָבן זיך געשדכנט צו דער שוואַרצער באַשקען. ס'האָט געהאַלטן, אַז שמחה וועט מיט איר חתונה האָבן. באַשקע אָבער האָט חתונה געהאַט מיט לייזערן. אין דער וואָך פון דער חתונה איז שמחה אַוועק קיין ניו יאָרק און האָט זיך פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט אַ ווייב.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער דרייסיק־יאָריקער קריג. איז בּאַ לייזערן געפאַלן אַ פערד, איז בּאַ שמחהן — אַ קו. האָט בּאַ לייזערן אָפּ־געברענט ס'שייער, האָט בּאַ שמחהן — ס'הויז. פאַר די דרייסיק יאָר האָבן די ביידע שכנים זיך פינף מאָל אונטערגעצונדן און פינף מאָל זיך איבער־געבויט. איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, איז געשטאָרבן אַ קינד — לייזער איז נישט געגאַנגען צו שמחהן און שמחה האָט נישט אַריינגעשמעקט צו לייזערן.

די פּאַרמערס האָבן זיך געעלטערט, זיינען אַריין אין די הויכע פופציקער. און כאָטש מען האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם ברוגז, האָט מען זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט, וואָס זייערע קינדער פלעגן זיך באַגעגענען.

לייזער האָט געהאַט אַן איין־און־איינציקע טאָכטער. אסתר איז געווען, ווי די מוטער — אַ יונגע באַשקע. די האָר שוואַרץ, די אויגן שוואַרצער, און ס'פּנים — פריש־טונקעלער איילבערט. שמחה האָט געהאַט צוויי זין — וואָלף און הערשל. אסתר האָט ביידע יונגען פאַרדרייט דעם קאָפּ. דאָ האָט זי זיך אַרומגעפירט מיטן עלטערן, דאָ — מיטן יינגערן. און אַז דער יינגערער איז צוגעשטאַנען צום עלטערן, אַז ער זאָל אים נישט קריכן אין וועג אַריין,

ווייל אסתר האָט אים ליב, הערשלען, נישט וואָלפן, איז אסתר גאָר א כלה געוואָרן פאַרן עלטערן, פאַרן פיר-און-צוואַנציק-יאָריקן וואָלף. ערשט דעמאָלט האָבן די צוויי שכנים, לייזער און שמחה, זיך איבערגעבעטן.

ס'איז געווען פּריוויט-צונאַכטס, צוויי טעג פאַר דער חתונה. נאָכן מייערן-צימעס האָט שמחה זיך א הויב געטאָן פון טיש און געזאָגט צום בני-בית:

— טיי וועלן מיר שוין טרינקען באַם מחותן.

שמחה מיטן ווייב, מיט די זין זיינען אַריבערגעגאַנגען צו לייזערן. דער אָוונט איז געווען א קאַלטער, א פּראַסטיקער. דער שני, עטלעכע צאָל טיף, האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, געבלענדט די אויגן, זיך געטראָגן איבער די פעלדער, ווי א פעכער. און אינעם נידעריקן, אויסגעשטערנטן הימל האָט די לבנה זיך געשאַרט אַף אַפּריער, ווי זי וואָלט זיך געאײַלט אַנצוזאָגן, אַז געסט קומען. באַ לייזערן אַפן הויף האָט זיך ערגעץ צוגעהאַקט א טיר. דערנאָך האָט זיך א הונט צעבילט.

לייזער האָט אַריינגעלאָזט די מחותנים און א געשריי געטאָן צום ווייב:

— מיר האָבן געסט, באַשקע!

די מחותנים זיינען געווען אַנגעלייגטע געסט. אַפן שבתדיקן טישטוך, וואו די ליכט האָבן נאָך געברענט אין די לייכטער, איז גלייך אויסגעוואַקסן כיבוד — וויין, קיכלעך, ניס און טיי. דערלאַנגט דעם כיבוד האָט די כלה. און איידער וואָס-ווען האָבן די מחותנים זיך איבערגערופירט. ביידע פאַרמערס זיינען געזעסן אויבנאָן איבער גלעזער טיי און געפּלאַנט, אַז, בלי נדר, נאָך דער חתונה וועט מען זיך שטעלן האַקן דעם בשותפותדיקן וואַלד. ביידע פאַרמערקעס זיינען געזעסן באַם צווייטן עק-טיש, געזעסן אַזוי נאָענט, אַז מען האָט זיך אַריינגערעדט אין די מיילער. און גערעדט האָט מען וועגן אויסשטייער, וועגן דער חתונה, וועגן די געכט, וואָס וועלן זיך שוין שבת-צו-נאַכט אָנהויבן צונויפפאָרן. ס'יונגוואַרג האָט זיך פאַרקליבן אַף דער ברייטער קאַנאַפּע. אסתר איז געזעסן לעבן חתן, האָט אים געגלעט דאָ איין האַנט, דאָ א צווייטע, גערעדט שטיל:

— וואָס דאַרפן זיי וויסן? מיר וועלן פאַרגיין צו אייך נאָכן שליטעלע. פונעם באַרג ציט זיך א גלייכער וועג אַף דער לאָנקע. קום, וואָלף.

זי האָט זיך א שטעל געטאָן, האָט גענומען רעדן העכער:

— קום, וואָלף, כ'וויל זיך איבערגיין. כ'בין א גאַנצן טאָג געזעסן אין

שטוב. און אויב דו ווילסט נישט, פוילסט זיך, בלייב, וועל איך גיין מיט הערשלען.

וואָלף האָט זיך אויפגעשטעלט. א הויכער, מיטברייטע פּלייצעס, שוין צו־ברייטע, ווי א וואַנט. די מוטער האָט צו אים געהאַט טענות:

— וואו שלעפּסטו זי אַף אַזאַ קעלט?

— ווער שלעפּט זי? — האָט וואָלף אָנגעטאָן ס׳האַלבע פּעלצל. — זי שלעפּט מיך.

וואָלף האָט שוין די ווערטער נישט געקאָנט צוריקכאַפּן. ער האָט אויס־געמיטן אסתרס בליק, געפילט אָבער, אַז זי טראָגט זיך פון איין צימער אין צווייטן, ווי א ווינט. און אַז די מוטער האָט זיך געבעטן בא דער טאָכטער: „טו אָן דעם ווינטער־מאַנטל״, — האָט אסתר דווקא אָנגעטאָן א רויטן סוועטער און אַפּן סוועטער א לעדערן רעקל. אַפּן הויף האָט אסתרס בליק, שאַרף ווי א חלף, זיך נישט איינמאָל איינגעגעבן אין וואָלפן:

— וואו איז הערשל?

— ער איז געבליבן זיצן אַף דער קאַנאַפּע.

— רוף אים.

— צו־וואָס? — האָט וואָלף זי א נעם געטאָן פאַרן אָקסל.

— גיי רוף אים.

וואָלף האָט נישט געענטפערט. אסתרס טוכן קלייד האָט זיך צעווינטלט. דער אָקסל, וואָס איז אַפּער פון אונטער זיין האַנט, האָט עפּעס מיטגעריסן פון אים, אַז ס׳האָט זיך געוואָלט א געשריי־טאָן.

א שניידיקער ווינט, וואָס האָט געשאַרט איבער די פעלדער בלוילעכע פּאַסמעס שניי, זיי געהויבן א פּלאַכטע אַרויף, א פּלאַכטע אַראָפּ, איז ערגעץ געבליבן שטעקן אין די בערג. ס׳איז געוואָרן מיטאַמאָל שטיל, אומהיימלעך שטיל.

אין דעם הויכן, צעוואַקסענעם וואָלף האָט געוואָיעט א געשלאָגענער הונט. ס׳האָט פון אים אַרויסגערעדט, אַז ער וועט קיינעם נישט לאָזן זיך גיין אין וועג אַריין, אַפילו נישט קיין ברודער, אַפילו נישט א לייבלעכן טאַטע. און געטראַכט האָט ער, אַז ער איז א פאַרשנייט פעלד, וואו אסתר טראָגט זיך, ווי א ווינט, שפּילט זיך מיט שניי־פּלאַכטעס, רייצט זיך מיט אים: — „גיי, כאַפּ מיך!“ נו, וואָלף, זיי טאַקע א בריה און כאַפּ דעם ווינט אין פעלד!

אסתר איז אָנגעלאָפן מיט הערשלען. די שוואַרצע האָר האָבן זיך גע־

שפּארט פונעם ווינטער־קעפּ, דאָס לעדערנע רעקל צעקנעפּלט — דער רויטער סוועטער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מיר גייען!

זי האָט גענומען וואָלפן אונטערן אָרעם, פעסט גענומען, כמעט צוגעלייגט אירע הייסע ליפּן צו זיין אויער:

— די מאַמע זאָגט, אַז אַ טאָג פאַר דער חתונה לאָזט מען אַ כלה נישט אַליין.

דער פאַרדרוס און די רשעות, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט אָנגע־קליבן אין וואָלפן, זיינען ווי אויסגערונען. ס'האָט אין אים גענומען אויפגיין די גוטסקייט. וואָס דאַרף ער שלעפּן אסתרן איבערן פעלד? לאָז זי דאָ צוואוואַרטן מיט הערשלען. ער וועט אַליין אַריבערלויפן נאָכן שליטן.

אסתר און הערשל האָבן נאָכגעקוקט וואָלפן, וואָס האָט נישט געשפּרייזט איבערן הארטן שניי, נאָר געשטעלט קלאַפּטער. און אַז מען האָט אים שוין מער נישט געזען, האָט זיך זיין שאָטן, אַ צו־דינער, אַ צו־לאַנגער, נאָך אַלץ געשאַרט איבערן שניי. דערנאָך איז דער שאָטן אויך פאַרשוואונדן. דער ווינט, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרשטעקט אין די בערג, איז ווידער אָנגעלאָפן מיט אַ פייף. אסתר האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ:

— כ'ווייס, אַז דו האָסט מיך פיינט. כ'האָב זיך אַליין אויך פיינט. כ'האָב זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. און ליב, הערשל, האָב איך דיך, נישט וואָלפן.

— האָסט מיך ליב? — האָט הערשל זי אַ נעם געטאָן פאַר ביידע הענט.

— יאָ, דיך, — האָט זי זיך איינגעביסן אים אין אויער. — כ'זאָג עס דיר אַ טאָג פאַר דער התונה.

פלאַמען האָבן געשלאָגן אין הערשלס באַקן, אין די אויערן, אין די שליפן. פון צעביסענעם אויער האָט געטריפט בלוט. אסתר האָט צוגעלייגט צום אויער שניי. זי האָט אים אויסגעקושט די אויגן, דערנאָך ס'מויל, און אַז זי האָט געהאַלטן אין קושן די פינגער, איז וואָלפס שאָטן אַ פאַל געטאָן צווישן זיי.

הערשל האָט אַרויסגעריסן די פינגער פון אונטער איר מויל. ער האָט זיך אָפּגערוקט און שטיל געזאָגט:

— וואָלף האָט אַלץ געזען.

— האָט ער!

אסתר האָט זיך געלאָזט באַרג־אַרויף. הערשל נאָך איר. נאָך הערשלען

האָט זיך געשאַרט וואָלף. ער איז נישט געלאָפן, אפילו נישט געשפּרייזט, זיך געשאַרט און געשלעפּט דעם שליטן. אַלע דריי האָבן געשוויגן. אפן שפּיץ באַרג, וואו דער ווינט האָט געריסן שטיקער, האָט וואָלף אָוועקגעשטעלט דעם שליטן. אסתר האָט זיך אַריינגעזעצט האַרט לעבן וועגטל, געמאַכט פּלאַץ נאָך פאַר איינעם און אַ זאָג געטאָן צו הערשלען:

— פאָר מיט מיר אַראָפּ!

— פאָר מיט וואָלפן.

— ער וועט נישט פאָרן מיט מיר. ער איז ברוגז.

— פאָרט מען אַליין! — זיינען וואָלפס ווערטער געפאַלן מיט אַ בייזער.

און ווי אסתר האָט זיך איבערגערוקט און איז געבליבן זיצן אינמיטן שליטן און זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ, האָט וואָלף אָן ווערטער זיך אַ וואָרף גע־טאָן אפן ברודער. ביידע זיינען אַ פאַל געטאָן אפן שניי. מען האָט זיך אַ ווײַלע געקייקלט, ווי הינט. פּיס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין הענט, הענט — אין פּיס. און אַ קנויל מיט צוויי קעפּ האָט זיך גענומען קייקלען באַרג־אַראָפּ.

.1936

אַפּריל־ריחות

דער לאָמער חנא מיט די צוויי זין — לייזער און פּנחס — זיינען געווען שותּפים. זיי האָבן אין פּריסן געהאַלטן אין אָרענדע טייכן. דער דרייסיק־יאָריקער לייזער, אַ באַווייבטער, איז געזעסן אין דייטשאיילע. דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער פּנחס — אין לויטענבורג. זיי האָבן געשיקט וואַגאָנעם פיש קיין מלאווע און פון דאָרט האָט דער לאָמער חנא צעשיקט די פיש ביז איבער ווארשע.

חנאס שטוב, אַן איינגעפּונדעוועטע, מיט אַ פּליגל אין אַן אַלטן, פאַר־וואַקסענעם סאַד אַריין, איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט. חנא מיט דעם ווייב האָבן באַוואוינט ס׳הויז, לייזערס ווייב — דעם פּליגל.

לייזער איז אַהיימגעקומען פון פּריסן איינמאָל אַ וואָך, איינמאָל אין צוויי וואָכן. ער איז שטענדיק אָנגעקומען פּריוויט פאַרנאַכט, צו ליכט־בענטשן, געקומען מיט מתּנות פאַרן ווייב, מיט פלעשלעך קאָניאַק, מיט פלעשלעך ליקער.

ס׳האָט שוין געוואַרט אַף אים די בלעכענע וואַנע מיט קאָכעדיק וואַסער ביז צו די ראַנדן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אַרבעט־קליידער, וואָס האָבן געשפּריט שאַרפע פיש־ריחות, וואָס זיינען געווען באַשאָטן מיט גלאַנציקע שופּן.

לייזער האָט זיך צעלייגט אין דער הייסער וואַנע, געקרעכצט פון תּענוג, זיך געזייפט און לאַנג זיך געבאָדן. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן פרישע אונטערוועש. אַן אויסגעצוואָגנער, אַ פאַרפלאַמטער, איז ער אַריין אינעם זיידענעם שלאָפראָק און האָט זיך געשטעלט מקבל־שבת זיין.

ס׳ווייב, נאָך גאָר אַ יונגע, מיט אַ הונגער אין די טונקעלע אויגן, האָט געבענטשט ליכט, האָט געהאָלפן דער דינסט גרייטן צום טיש.

נאָכן קידוש האָבן מאַן־ווייב זיך געזעצט עסן די שטיקער געפילטע פיש, די פערפעלעך מיט יויך, די געבראָטענע קאַטשקע, די פלוימען מיט די שעפּטאַלן. יעדעס געריכט האָט מען פאַרזופּט מיט צוגעפּראַוועטן בראָנפן, מיט ליקער. געטרונקען האָט מען ווייניק. די געציילטע ווערטער האָבן זיך

נעדרייט ארום דער אכילה. ס'ווייב, שרהלע, האָט געפרעגט:

— ווי שמעקן דיר די פיש, לייזער?

— אויסגעצייכנט.

— און די קאַטשקע?

— ס'צעגייט אין מויל.

לייזערס פאָטער, לייזערס מוטער — קיינער האָט זיך פרייטיק־צו־נאַכט נישט געוויזן אינעם פליגל. מען האָט נישט געוואָלט שטערן. נאָך דער שווערער סעודה, נאָך די גלעזלעך שנאַפּס, האָט געצויגן צום געלעגער. די בעטן האָט שוין שרהלע אַליין געמאַכט, נישט די דינסט. מאַן און ווייב זיינען אריין אונטער די פּערינעס און געמאַכט נאַכט.

אזוי זיינען פאַר די דריי יאָר נאָך דער חתונה געבוירן געוואָרן צוויי מיידלעך.

ס'איז געווען אַ וואָך פאַר פּסח. לייזער האָט געדאַרפט אָנקומען פון פּרייסן ערב יום־טוב. פּנחס איז אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג פריער. די פינף וואַגאָנען פיש, וואָס ער האָט געפירט פון פּרייסן קיין וואַרשע, האָט מען אַף דער מלאַווער גרענעץ געדאַרפט איבערלאָדענען אין רוסישע וואַגאָנען. באַם איבערלאָדענען זיינען געשטאַנען חנא מיט זיינע דריי „מענטשן", געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט.

פּנחס, וואָס האָט צומאָרגנס אין דער פרי זיך געקליבן מיטפאָרן מיט דעם פראַכט־צוג, איז געבליבן אין דער היים. ער האָט אויסגעפּאַקט אַ קעסטל ציגאַרן פאַרן פאָטער אַ מתנה, אַ רעשטל שוואַרצן זייד פאַר דער מוטער אַף אַ קלייד, אַ רעשטל געשווירענעם סאַמעט פאַר דער שווענערן.

די ווייבער האָבן זיך כמעט ווי נישט צוגערירט צו די מתנות. די בעסטע מתנה איז געווען פּנחס אַליין — אַ גוטמוטיקער בחור, וואָס איז פון נאָך סוכות נישט געווען אין דער היים. די מוטער מיט דער שווענגערן האָבן פּנחסן אוואווירט — דאָ געמאַכט אַ הערינג, דאָ אָפּגעפּרעגלט אַ קלאָפּס, דאָ געעפנט אַ פלאַש ביר. און אַז דער יונג, אַ מידער, האָט זיך נאָכן עסן אויסגעצויגן אַף דער קאַנאַפּע, זיינען די ווייבער נישט אָפּגעטראָטן פון אים. די מוטער האָט אים באַוואָרפן מיט טענות:

— נעמסט זיך צופיל איבער, מיין זון, ביסט צו איבערקלייבעריש. צו פינף־און־צוואַנציק יאָר בין איך שוין געהאַט פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט דיר און דו, פּנחס — בע, פּרייסן האָט דיך קאַליע געמאַכט! די געפעלט דיר נישט, יענע געפעלט דיר נישט. ווילסט ס'טעלערל פון הימל? לייזער

איז נישט געווען אזוי איבערקלייבעריש ווי דו, און אזא יאָר אַף מיר, וואָס פּאָר א גוט ווייב ער האָט געקראָגן!

שרהלעס אויגן, טונקעלע, האָבן א קוק געטאָן אַף פּנחסן מיט אזא הונגער, אַז ס'האָט דעם יונג א הויב געטאָן פון דער קאַנאַפּע. ער האָט א זאָג געטאָן:

— קריג מיר, מאַמע, אזא שרהלע, וועסטו זען, ווי כ'וועל חתונה האָבן.

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

פּנחס איז איינגעשלאָפן. ער איז אזוי אָפּגעשלאָפן אין די קליידער א גאַנצן נאָכמיטאָג, א גאַנצן אָפּדערנאַכט. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אַרום אים געווען שטאָק־פינצטער. אַן אויסגערוטער, אַן אָנגעקוואָלענער, איז ער געבליבן ליגן אַף די פּלייצעס, געלעגן און געקוקט צו די פענצטער, וואו א שטיקל לבנה האָט אריינגעקוקט. פון שלאָף־צימער, פון דער קיך, האָט זיך געטראָגן א כראָפּען, ווי מען וואָלט געדרייט שטריק.

פּנחסן האָט געהויבן פון געלעגער. ס'האָט אים געאַרט, וואָס ער איז אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. איצט, ווען ס'איז נאַכט, איז ער גראָד אַן אויסגערוטער, וויל נישט שלאָפן. ער איז אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע און האָט געעפנט א פענצטער.

אַפּריל־ריחות האָבן א שלאָג געטאָן אין פּנים אריין. די ריחות האָבן געשלאָגן פון די אויפגעגאַנגענע גרעזלעך, פון דער ערד, פון דיביימער, אפילו פון די קי, וואָס זיינען נישט איינגעשטאַנען אינעם קו־שטאַל.

פּנחס האָט אַף זיך אַרויפגעכאַפּט ס'רעקל און אזוי, אין בלויזן קאָפּ, איז ער שטיל אַרויס פון שטוב. ער איז א ווייל געשטאַנען אין מיטן הויף. די נאַכט מיטן שטיקל לבנה איז געווען א ליכטיקע, אַן אויסגעשטערנטע. פון אַלע זייטן זיינען אים באַפאַלן ווינטלעך, וואָס זיינען געווען אי וואַרעם, אי קיל, וואָס האָבן מיטגעבראַכט דעם ריח פון פריש געבאַקן ברויט, דעם ריח פון פריש געמאָלקענער מילך, דעם שאַרפן ריח פון ביימער פּאַרן בליען.

ער האָט זיך געלאָזט מיטן סאָד צום פליגל. דער פליגל איז געשטאַנען, ווי א פינצטערע וואַנט. די טירן, די לאָדנס פאַרהאַקט. בלויז פון א זייט, וואו די קינדער זיינען געשלאָפן, האָט געציגנגלט א פלעמל.

פּנחס איז עטלעכע מאָל געגאַנגען אַרום און אַרום דעם פליגל. באַ־האַלטענע כחות, וואָס זיינען געשלאָפן אין די ברייטע פּלייצעס, אין די לייכטע פיס, האָבן זיך גענומען וועקן אין אים. ער האָט א קוק געטאָן אַפן זיינער.

ס'איז נאָך קיין עלף נישט געווען. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מען מאַכט אַזוי פרי נאַכט, וואָס מען פאַרשלאָפט אַ לעבן. און ווי ער האָט חשק געהאַט אַנצוקלאַפּן אין לאָדן פונעם שלאָפצימער — וואָס פאַר אַ פּאָפּן, ווען די קי רייסן זיך פון די שטעלער, הירשן „יאָגן" זיך, און די נעכט זיינען אַזוינע טיפע, אַזוינע בלויע — פּונקט דעמאָלט האָט מען פנחסן אַ רוף געטאָן.

שרהלע איז אַראָפּ פון גאַניקל. דאָס זשאַקעטל מיטן שוואַרצן קאַראַ־קולענעם קעלנערל צעקנעפּלט, ס'שוואַרצע האַלבע קלייד, אַ געפּאַסט, ביז צו די קנעכלעך. די פיס, פעסטע, האָבן זיך געוויגט אין גיין, שטאָלץ געטראָגן די פּלייצעס, דעם קאָפּ.

פּנחס איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך אַ קוק געטאָן אין די אויגן, אַ רגע, צוויי, דריי, ווי חיות, וואָס באַגעגענען זיך ס'ערשטע מאָל. ביידע האָבן זיך צעשמייכלט. זי האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, פעסט אַ נעם געטאָן, און איינגערוימט:

— כ'בין געווען זיכער, וועסט אַרויסקומען.

ער האָט נישט געענטפערט. זיי זיינען אַריין אין סאַד אַריין. די נאַקעטע ביימער האָבן אויסגעזען שיטער. די שמאָלע וועגעלעך, בלאָטיקע, האָבן געפּידלט אונטער די פיס. פון דעם שנעלן איבערלויפן זיך אַרום און אַרום דעם פּאַרק איז אויפגעגאַנגען אין די יונגע לייבער אַ געשריי, אַ שטום געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שפּיץ פינגער אין די שליפן אַריין.

שרהלע האָט זיך געקלאָגט:

שוין דריי יאָר נאָך דער חתונה, זי האָט שוין לייזערן געבוירן צוויי קינדער און דורכרעדן זיך ווי עס דאַרף צו זיין, ווי מאַן און ווייב רעדן זיך דורך, האָט זי נאָך נישט דורכגערעדט זיך מיט אים. פאַלט ער אַריין אויף אַ שבת — איז עסן, שלאָפן און חשבונען זיך. שרהלע האָט פאַרזיכערט, אַז זי האָט ליב פּנחסן, נישט לייזערן.

און פּנחס?

ער האָט פון מאָל צו מאָל אָפּגעשטעלט שרהלען, איר געגלעט די הענט, געקושט אירע האָר, געקושט אירע ליפּן און זי פאַרזיכערט:

— איך וועל איבעררעדן מיט אים, שרהלע, ער וועט אַנדערש ווערן.

— ווער, לייזער? — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ביטול, ווי זי וואָלט נישט גערעדט וועגן מאַן, נאָר וועגן עפּעס אַ גולם, — דערצו האָב איך אים פיינט!

— אַז דו האָסט אים פיינט, צעגייט מען זיך מיט אים.

— כ'וועל עס טאקע טאָן.

זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

פּנחס האָט אָנגעשפּארט איר קאָפּ אַף זיין אַקסל, געפילט ווי אירע פּלייצעס טרייסלען זיך. זי איז אים געוואָרן נעענטער, ליבער. מיט די פינגער האָט ער אויסגעווישט די טרערן פון אירע אויגן און זי צוגעפּירט צום גאַניקל. ס'לשון איז בא זיי ביידן אָפּגענומען געוואָרן. אזוי זיינען זיי געשטאַנען און געקוקט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט אריין. ס'האָט זיך געהערט ווי די בהמות רייבן זיך אָן די ווענט. שרהלע האָט אים געפרעגט:

— ווען פאָרסטו קיין ווארשע?

— פּארטאָג.

— דארפסט דאָך גיין שלאָפן.

— כ'בין אויסגעשלאָפן.

— ס'איז מיר קאַלט, — האָט שרהלע פארקנעפּלט ס'זשאַקעטל און געוויזן אַף דער אָפענער טיר פונעם פעדערהויז — קום אריין.

— שפּעט.

— קום.

— ניין, שרהלע.

פּנחס האָט זי אריינגעפירט אין פעדערהויז, איר א לאַנגן קוש געטאָן און איז קריק ארויס אַפן הויף. ער האָט זיך איינגעהערט, ווי שרהלע עפנט די טיר, פארמאַכט זי, פארשליסט זי. ער האָט זיך איינגעקוקט אינעם אויס־געשטערנטן הימל, געזוכט דאָס שטיקל לבנה און עס נישט געפונען. ער האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן צום פליגל — ס'איז געווען פינצטער ווי פריער. ער האָט זיך געקווענקלט — זאָל ער זיך צוליגן, צי זאָל ער אראָפּגיין צו דער ראמפּע, וואו מען לאָדנט איבער די וואַגאָנעם פיש?

פּנחס איז אריין אין קו־שטאַל. עס האָט אַף אים א בלאָז געטאָן מיט ווארעם בהמה־מיסט. ער האָט באַם שיין פונעם נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט געקאָפּטשעט אין א לאַמטערנע, אויפגעזוכט א דרענגל. ער האָט זיך געלאָזט מיטן שאָסיי צו דער „ראמפּע", געקלאַפּט מיטן דרענגל אינעם זשוויר און זיך דערפרייט מיטן שטיקל לבנה, וואָס איז אַפער פון הינטער א וואָלקן. ער איז געווען זיכער, אז נאָכן איצטיקן שמועס וועט שרהלע האָבן א וואָך־נאַכט.

1936.

„שוואַרצן״ די גרענעץ

קיין וואָלקע זיינען זיי אָנגעקומען פאַרנאַכט, מיט דער זיבן־אַזייגער באַן. ער — אַ גראָדנער יונג, אין אַ וועליסאָפּעדן היטל און מיט אַ זעלנערישן גאַנג. זי — אַ יונגע וואַרשעווערן, גאָר אַ יונגע. די וואַרשעווערן איז נישט איינגעשטאַנען. זי האָט זיך געדרייט איבערן וואָקזאַל, געשטעלט טריט און זיי גלייך פאַרווישט מיט די צעפלויגענע פּאָלעס פון איר זיידענעם מאַנטל, ווי אַ פוקס פאַרווישט די טריט מיטן האָריקן עק.

דער גראָדנער מיט דער וואַרשעווערן האָבן זיך נישט געקענט. זיי האָבן אויך קיינעם דאָ אַפן וואָקזאַל נישט געקענט. אָפּגעוואַרט האָט זיי משה מולכער — אַ שוואַרצער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער איז ענלעכער געווען אַף אַ דיין, ווי אַף אַ מולכער. דער מולכער האָט פריער איבערגענומען דעם יונג, דערנאָך די וואַרשעווערן. ער האָט זיי באַגעגנט, ווי אַלטע באַקאַנטע, און גערעדט האָט ער נישט צו זיי, נאָר סתם אַזוי אין חלל אַריין:

— קומט, קומט. וואָס ווייניקער מיר וועלן זיך וואַרפן אין די אויגן, אַלץ געזינטער. און וועגן באַגאַזש דאַגהט נישט, כ׳וועל אים נאָך היינט באַזאָרגן קיין אילאָווע. יאָ, און פון איצט אָן זענט איר מאַן און ווייב אָן חופה וקדושין, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן איבערגעריסן געלעכטערל.

זיי זיינען אַראָפּ פון וואָקזאַל, זיינען אַרויס אַף אַ ברייטן זאַמדיקן וועג. דער אָוונט האָט געהאַלטן אין צופאַלן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געגרויט געהויקערטע שטיבלעך. פאַר די שטיבלעך — חושכדיקע יידן און חושכדיקע יידענעס.

דער מולכער האָט אַריינגעפירט די פּאַסאַזשירן אין אַן אַלקער, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, און זיך אַ לאָך געטאָן אין באָרד אַריין:

— טאַקע מאַן־און־ווייב, נאָר אָן „יחוד״. און איצט — — — —

ער האָט אויסגעשטרעקט אַ ווייסע, ווייכע האַנט. דאָס שוואַרצע פּנים, די שוואַרצע באָרד — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן טונקעלן אַלקער. דער לויזער אַרבל האָט זיך פאַרשאַרצט און די ווייכע, ווייסע האַנט האָט נעמאָנט ס׳געלט פאַרן „איבערשוואַרצן״ די גרענעץ. און אַז מען האָט אים

שוין געהאַט באַצאָלט און ער איז שוין געשטאַנען באַם אַרויסגאַנג, האָט ער זיך געכאַפּט:

— און וואו זיינען די באַגאַזש־קוויטעס?

— ווי לאַנג בלייבן מיר דאָ? — איז די וואַרשעווערן אים נאָכגעגאַנגען צו דער טיר.

— נישט לאַנג, — האָט דער מולכער געענטפערט, — כ'גיי שוין אַריבער צום גרענעץ־גוי און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין.

— צופוס?

— ווי ווייט איז עס דען? — האָט דער מולכער אַ לאַך געטאָן, — פון דאַנען קיין אילאָווע, דער גאַנצער מהלך, געדויערט אַ מינוט צוואַנציק, העכסטנס אַ האַלבע שעה.

— זאָגט איר, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן? — האָט די וואַרשעווערן געוואָלט, אַז דער ייד זאָל איר פאַרזיכערן.

— איר מעגט זיין זיכער, — האָט דער מולכער אַ נעם געטאָן די וואַר־שעווערן פאַר דער גאָמבע, — ס'איז בלויז אַ שפּאַציר, ווי אין זאַקסישן גאָרטן אַריין.

ער איז אַרויס און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. צוויי בעטן, ווי אַ דלד, האָבן פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן אַלקער. אַ קליין פענצטערל, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט פאָרהאַנגלעך, האָט פאַרשטעלט דאָס זעצן זיך פון דער זון. אינעם אַלקער איז שוין געווען נאַכט. דאָס האָט מען געקאָנט זען פון די פליגן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווייס־געקאַלעכטע ווענט, ווי שוואַרצע פּלאַכטעס.

די וואַרשעווערן האָט זיך צוגעזעצט אויף איין בעט, געוויזן דעם יונג, ער זאָל זיך זעצן אָפּן צווייטן און פאַרפירט אַ שמועס:

— איר זעט אויס צו זיין נישט קיין פּוילישער.

— ניין, כ'בין נישט, כ'קום פון גראָדנע.

— האָט איר נישט געהאַט קיין נעענטערע גרענעץ?

— כ'האָב דאָ געדינט, — האָט דער יונג אַ שלונג געטאָן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט צוריקכאַפּן.

— אַזוי, פון „סלוזשבע", — איז שוין דער וואַרשעווערן אַלץ געווען קלאָר, — און אַז מען וועט אייך כאַפּן?

— וועט נישט טויגן.

— און איך פאַר צו אַ מאַן.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. דאָס וואָס דער יונג איז א זעלנער, וואָס מען קען אים כאַפּן, דאָס וואָס די װאַרשעווערן פאַרט צו א מאַן, און דער „שוואַרצער” האָט בא זיי צוגענומען די באַגאַזש־קוויטעס, צוגענומען ס'געלט — אַלץ האָט אָנגעיאָגט אַן אומהיימלעכקייט. אזוי האָט אָנגעהאַלטן א ווײַלע. באַלד האָבן זיך דערהערט קולות. די קולות זײַנען געקומען פון הינטערן פענצטער. דאָס האָט משה מולכער אַרײַנגעטענהט אינעם גרענעץ־גוי, געוואָלט אַראָפּקוועטשן פון יעדן „העכטל” א רובל. דער גוי האָט געוואָלט פינף רובל פאַר א „העכטל” און דער ייד האָט אים בלויז געגעבן פיר. מען האָט זיך שוין מער נישט געדונגען. מען האָט געגוואַלדעוועט. פון די געשרייען זײַנען ביידע, אי דער גראָדנער, אי די װאַרשעווערן, געשטאַנען אָן לשון. זיי האָבן בלויז געוואַרט, די טיר זאָל זיך עפענען און פּאָליציי זאָל זיי אַרעסטירן. דער גראָדנער האָט אַן עפן געטאָן ס'פענצטער, זיך געבעטן באַם מולכער:

— איז נאָך א רובל. ס'לוינט זיך נישט צו שטעלן, מיר וועלן באַצאָלן.

— אזוי איז עפּעס אַנדערש, — האָט דער מולכער גוטברידעריש אַרומ־גענומען דעם גוי, — גייען מיר!

איצט איז מען שוין נישט געגאַנגען מיטן זאַמדיקן שליאַך. מ'האָט זיך געלאָזט מיטן הויף, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט אויסגעלייידיקטע נאַפט־פעסער, אויסגעלייידיקטע הערינג־פעסער, סמאָלע־פעסער. מען האָט די פעסער דערקענט לויטן גערוך. מען איז צוגעקומען צו א פּלויט. דער ייד האָט אָפּגעבויגן צוויי לויזע ברעטער און זיך געזעגנט מיט די פּאַסאַזשירן.

— נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך — איר וועט מיט גאָטס הילף בשלום דורך די גרענעץ. און בלי נדר מאָרגן וועל איך אַריבערקומען מיט דעם באַגאַזש. גייט געזונט!

פריער איז דורכגעגאַנגען דער גוי, דערנאָך די װאַרשעווערן, דערנאָך דער גראָדנער. ס'איז שוין געווען נאַכט. ווייטע שטערן האָבן אויפגעפינקלט, באַלויכטן דאָ א מאָך־בערגל, דאָרט א מאָך־בערגל. און צווישן די מאָך־בערגלעך יונגע סאָסנעס. די אַרומיקע שטילקייט איז פול געווען מיט גערויש, וואָס ס'איז שווער געווען אַנצוכאַפּן, שווער געווען צו זאָגן פון וואַנען ס'טראָגט זיך. דער גוי האָט געוואָרנט:

— ס'זאָל אייך אַמאָל נישט אײַנפאַלן צו רויכערן.

ער האָט געפירט איבער א קאַרטאָפל־פעלד, וואו די קאַרטאָפל זײַנען

שוין געווען אויסגעגראָבן. ס'פעלד — גריבלעך און בערגלעך. די פיס האָבן זיך געדרייט, ווייל דער טראָט איז נישט געווען זיכער. פון זיך אַליין האָט די וואַרשעווערן אַ נעם געטאָן דעם גראָדנערס האַנט, זיך דערפילט זיכערער. אַזוי איז מען געגאַנגען פינף מינוט, צען מינוט. ערגעץ־וואו האָט זיך אַ פערד צעהירזשעט. דער גוי איז געבליבן שטיין. הינטער אים — די „העכט־לעך". ער האָט זיך איינגעהערט, איינגעהערט, דערנאָך האָט ער שטיל פאַרטרויעט:

— דאָ דרייט זיך ערגעץ אַרום אַן אָביעשטשיק.

— נו? — זיינען די אויגן באַ ביידן אַ קריך געטאָן פון קאָפּ.

— דאַרף מען מיט אים איבעררעדן.

— איז גייט און רעדט מיט אים איבער.

— וועט עס איינמאָל קאָסטן אַ דרייערל, — האָט דער גוי אַ שפּיי געטאָן אַף צוויי אײלן פון זיך, — און צווייטנס איז נישט זיכער, איר זאָלט בלייבן דאָ אין מיטן פעלד.

— וואו קאָן מען זיך דאָ אויסבאַהאַלטן?

— קריכט אַריין אין איינעם פון די ליידיקע קאַרטאָפל־גריבער, ביז איך וועל דורכקומען מיטן „דעזשורנע".

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן זיי אָפּגעשטעקט דעם גוי דריי רובל. און אַז דער גוי האָט זיך גענומען דערווייטערן, איז דער גראָדנער אַריין אין אַ קאַרטאָפל־גרוב. דער גרוב איז געווען שמאָל און טיף. דער יונג האָט אַ הויב געטאָן מיט די הענט, אַ נעם געטאָן די וואַרשעווערן, ווי מען נעמט אַ קינד, און זי אַראָפּגעשטעלט לעבן זיך. ס'איז אַזוי ענג געוואָרן אין גרוב, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען. פון דער טיפעניש, ווי פון אַ קעלער, האָט געבלאָזן אַ פייכטע קילקייט.

דער גראָדנער מיט דער וואַרשעווערן זיינען געשטאַנען איינער האַרט לעבן אַנדערן און געשוויגן. געהערט האָבן די אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן. געהערט האָבן די פאַרשטיקטע אָטעמס, געהערט האָבן די הערצער, וואָס זיינען נישט איינגעלעגן. און איבער די קעפּ, אינעם טונקעלן הימל, איז אויפגעגאַנגען אַ שטיקל לבנה.

— ווי לאַנג עס נעמט אים? — האָט זי געפרעגט.

— דאַכט זיך מען גייט, — האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— כ'הער, אַז מען רייט.

— לאָמיר זיך באַהאַלטן.

די וואַרשעווערן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דער טיף, אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קוויטש און זיך אַ וואָרף געטאָן אָפן יונג:

— אַ קאַץ! אַ ווילדע קאַץ!

אַ קאַץ האָט געטורעמט דעם רוקן, געפּריסקעט מיט די וואָנסן, איז געווען גרייט צו שפּרינגען יעדן אײנעם אין די אויגן אַריין. אַרום איר האָבן זיך געדרייט קעצעלעך, געמיאַוקעט.

דער יונג האָט פעסט געהאַלטן די וואַרשעווערן, זי באַרואיקט, זי געגלעט איבערן קאָפּ, איבער די באַקן, נישט געהערט ווי דער גוי פּייפט.

און אַז דער גוי איז צוגעקומען צום גרוב, דערזען ווי דער יונג האַלט די מויד, האָט ער זיך צעלאַכט:

— און אַז מען „שוואַרצט" די גרענעץ איז שוין אויס גרענעץ?

1936.

היים געבאָרן

אינעם טאָג פון שלמהס חתונה, וואָס איז געווען סוף נאָוועמבער, האָט א דינער, טרוקענער שניי א גאַנצן פרימאָרגן פאַרשאָטן וועג און פעלד. אַרום מיטאָג האָט געבאַפּט א פרעסטל און ס׳האָט אויפגעהערט שנייען. לופט און הימל האָבן זיך אויסגעלייטערט, זיינען געוואָרן בלוי. ס׳טרוקענע פרעסטל, ווי א שאַרף געטראַנק, איז פאַרקראָכן אין די נאָז־לעכער, אין די ביינער, און דער מענטש איז אויפגעהייטערט געוואָרן.

שוין א וואָך ווי באַ די שקליאַרס אַף דער פאַרם האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. דאָס גרייטן זיך איז צוגעגאַנגען אָן טומל, מיט א זיפץ. און ס׳איז געווען אַף וואָס צו זיפצן. נאָך קיין דריי חדשים נישט, ווי די שקליאַרס עלטסטע טאָכטער, אסתר, איז פון קימפּעט מער נישט אויפגעשטאַנען. בשעת אסתר איז געגאַנגען צו קינד, — און געגאַנגען איז זי שווער, איבער צוויי מעת־לעת, — האָט איר שוויגער, חנה־לאה, געטריבן פון שטוב דער קימפּעטאָרנס פינף שוועסטער. דאָס זיינען געווען חופּה־מוידן, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט מיט די פאַרם־שקצים, געהאַט דעם נישט־גוטן אין די אויגן. די עלטסטע פון די מוידן, שרהן, האָט די שוויגער אַף די אויגן נישט געלאָזט. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. נאָכן געבוירן — און געבוירן האָט אסתר א יינגל — איז די קימפּעטאָרן געשטאָרבן.

ווי די „שבעה" האָט זיך געענדיקט, איז חנה־לאה צוגעשטאַנען צום זון:

— איצט, שלמה, ווען אסתרן, צו לאַנגע יאָר אונדז, האָט גאָט צוגענומען און דו האָסט שוין דאָ גאָרנישט, איז נעם ס׳קינד און פאָר אהיים מיט דער מאַמען.

שקליאַר מיטן ווייב, שווערע, אָפּגעאַרבעטע, וואָס זיינען נאָך געזעסן אַף פוסבענקלעך, געזעסן אין די זאָקן אַרום דעם צעבערענטן אויוון, האָבן אַראָפּגעלאָזט די צעוויגטע קעפּ און זיך נישט אָפּגערופן. פון צעוואָרפענע ווינקלען האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן די טעכטער, פינף טעכטער. זיי האָבן זיך קריגעריש א שטעל געטאָן חנה־לאהן אין פּנים אַריין. די שטילקייט אין דער גרויסער קיך איז געווען שווער, פּיינלעך. ס׳האָט זיך געהערט, ווי מען

אַטעמט, ווי ס׳פייער סיקעט אין אויוון. אזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ ווייל. דערנאָך האָט די עלטסטע שוועסטער, שרה, וואָס איז אומגעגאַנגען באַם קינד און וואָס איז באַצייטנס שוין געהאַט אַריינגעקראָכן אין אסתרס אַ קלייד, די שוועסטער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַזאַ ביטול אין די קליינע שוואַרצע אויגן:

— אַז שלמה בענקט נאָך דער מאַמעס פּאַרטוך, געזונטערהייט! אינעם קינד אָבער האָבן מיר מער חלק, ווי די מחותנתטע! און ס׳קינד וועט בלייבן דאָ אויף דער פאַרם!

— דאָס וועט מען נאָך זען, — איז ס׳פּנים בײַ חנה־לאהן פינצטער געוואָרן. — און דו, שרה, רוף מיך בעסער נישט אַרויס אויף דער העזה.

— פריער צי שפּעטער וועט עס קומען דערצו, — איז שרה נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער.

— ס׳זאָל אַזוי נישט קומען, ווי ס׳וועט קומען, — האָט חנה־לאה אַ שליידער געטאָן שרהן די ווערטער, און מיט דער גאַנצער נכפּה, וואָס עס האָט זי געגעסן, האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צום זון, — איז באַשלים, שלמה: בלייבסט דאָ, צי דו פאָרסט מיט מיר?

שלמה, וואָס איז בטבע געווען אַ שווייגער, זיך געלאָזט בחורוויז אַרומ־פירן פון דער מוטער פאַר דער נאָז, האָט מיטן גאַנצן לייב און לעבן געליטן, וואָס די מוטער מישט זיך וואו זי דאַרף נישט, וואָס זי לאָזט אים נישט גיין זיין אָקסן־גאַנג. ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן און קיין העזה נישט געהאַט. ס׳האַרץ האָט אים געבלוטיקט פאַר אסתרן, פאַר שווער און שוויגער, פאַר די מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרום אים געדרייט, אים אויסווירט, אַז שלמה איז בײַ זיך אַליין געהויבענער געוואָרן. און דאָ וויל די מוטער, ווי מיט אַ שער, אַלץ איבערשניידן. ער וועט עס נישט אַריבערטראָגן. ער וועט נישט איבערלאָזן די מענטשן, וועט נישט קריק פאָרן מיט דער מוטער אויף דער פאַרם און זיך לאָזן אַרומפירן פאַר דער נאָז. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כחות און אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳בעט דיך, מאַמע . . .

— בעט מיך גאָרנישט, — האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן, — אָדער בלייבסט דאָ, אָדער נעמסט ס׳קינד און פאָרסט מיט מיר!

— כ׳בלייב דאָ.

מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ איז חנה־לאה דורכגעגאַנגען צווישן די פינף מוידן, ווי דורך אַ פייער. זי האָט אַ זאָג געטאָן צו די אַלטע שקליאַרס:

„מחותנים, איר זאָלט מער פון קיין צער נישט וויסן", — און איז ארויס פון שטוב, אָן א גוטער נאַכט.

דאָס איז זיך פאַרלאָפן מיט א קנאַפּע דריי חדשים צוריק. פאַר דער צייט האָט מען באַ די שקליאַרס זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן, אין איין זיך רייסן פאַר די קעפּ. און אין דער קריגערייַ איז שולדיק געווען חנה־לאה. זי האָט דערציילט פאַר די שכנים, אַז אסתר איז אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט איבער די „אויסגעלאָסענע שוועסטערלעך", וואָס שלעפּן זיך אַרום מיט שקצים. געקריגט האָבן זיך טאַטע־מאַמע מיט די טעכטער, שרה מיט די שוועסטער, די שוועכטער צווישן זיך. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן טעג און וואָכן. מען האָט זיך נישט געשעמט פאַר שכנים, פאַר אייגענע. מען איז אַרומגעגאַנגען, ווי אין א שיכרות, ביז מען האָט זיך איינגאַנצן אויסגעשריען, זיך איינגאַנצן אויסגעלייִדיקט פון דער רוגזה.

דעמאָלט האָט מען אָפּגעשטעלט די חתונה. שרה, וואָס איז שוין געווען א מאַמע צום קינד, וועט חתונה האָבן מיט שלמהן.

באַ די שקליאַרס האָט מען געוואוסט, אַז פון שלמהס צד וועט קיינער נישט זיין אויף דער חתונה — נישט חנה־לאה מיטן מאַן, נישט די צוויי אויסגעגעבענע טעכטער. ס'האָט פאַרדראָסן. מען האָט אָבער דעם פאַרדרוס נישט אַרויסגעוויזן.

אין דעם טאָג פון דער חתונה, ווען ס'איז שוין געווען אויסגעשטעלט דער צעטל, ווער פון די שכנים ס'וועט זיין און ווער נישט, האָט עס פון די אַלטע שקליאַרס אַרויסגערעדט:

— מען דאַרף קאָנען אָנהאַלטן אַזוי לאַנג א רוגזה!

— און אויף אייגן בלוט און פלייש!

— דערצו דאַרף מען שוין האָבן אין זיך גויאישע יוכע!

— און זי האָט עס, מיט די פאַרגלאָצטע אויגן און מיטן „שמייליקן" פּנים!

שרה האָט זיך צוגעהערט צום שמועס. זי האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן. פון באַגינען אָן איז זי געלאָפן איבער די צימערן, געלאָפן א האַלב־אָנגעטאָנענע און זיך געגעסן א לעבעדיקע. זי האָט אַריינגעקוקט אין באַק־אויוון צום געבעקס, דאָ אין אויוון צום געבראָטנס, דאָ איז זי אַריינגעלאָפן צום קינד. ערשט איצט האָט זי זיך דערפילט געקרענקט און באַליידיקט, וואָס שלמהס טאַטע־מאַמע וועלן נישט זיין אויף דער חתונה.

און דער טאָג איז נישט געשטאַנען. ס'איז געוואָרן האַלבער טאָג, ס'האָט

אנגערוקט א שטיק נאך מיטאג. קרובים האבן שוין געהאלטן אין אנקומען. שרה האט אוועקגענומען שלמהן אן א זייט:

— מיר וועלן צופארן נאך טאטע־מאמע, כ׳וועל די מאמע איבערבעטן, אזוי און אזוי, זי וועט קומען.

שרה איז אזוי זיכער געווען מיט זיך, אז זי האט זיך אפילו נישט צוגעהערט, וואס שלמה האט געהאט צו זאגן. זי האט אים צוגעפירט צו דער טיר און כמעט באפוילן:

— פיר ארויס די מאשין צום וועלדל, קיינער זאל נישט באמערקן. כ׳קום גלייך ארויס.

שלמה איז געזעסן באם ראד, שרה — לעבן אים. דאס געשווינד פארן, דאס פרעסטל, האבן געראויטלט די באקן, געשלעפט בא שרהן שווארצע פאסמעס האר פון אונטערן היטל. מען האט כמעט ווי נישט גערעדט. מען איז געזעסן, ווי פרעמדע, נישט ווי חתן־כלה, וואס דארפן אין א צוויי־דריי שעה ארום שטיין אונטער דער חופה. דאס פארן האט גענומען א צוואנציק מינוט. בשעת אין פארן איז יעדער געווען פארטאן מיט זיך. בא שרהן אף דער צונג איז געלעגן די גאנצע דרשה, וואס זי וועט אוועקלייגן פאר דער שוויגער, ווי זיי וועלן זיך ווארפן אף די העלדזער, וועלן זיך גוט אויסוויינען. שלמה האט זיך געשראקן. ער האט צוויי מאל זיך געבעטן בא דער כלה:

— שרהלע, מיט גוטן, נאר מיט גוטן.

ס׳האט זיך שוין געזען ס׳הויז מיטן רויטן דאך. אף די טרעפלעך פון דער וועראנדע איז געשטאנען חנה־לאה, א הויכע, געבויגענע יידענע. די לינקע האנט, ווי א דעבל, האט זי א נעם געטאן צום שטערן און אזוי זיך איינגעקוקט ווער ס׳פארט. און אז איר באיארנטער הונט האט פאר א צען קלאפטער דערשמעקט שלמהן און זיך א לאז געטאן מיט א פריידיק בילן, האט חנה־לאה א זאג געטאן צום מאן מיט אזוי פיל נצחון און זיג:

— צו שפעט זיך דערמאנט!

— ער פארט אליין? — איז שלמהס פאטער, ווי לויט אן אפמאך, אריין נאכן ווייב אין הויז און גענומען פארקייטלען די פעדערהויז־טירן.

— ניין, מיטן ווייב.

שרה איז די ערשטע ארויס פון דער מאשין, נאך איר — שלמה. זיי זיינען ארויף אף דער וועראנדע, גענומען קלאפן, גענומען קלינגען. דער הונט האט מיט א בורטשען זיך געשארט ארום די טירן, געשמעקט, געדראפעט

מיט די לאַפּעס. קײנער האָט זיך נישט אָנגערופֿן, װי ס'װאָלט קײנער אין הױז נישט געװען.

שלמה איז געשטאַנען אַ שולדיקער, אַן אומבאַהאָלפֿענער. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק פֿאַר טאַטע־מאַמע, געליטן, װאָס די מראה האָלט זיך אין אײן בײטן בײַ שרהן אין פּנים. אַ קנױל, אַ הײסע קנױל, האָט זיך אױפֿגעשטעלט בײַ שרהן אין האַלדז. זי האָט געװאָלט שרײַען, געװאָלט װײנען, זיך געװאָלט װאַרפֿן אױף שלמהן. אױף דער װעראַנדע איז געלעגן אַ דרענגל. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן ס'דרענגל און גענומען ברעכן אײן שטיב נאָך דער צװײטער, געבראָכן און אַרײַנגעשריען אין שטוב אַרײַן:

— חנה־לאה, אײער שלמה װעט חתונה האָבן מיט מיר, האָט שױן חתונה געהאַט מיט דער מױד, מיט דעם אומגליק, מיט שרה שקליאַר!

.1936

שמוגל

פאַרנאַכט־צו איז דער צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקער הערשל אָנגעפאָרן מיט „קויקעס״ פיש צום פּרייסישן גרענעץ. די וואָך איז מיט הערשלען געווען אויסגעבונדן. די זשאַנדאַרמען האָבן געוואוסט, אַז הערשלס פֿאָטער, זלמן פישער, האַלט אין פּרייסן אַ טייך אין אַרענדע. ער שיקט פיש קיין וואַרשע. און יעדן דאָנערשטיק פירט הערשל אַריין אַ צוויי־דריי „קויקעס״ פיש קיין מלאווע. אַ באַלייבטער זשאַנדאַר האָט פון יוצא וועגן סתם אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פירסטו, פיש?

— יאָ, מיין הער, פיש.

בשעת דער זשאַנדאַר האָט אָפּגעשטעמפּלט דעם „פּול פּאַסעק״, האָט הערשל אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע צוויי ציגאַרן. איין ציגאַר האָט ער אונטערגעטראָגן דעם זשאַנדאַר און דעם צווייטן האָט ער אַליין פאַררויכערט.

ער האָט אַ טרייב געטאָן ס׳פערד, איז אָפּגעפאָרן אַ הונדערט פוס — די רוסישע וואַך.

אַ באַקאַנטער „אָביעשטשיק״ האָט פון יוצא וועגן אַריינגעקוקט אין וואָגן:

— וואָס, פיש? לעבעדיקע פיש? כ׳וועל באַ דיר נעמען אַ פישל.

— „פּאַזשאַלויסטאַ״! ביטע, נעם!

— און האָסט אפשר אַן איבעריקן ציגאַר?

— פאַר דיר — אפילו צוויי.

איצט איז הערשל געווען זיכער, אַז מען וועט אים מער נישט אָפּשטעלן. ער וועט אַ יאָג טאָן ס׳פערד און אַריינפּאַטשן קיין מלאווע אין אַ האַלבער שעה אַרום. ער האָט זיך באַקוועמער אַריינגעזעצט אין דער קעלניע, וואָס האָט זיך געהויבן איבערן וואָגן, האָט אַ הויב געטאָן די בייטש איבערן פערדס קאָפּ:

— אַ, נו!

ס׳פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַ שלעפּ געטאָן די דישלעס, אָפּער־

געוואָרפן די פעדערשטע פיס, די הינטערשטע פיס, ווי ס'וואָלט זיך געקליבן כאַפּן אַ שווים אין דער לופטן. דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט, זיך געהויבן איבערן שמאָלן, זאַמדיקן וועג, וואָס איז געלאָפן צום וואַלד צו.

לעבן וואַלד, וואו ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איז געשטאַנען אַ יונגע דאַמע אין אַ קליין שטרויען היטל, אין אַ שוואַרץ שטיקל וואָאַל ביזן האַלבן פּנים. זי האָט זיך אַריינגעשטעלט אין מיטן וועג, קעגנאיבער דעם פערד, און אויפגעהויבן אַ קליינע, ווייסע האַנט, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן:

— שטעלט אייך אָפּ.

הערשל האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן די לייצעס. ס'פערד מיט אַ פּאָר־ריסענעם קאָפּ האָט גענומען גיין אַף קריק און ס'וועגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די יונגע דאַמע האָט אַ הויב געטאָן דאָס שטיקל וואָאַל איבערן שטערן, זיך אַ ווייל איינגעקוקט מיט אירע ווייכע, קאַרע אויגן אין הערשלען. דער יונג איז געבליבן זיצן אָן אָטעם. זי האָט אַ הויב געטאָן אַ פּאָר גראַציעזע פיס, איז נישט געגאַנגען, נאָר זיך געוויגט אי ווי אַ טויב, אי ווי אַ פּאַווע. די קאַרע אויגן זיינען איצט פול געווען מיט אַ שמייכל. אַזוי איז זי גע־שטאַנען אַ ווייל, האָט געקוקט אַף הערשלען, זיך, דאַכט זיך, געחדושט, פאַר־וואָס ער דערקענט זי נישט. און ער האָט זיך צעפּינטלט, נישט געוואוסט, וואָס ס'טוט זיך מיט אים — קען ער זי יאָ, צי קען ער זי נישט? דערנאָך האָט זי געשטעלט אַ צוויי־דריי טריט אַף צוריק און זיך אויך פאַרלוירן. אומזעבאַרע פעדים האָבן זיך גענומען וויקלען, האָט דאָ אַ פלאַם געטאָן אָן אויער, דאָ אַ באַק און דאָ האָט גאָר אַ פוס אַ ציטער געטאָן.

זי האָט אים געפרעגט:

— פאָרט איר נישט אַ מאָל קיין מלאווע?

— יאָ.

— זייט איר נישט זלמן פישערס אַ זון?

— יאָ.

און אַז ביידע האָבן זיך צעשמייכלט, וואָס מען קען זיך און מען קען זיך נישט, האָט די יונגע דאַמע פריער איינגעפעדעמט איר מיידלש געלעכטער, מיידלשע בליקן, דערנאָך איז זי דרייסטער געוואָרן און ווי איינגערוימט:

— איך וויל פון אייך אַ טובה.

הערשל האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף גלייך אָפּזאָגן. ער איילט זיך, דאַרף אָנקומען אַפן פיש־מאַרק איידער ס'ווערט נאַכט. נו, ווי נאָך קען מען איר אָפּזאָגן? אַזאַ געוויקסיקע — אַזאַ געשניצט אָרון־קודשל? און

די אויגן, די ציין, דער שמייכל — קיין זאך לאזט נישט איינזיצן אף דער קעלניע. ער וויל זיין שטרענג און ס'קומט ארויס, ווי ער וואלט זיך גאר געבעטן בא איר. הערשל שטאמלט:

— א טובה ווילט איר? און ווער זייט איר?

— איך בין דראטוועס אן איניקל.

— דראטווע פון וואולקע?

— יא.

הערשל קען איר פאטער, קען איר זיידע. און אז דער אלטער דראטווע איז אראפ פון דער גדולה, איז א יורד, איז וואס? הערשל קען זיך זאט נישט אנקוקן פונעם איניקל, ר'וואלט זי אזוי איינגעשלונגען, ווי זי שטייט און גייט. ער ווערט נייגעריק:

— איז וואס פאר א טובה קען איך אייך טאן?

— מיטנעמען צוויי פעקלעך ציגארן.

— פריסישע?

די אויגן האבן בא איר א לאך געטאן.

— וואו האט איר זיי?

— אט דא אין וואלד, — האט זי געוויזן אף באיארטע סאסנעס, וואס זיינען געוואקסן הארט איינע לעבן דער אנדערער.

הערשל איז אראפ פון דער קעלניע. ער איז אריין צווישן די סאסנעס. זי — נאך אים. אנשטאט צוויי זיינען געלעגן דריי שפארע פעקלעך. זי האט א נעם געטאן די ציגארן און געוויזן הערשלען אפן דריטן פעקל:

— דאס זיינען זייגערלעך.

די דריי פעקלעך האט הערשל באהאלטן אונטער דער קעלניע, זיי צו־געדעקט מיט א פיש־ראגאזשע, וואו די שופן האבן געבלישטשעט, ווי א פאנצער. ער האט קיין צייט נישט געהאט צו באשליסן צי ס'איז א געפאר אזוי אריינצופארן אין שטאט אריין, צי נישט. און באשליסן האט די יונגע דאמע נישט געלאזט. זי האט זיך געהאלטן אין איין דרייען ארום הערשלען. דא האט זי אנגערירט זיין האנט מיט אירער, דא זיינען אירע ברוינע האר צוגעפאלן צו זיין באק. און דא האט זי זיך אים א שטעל געטאן אין פנים אריין, אזוי פארשייט־וואווילעריש, אים געפרעגט:

— און וואו וועל איך זיצן?

— מיט מיר אף דער קעלניע.

— גוט.

זי האָט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אַרויפצוכאַפּן אַף דער קעלניע. הערשל האָט געמאַכט פּלאַן לעבן זיך און איר געגעבן עצות:

— שטעלט אַרויף דעם רעכטן פוס אַפן אַקס פון דעם ראָד, אָט אַזוי! וואָס, ס'קלייד איז באַ אייך צו שמאָל? איר קענט נישט אַרויפקריכן?

— אַז איר העלפט מיר נישט.

— גערעכט, גערעכט.

מיט איין שפּרונג איז דער יונג געשטאַנען לעבן איר. ער האָט זי לייכט אַ נעם געטאָן אַף די הענט, איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין, צוגעטוליעט מיט אַזאַ גבורה, אַז זי האָט זיך אַ וויקל געטאָן אין זיינע אָרעמס:

— צו שטאַרק.

ס'בלוט האָט זיך באַ אים אַ שפּאַר געטאָן אין מוח אַריין, געשפּריטן פונקען פאַר די אויגן. וואו איז ער? אַף דער קעלניע? איין האַנט וויקלט זיך, ווי אַ רייף, אַרום אַ טאַליע, די צווייטע האַלט די לייצעס, יאָגט ס'פערד, וואָס הויבט אַלע פיר פיס מיטאַמאָל, וויל אַרויסשפּרינגען פוןביידע דישלעס.

און באַ הערשלען פלאַמט פון גליק אַן אויער, פלאַמט אַ באַק. מיט אים זיצט נישט מער קיין יונגע דאַמע. עס זיצט מלכה, דראַטווועס ניינצן־יעריקע טאָכטער, וואָס פּאַרט שוין ס'אַנדערע יאָר קיין פּריסן, פירט מסחר מיט בערלין, מיט וואַרשע. און אַז ס'דרייען זיך אַרום איר בערלינער יונגעלייט, וואַרשעווער יונגעלייט, וואָס ווילן זי באַגליקן, איז וואָס? זי וועט פון דער פרעמד קיין שידוך נישט טאָן. ווען ס'מאַכט זיך איר אַ היימישער יונגערמאַן, וואָס זאָל איר געפעלן, וואָס זי זאָל גוסטירן אין אים . . .

— און אין וועמען גוסטירט מלכהלע?

— דער יונגערמאַן דאַרף זיין שיין, דאַרף זיין שטאַרק און, דער עיקר, דאַרף ער זיין אַן איינרייסער.

— אַלץ מעלות, וואָס איך האָב נישט.

— איר געפעלט מיר, הערשל.

האָבן ביידע זיך טאַקע נישט געכאַפּט, אַז ס'פערד וויל נישט אַרויס פון דעם סאָסנאָווען וואַלד? מלכהלע האָט געוואָלט ס'זאָל וואָס גיכער פינצטער ווערן, ס'זאָל זיין אַ נאַכט אָן שטערן, אָן אַ לבנה, וועט קיינער נישט באַמערקן, ווי זי וועט פאַרשטעקן די פעקלעך שמוגל. און הערשל? הערשל האָט פאַרגעסן, אַז ער פירט „קויקעס" פיש אַף שבת; פאַרגעסן, אַז אויב ער וועט היינט די פיש נישט פאַרקויפן, וועט ער זיי מאָרגן מוזן אַוועקגעבן בחצי־חנם. האָט ס'פערד זיך גענדרייט אין דעם שטיקל וואַלד, וואו ס'איז

שוין געווען נאַכט. האָט הערשל אָפּגעשאָקלט פון זיך יעדע זאָרג, יעדן עול. ער האָט פעסטער א צי געטאָן צו זיך מלכהן — אוים שמוגל, אוים פיש, אוים נאַכט, — אַלץ ארום האָט געברענט, האָט געשרפהט.

ס׳פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאַכט־ווינטלעך האָבן געקילט די אָפּ־געקאָכטע זייטן, די הייסע נאָזלעכער. ס׳פערד האָט זיך צעהירזשעט. ס׳האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געקוקט מיטן רעכטן אויג, ווי דער באַלעבאָס האַלדזט מלכהלען.

פון וואַלד איז ארויסגעשוואומען א פולע לבנה.

.1936

שותפים

באַם גרויסן וואָלף, באַם מלאַווקער פערד־הענדלער, איז געשטאָרבן אַ יעריק ייִנגל. ווי מען האָט ס'קינד אַרויסגענומען פון שטוב און וואָלף האָט זיך געקליבן זעצן „שבעה", איז אַריינגעקומען קעלפּע, דער שטעטלדיקער פּריסטאַוו. דאָס איז געווען אַ מיטליעריקער דייטש, וואָס האָט גערעדט יידיש, וואָס האָט זיך געקענט מיט וואָלפן אָפּן קוק. און וואָלפס קוק האָט געהאַט צו זאָגן:

— וואָס, קעלפּע, ביסט געקומען נאָך מיר?

— זאָלסט מער פון קיין צרות נישט וויסן, וואָלף, — האָט דער פּריסטאַוו אים געטרייסט. — וואָס, וואָלף, גייסט זיך זעצן „שבעה"? פאָלג מיך און זיץ איצט אָפּ דיינע אַכט טעג. ס'ציט זיך שוין ס'צווייטע יאָר און פון דער גובערניע האַלט מען זיך אין איין אָנפרעגן, פאַרוואָס דו זיצסט נישט אָפּ די שטראָף.

— ער איז גערעכט, קעלפּע, — האָט דער גרויסער וואָלף גערעדט צום פאַרווייַנטן ווייב, — זיי אַזוי גוט, אסתר־רבקה, גיב מיר טלית און תפילין און כ'וועל גיין אין תפיסה אַריין זיצן „שבעה".

און אַז ס'ווייב האָט אים גאָרנישט געענטפערט און זיך נאָך העכער צעוויינט, האָט דער גרויסער וואָלף אַליין אָראָפּגענומען פון דער וואַנט דעם טלית־זאַק און איז אַרויס מיטן פּריסטאַוו. די גאַס צו דער תפיסה איז געוואָרן ליידיק. מלאַווקער איינוואוינער האָבן זיך באַהאַלטן אין די טויערן, אין די פעדערהייזער. בלויז פון הינטער פאַרהאַנגלעך האָבן גנבישע בליקן אָפּגעקוקט, האָבן גנבישע בליקן נאָכגעקוקט דעם גרויסן וואָלף מיטן פּריסטאַוו.

:: :: ::

מלאַווקע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פּרייסן, איז געווען אַן אָנגעלאָפן שטעטל. וואו אַן אונטערציינדער אין פּוילן, וואו אַ פאַרשוין, וואָס האָט איבערגענומען גנבות, האָט די רעגירונג אים געגעבן אַ „פּאַביט", אים פאַרשיקט אויף אַ יאָר, צוויי קיין מלאַווקע. מייסטנס איז דער אָנגעלאָפענער עולם שוין פאַרבליבן אינעם שטעטל, געבליבן ווער אַ „שוואַרצער" פון פערד,

ווער אַ „מולכער" פון ייִדנס, פון ציגאַרן, ווער אַ „שוואַרצער" פון מענטשן קיין אַמעריקע.

צווישן די פערד־שוואַרצער זיינען געווען צוויי חברים — איינער וואָלף, דער צווייטער — דער גרויסער וואָלף. ביידע זיינען שוין אין מלאָווקע גע־בוירן געוואָרן. ביידע האָבן נאָכגעקוקט זייערע טאַטעס, זיי באַגלייט מיט פאַרבענקטע אויגן אין די גערדיכטע, סאָסנאָווע וועלדער, וואָס האָבן געפירט קיין פּרייסן. ביידע האָבן זיך צוגעקוקט צו געשלעגן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן וואָכן, חדשים. דערנאָך, צו זיבעצן יאָר, ווען ביידע האָבן אין זיך דערפילט דעם נישט־גוטן, זיינען זיי אַוועק מיט די וועלדער קיין פּרייסן. מען האָט געשוואַרצט פערד, זיי געגנבעט איבער דער גרענעץ. מען איז פאַרפאָרן קיין קעניגסבערג, קיין דאַנציג. אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען „אָביעשטשיקעס" האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי, קוילן זיינען געפלויגן איבער די קעפּ, אין אַזאַ נאַכט האָבן די חברים געשלאָסן שותפות, אָפּגעמאַכט מיט אַ שבועה, אַז בלויז דער טויט וועט זיי שיידן.

און די ביידע וואָלפס האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט. האָט מען גע־דאַרפט אַרויספירן באַ אַ שרה אַ פּאָר פערד, האָט מען געדאַרפט אָפּרוימען אַן „אָביעשטשיק" פון וועג, האָט מען געדאַרפט אונטערהאַקן אַ מולכער די זייטן — די ביידע וואָלפס זיינען שטענדיק גרייט געווען.

ס'שטעטל האָט גענומען ציטערן פאַר זיי. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן דאָס שותפות אַ דריי יאָר. אַפן פערטן יאָר, ווען די יונגען זיינען אַהיימגעקומען פון לוויוועטשער פערד־מאַרק, האָבן ביידע זיך פאַרליבט אין דעם מלאָווקער שענקערס טאָכטער.

זעלדע מיט די גערדיכטע האָר, ווי פריש־געשניטענע זאַנגען, מיט די בלויע אויגן, מיט די זומער־שפּרענקלעך אַף די באַקן, אַפן שטערן, אַף די נאַקעטע הענט — די מויד האָט געצויגן, ווי ס'ציט אַ שטיק צעבליט פעלד. און אַז וואָלף האָט זעלדען געשאָנקען אַ בייטש קרעלן האָט דער גרויסער וואָלף איר געשאָנקען אַ בייטש בורשטינען. און אַז וואָלף האָט איר געגעבן ייִדנס אַף אַ קלייד, האָט דער גרויסער וואָלף איר געגעבן סאַטן־דע־ליאָן אַף אַ מאַנטל. און אַז זעלדע האָט דעם גרויסן וואָלף צוריקגעשיקט די בורשטינען מיטן סאַטן־דע־ליאָן, האָבן די יונגען זיך ס'ערשטע מאָל צע־ווערטלט. און אַז וואָלף האָט חתונה געהאַט מיט זעלדען, זיינען זיי נישט בלויז געוואָרן אויס שותפים, נאָר זיינען געוואָרן ברוגז אַף מעסער־שטעך.

אין אַ יאָר אַרום האָט דער גרויסער וואָלף אויך חתונה געהאַט.

האָט וואָלף זיך באַזעצט אין איין עק שטאָט, האָט דער גרויסער וואָלף נאָך דער חתונה זיך באַזעצט אין אַ צווייטן עק שטאָט. האָט וואָלף געדאַוונט אין בית־המדרש, האָט דער גרויסער וואָלף זיך געקויפט אַ „שטאָט" אין שול. איז וואָלף געווען קנעפּל שבקנעפּל מיטן עלטסטן זשאַנדאַר, האָט דער גרויסער וואָלף געמאַכט יד־אחת מיטן פּריסטאַוו.

דער האַנדל אָבער איז געבליבן דערזעלבער. ביידע האָבן אויפגעקויפט אַף די פּוילישע ירידים פערד, זיי „געשוואַרצט" פּאַרטיעסווייז קיין פּרייסן. דערביי האָט מען קאָנקורירט, זיך געשניטן אין דער זיבעטער ריפּ אַריין.

אַזוי האָט דער ברוגז־רוגז אָנגעהאַלטן זיבעצן יאָר. אַפן אַכצנטן איז וואָלף מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן, געווען פאַרביי. ער האָט געשיקט נאָך דעם אַמאָליקן חבר, געשיקט די פערד־יונגען.

— אַזוי און אַזוי, גרויסער וואָלף.

דער גרויסער וואָלף האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. ער האָט געטריבן די פערד־יונגען:

— וועמען האָט ער געשיקט נאָך מיר? ס'געהינטעכץ? און אַז ער וועט שיקן קעקערע וועל איך גיין?

וואָלף איז געשטאָרבן. זיין בן־יחיד, דער זעכצן־יאָריקער מעכל, האָט איבערגענומען דעם פערד־האַנדל און אַז מעכל האָט ס'ערשטע מאָל איינגעשפּאַנט אַ פּאָר פערד אין דער בריטשקע און איז אַרויסגעפאָרן אַפן פערד־מאַרק, האָט דער גרויסער וואָלף פאַרגעסן אַלע קריוודעס און אים אָפּגעשטעלט:

— הער, מעכל, איך האָב געהאַט חשבונות מיט דיין טאַטע, צו לענגערע יאָר אונדז. ער איז מיר דער ערשטער געקראָכן אין די ביינער אַריין. איך בין אים גאָרנישט שולדיק געבליבן. דער טויט האָט אָבער אָפּגעמעקט אונדזערע חשבונות. אויב דו, מעכל, וועסט עפּעס דאַרפן — אַן עצה, אַ טובה — קום אַריבער.

— ניט איך, — האָט מעכל אָפּגעלאָזט די לייצעס און האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין דער בריטשקע, ענלעך אַפן פאָטער.

— פאַרוואָס? — איז ס'פּנים באַם גרויסן וואָלף געבליבן הענגען, ווי אַ שטיק כמאַרע.

— אַז דער גרויסער וואָלף האָט נישט געוואָלט דעם טאַטע מוחל זיין אַפן טויטן־בעט, וועל איך דעם גרויסן וואָלף קיינמאָל נישט מוחל זיין.

אַ וואָגן מיט דריי יונגע פּויערים איז אָנגעפאָרן פון פערד־מאַרק. מעכלס

בריטשקע האָט פאַרשטעלט דעם וועג. איינער פון די פּויערים האָט זיך צעשריען:

— זשידקי, לאָזט דורכפאָרן!

— הינטישע געזעסן, האַלט די פּיסקעס! — האָט דער גרויסער וואָלף א הויב געטאָן א האַנט.

און איידער מעכל האָט צייט געהאַט אַנצוכאַפּן די לייצעס, האָט א פּויער מכבד געווען מיט דער בייטש מעכלס פערד. די פערד האָבן זיך א ריס געטאָן אַפן פּויערש וואָגן, אַרויסגעוואָרפן מעכלען. וואָלף האָט א כאַפּ געטאָן מעכלס פערד פאַר די פּיסקעס, א כאַפּ געטאָן מיט אַזא גבורה, אַז די בריטשקע מיט די פערד האָבן גענומען גיין אַף צוריק. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער בריטשקע אַן „אָרטשיק" און זיך געוואָרפן אַף די פּויערים. איין פּויער האָט אָפּגעצוינגן. די אַנדערע צוויי זיינען געלעגן מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, געלעגן אַן לשון, געלעגן צעדמטע.

דער גרויסער וואָלף האָט אָפּגעצוינגן. איז אַריבער קיין פּרייסן. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט אוועקגעלייגט די פּויערים. און אַז די פּויערים זיינען געקומען צו זיך, האָבן פאַרפירט קעגן שלעגער א פּראָצעס, איז דער גרויסער וואָלף אַהיימגעקומען. מען האָט אים צוגעמשפּט אַכט טאָג זיצן. אַנדערהאַלבן יאָר האָט זיך אָפּגעשלעפּט דאָס גיין זיצן, ביז א קינד איז באַם גרויסן וואָלף געשטאָרבן, און ער איז אוועק אָפּזיצן „שבעה" אין תפיסה.

ווי דער פּריסטאַוו איז צוגעקומען מיטן גרויסן וואָלף צום תפיסה־טויער, האָט אַנגעקלונגען, איז אויסגעוואַקסן מעכל מיט א קישן אונטער איין אָרעם, מיט א קאָלדרע אונטערן צווייטן. ער האָט זיך געבעטן באַם גרויסן וואָלף:

— איר וועט זיצן „שבעה" אין דער היים, וואָלף, און איך וועל פאַר אייך אָפּזיצן.

— מעכל איז יינגער, — האָט דער פּריסטאַוו זיך אַריינגעמישט, — לאָז ער אָפּזיצן.

— נאָר קיין טובות נישט, — האָט דער גרויסער וואָלף פאַרשטעלט מעכלען דעם וועג, — האָסט א קורצן זכרון, מעכל. האָסט דאָך געשוואוירן מיר קיינמאָל נישט מוחל צו זיין.

— דער טויט האָט אָפּגעמעקט אונדזערע אַלטע חשבונות, — האָט מעכל אַזוי א זאָג געטאָן, אַז וואָלף האָט אים געגלויבט.

וואָלף, מעכל, דער פּריסטאַוו — אַלע דריי זיינען אַריין אין א ליכטיקער

תפיסה־קאמער. און אז ס'קישן מיט דער קאָלדרע זיינען שוין געלעגן אויף דער נארע, האָט דער גרויסער וואָלף פּאַטערלעך ארומגענומען מעכלען:

— נו?

— לאָמיר ווערן שותפים, וואָלף.

דער גרויסער וואָלף האָט אים שטאַרקער ארומגענומען. געהייסן האָט עס — ער איז מסכים. און אז דער גרויסער וואָלף האָט שוין געהאַלטן באַם ארויסגיין פון דער קאַמער, האָט ער שטיל א פרעג געטאָן מעכלען:

— און די מאַמע?

— זי וועט זיין א דריטער שותף.

1937.

אַ פֿאַרשייט הייבל

אַ שבת פרימאָרגן אינעם יאָר 1840.

צום שול־פירן איז די זעכצן־יאָריקע פּיטשע, דעם רייכן פּייוועשעס טאָכטער, געזעסן אינמיטן דער סאַליע אין אַ געשניצטן כּלה־פאָטעל. זי איז געווען געשלייערט אין שווארצן זייד. פונעם שטערנטיכל, פון די אויערינגלעך ביז צו די אַקסלען, פון די פינגערלעך, פון די ברוינע ליכטיקע אויגן — וואו אַ קער האָבן אַראָפּגעפינקלט און אַרויסגעפינקלט דימענטלעך. איבער די שמאָלע אַקסלען אַ דין איטאַליעניש שאַל־טוך צונויפגעשטעלט פון שפּיצן און שפּיצלעך. אויף קאָפּ — אַ געפּאַסט הייבל, געוויקלט פון שווארצע זיידענע קאָראָנקעס, באַפּוצט מיט רויטע בייטשלעך קרעלן און מיט אַ ציטער־שפּילקע. דער געבויגענער האַלדז באַדעקט מיט שנירלעך פּערל און אין דער רעכטער האַנט אַ קרבן־מנחה סידור אין אַ זילבערנעם איינבונד.

ארום דעם יונגן ווייבל, וואָס איז שוין איבער אַ שעה פּיקס און פאַרטיק געווען מען זאָל זי פירן אין שול אַריין, האָט זיך געטומלט.

דעם אויבנאָן האָבן דאָס מאָל נישט פאַרנומען די רייכע זדוינסקעוואָליער ווייבער און ווייבלעך, אַפילו נישט פּיטשעס מוטער און שוועסטער, נאָר די צוועלף רביצינס, וואָס זיינען מיטגעקומען אויף דער חתונה פון חתנס צד און זיינען פאַרבליבן ביז איבער די שבע־ברכות.

צווישן די רביצינס זיינען געווען דעם חתנס באָבע, ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווערס מוטער, די צדקת ראָדע. דעם חתנס מוטער, איטע, די טשעכאַנאָווער רביצן. דעם חתנס שווענערנס — די סטריקאָווער רביצן, די ביאַלער רביצן.

מען האָט בלויז געוואָרט אויף דער שטאָטישער רביצן, אויף דער זדוינסקע־וואָליער, וואָס איר איז געקומען די מצוה און דער כבוד צו נעמען ס׳יונגע ווייבל אונטערן אָרעם און זי פירן דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה אין שול אַריין.

דער שטיי־זייגער מיטן געשניצטן אומרו און מיט די קופּערנע וואָגעס האָט אויסגעשלאָגן ניין און די שטאָטישע רביצן האָט זיך נישט באַוויזן. ווער זי טאַקע נישט קומען? ווער זי מביש זיין ר׳ פּייוועש אַפּאַטאָווסקים

טאַכטער, ר׳ אברהמל טשעכאַנאָווערס שנור? ס׳ווייבער פאָלק האָט זיך שטיל געבונטעוועט.

— א העזה! א נישט־דערהערטע העזה!

בלויז די צוויי יונגע רביצנס — די סטריקאָווער און די ביאַלער — בלאָנדע, געוויקסיקע, מיט גדלות נישט בלויז אין רעדן, נאָר אין גאַנצן האַלטן זיך, זיי האָבן אָנגעקוואָלן, וואָס די שטאָטישע רביצן איז נישט געקומען. אַז ס׳איז דאָ די באָבעשי ראָדע, ווער דאַרף די שטאָטישע רביצן? דערצו האָבן די צוויי יונגע רביצנס שוין איבער א וואָך אָנגעפירט מיטן ווירטשאַפט באַם רייכן זדוינסקעוואָליער אָפּאַטאָווסקי, וואָס האָט זיך איינ־געקויפט דעם טשעכאַנאָווער רבינס זון, ר׳ רפאלן, פאַר אַן איידעם. יעדן טאָג זיינען זיי געפאָרן שפּאַצירן אין ר׳ פּייוועשעס קאָטש מיט די זילבערנע האַנטאָבעס. יעדן טאָג האָבן זיי פאַרבראַכט באַ ר׳ פּייוועשעס יאָר־דאָקטאָר, באַ ר׳ לייב ניומאַן, א געענגדיקטער אין פּאַדוא און אַליין א שטיק רבי. דאָס ווירטשאַפט האָבן זיי נישט אָנגעפירט, נאָר איבערגענומען. וועגן די משרתים און דינסטן — איז דאָך אָפּגערעדט.

צום שול־פירן האָבן זיי אַפילו אינזינען נישט געהאַט צו פאַרבעטן די זדוינסקעוואָליער רביצן, די „דייטשקע", וואָס קומט פון ליסאַ און רעדט: „איכע־מיכע". דאָ האָבן זיך די באָבעשי ראָדע און די טשעכאַנאָווער רביצן איינגעשפּאַרט, באַפוילן פרייטיק נאָכן אָנבייסן, אַוועקצופירן דער זדוינסקע־וואָליער רביצן ס׳הייבל, וואָס די שניר — די סטריקאָווער און ביאַלער — האָבן געבראַכט פון וואַרשע פאַרן יונגן ווייבל.

אויסגעפּוצטע זיינען די צוויי יונגע רביצנס געפאָרן אין דער קאָטש מיט די זילבערנע האַנטאָבעס, געפאָרן איבערן מאַרק מיט מוזיק, געפירט אין בית־דין שטוב אַריין דאָס וואַרשעווער הייבל, די שטאָטישע רביצן זאָל באַשטימען צי ס׳איז כשר.

די זדוינסקעוואָליער רביצן — אַן איבערגעוואַקסענע אידענע, א דייטשקע פון ליסאַ, מיט האַריקע וואָנצעלעך צעשאָטן איבער די באַקן, איבער די ליפּן, האָט אויפגענומען די געסט מיט א ברייטן סקאָצל־קום, מיט שטראָדל, מיט ווייַן. זי האָט לאַנג באַקוקט ס׳הייבל, באַטאַפּט די קרעלן, די ציטער־שפּילקע, די שפּיצן, געזוכט עס צו פּסלען, ווי איר מאַן, דער מחמיר, פלעגט טריף מאַכן אַן עוף, וואָס מען האָט אים געבראַכט פאַר א שאלה. איבער דער רביצנס מאַנצבילשן פּנים האָט זיך צעלייגט א כמארע. זי האָט א שאר געטאָן פון זיך ס׳הייבל:

— נישט פאר ר' פּיוועשעס טאָכטער.

— אויב ס'פּאַסט נישט פאר ר' פּיוועשעס טאָכטער, — האָט די סטריקאָווער רביצן א זאָג געטאָן פון אויבן אראָפּ, — פּאַסט עס פאר ר' אברהמל טשעכאַנאָווערס שנור.

— פאר ר' אברהמל טשעכאַנאָווערס שנור אודאי נישט! — האָט די רביצן אזא פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, ווי זי וואָלט נישט בלויז געוואָלט איינשטילן די צוויי חוצפּהדיקע ווייבלעך, נאָר א גאַנצע שטאָט, — וואָס פאר א יידישע טאָכטער טראָגט דאָס אזא הייבלכיע? ס'איז אַן אויסגעלאַסן הייבלכיע!

די צוויי יונגע רביצנס האָבן נישט געענטפערט. זיי האָבן פאַרוואָרפן די שוואַרצע זיידענע שאַלן איבער די אַקסלען און זיינען אַרויס פון בית־דין שטוב אַן א „זיי־געזונט". די פידל און די פלייט, וואָס זיינען געזעסן פון ביידע זייטן סטאַנגרעס, האָבן געשפּילט א פריילעכס, אָנגעזאָגט זדוינסקע־וואָליע, אַז ס'הייבל איז כשר.

און מיטאַמאָל אזא בושה. ר' פּיוועש אָפּאַטאָווסקי — דער שטאָט־נגיד, דער גרויסער בעל־צדקה. ר' אברהמל טשעכאַנאָווער. דער סטריקאָווער רבי, דער ביאַלער רבי. איצט — רבנים. ווי נעמט זיך בא דער זדוינסקע־וואָליער רביצן די העזה נישט צו קומען!

די צוויי שוועגערנס — די סטריקאָווער און ביאַלער — האָבן גערעדט שטיל, כמעט אָפּן וואונק, אָבער מיט גרויס רוגזה:

— און אַז זי וועט איצט קומען, וועט זי אויך נישט פירן פּייטשען אין שול אריין. פירן וועט די באָבעשי ראָדע. מיר גייען. מאַמעשי, מיר גייען.

די ביאַלער רביצן איז אַרויס מיט דער באָבעשי ראָדע. די סטריקאָווער — מיטן יונגן ווייבל. פאַרן ווייסן שטיינערנעם הויז, א פיר־גאָרנדיק הויז מיט צענדליקער פענצטער, האָט ס'ווייבער־פאָלק זיך אויסגעשטעלט. רעכטס פונעם יונגן ווייבל — די קליינטשיקע באָבעשי ראָדע, לינקס — די טשעכאַנאָווער רביצן. אַלע אין שוואַרצן זייד. הינטער זיי — די יונגע בלאָנדע שוועגערנס — די סטריקאָווער, די ביאַלער. דערנאָך — אַכט רביצנס אין א ברייטער שורה. הינטער די רביצנס — די שענסטע שטאָט־באַלעבאָסטעס.

פון צווישן די שוואַרץ־געשלייערטע רביצנס האָט דאָס הייבל מיט די רויטע קרעלן און מיט דער ציטער־שפּילקע אראָפּגעשריגן פונעם יונגן ווייבל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, אין איין שמייכלען, גע־

ענטפּערט אַף די הונדערטער „גוט־שבת", וואָס האָבן זיך געטראָגן פון צעעפנטע טירן, פון צעעפנטע פענצטער:

— אַ גליקלעך שול־פירן.

— אַ מזלדיק שול־פירן.

און אַז מען איז פאַרביינגעגאַנגען, זיינען מיידלעך זיך צונויפגעלאָפן אין די פעדער־הייזער און שטיל זיך איבערגעפרעגט:

— וואו איז די רביצן?

— די שטאָטישע רביצן?

— ס'הייבל איז איר נישט געפעלן?

— אַ שיין הייבל.

— גאָר אַ שיין הייבל.

אין שול אַריין איז מען געקומען צום אויסהויבנס. מיט דער שטאָטישער רביצן האָט זיך קיינער נישט באַגריסט, נישט באַם אַריינקומען אין שול אַריין, נישט באַם אַהיימגיין. דעם שבע־ברכות־טיש האָט געפירט דער טשעכאַנאָווער רבי. אַרום אים — רבנים, חסידים, שיינע באַלעבאַטים. צום שבע־ברכות טיש איז אויך געקומען דער שטאָטישער רב ר' מנחם מענדל. ווי דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט דער רבי אויפגעהערט צו זאָגן תורה און זיך געווענדט צום רב:

— זדוינסקעוואָליער רב, פאַרוואָס ווילט איר זיך נישט פאַרלאָזן בנוגע אַ הייבל פאַר דער כלה, אַף מיר?

ס'איז אַ ווײַלע געוואָרן ־שטיל. אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ קער געטאָן צום הויבן, דאָרן רב, וואָס האָט פאַרביטן ס'גרויסע ליסער רבנות אַף זדוינסקעוואָליער, נאָר דערפאַר, וואָס ליסאַ האָט אויפגעהערט צו זיין פרום. דער רב האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך גוט איבערגעלייגט, וואָס מען פרעגט באַ אים. דערנאָך איז ער בלאַס געוואָרן און אַ זאָג געטאָן מיט רוגזה:

— דאָס איז געװען ס'אומגליק באַ אונדז אין דײַטשלאַנד, וואָס איז געוואָרן אַזוי פאַרשייט און אויסגעלאָזן. מען האָט נעמלעך נאָר עפּעס נאָכגעגעבן, דאָס מינדסטע קלייניקייט, דערנאָך איז שוין געגאַנגען ווייטער און ווייטער. איר הערט, טשעכאַנאָווער רב, מען טאָר, אַלזאָ, נישט נאָכגעבן קיין האָר. איך בין מרא דאתרא און איך האָב געהייסן די רביצן נישט פירן די כלה אין שול אַריין!

— ווער האָט אויסגעקליבן דאָס הייבל? — האָט דער טשעכאַנאָווער רבי עטוואָס אַ פאַרלוירענער זיך געפרעגט.

— מיר, — האט די ביאַלער רביצן אונטערגעטראָגן דעם שווער ס'הייבל,
— פאַרוואָס איז דאָס הייבל נישט כשר, שווער?
דער רבי האָט באַקוקט ס'הייבל, באַקוקט די רויטע קרעלן, די ציטער־שפּילקע און זיך צעשמייכלט:
— ס'איז דאָך אַ כלה, און אַז אונדזער מוטער חוה איז אַ כלה געוואָרן, שטייט, אַז גאָט אַליין האָט זי געצירט אין „כ"ד מיני קישוטין", אין פיר און צוואַנציק צירונגען. ס'הייבל איז כשר, כשר. נאָר אַז דער זדוינסקעוואָליער רב, דער מרא דאתרא, זאָגט ניין, איז ניין.

1937.

נסים

דער דריי־און־צוואַנציק יאָריקער ר' יעקב איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. דער פּראַגער רב, דער גאון ר' דוד, האָט אים אויפגענומען מלכותדיק. אַזוינע וויינען, אַזוינע פּליישן, האָט ר' יעקב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט טועם געווען. איצט — ס'עשירות? זילבער, גאָלד און קרישטאָל. און וואו זעט מען אַזוי פיל ספרים? ערשטע דרוקן, כתבי־יד אויף פּאַרמעט, מגלות איינגעפּאַסט אין זילבער. אויף דער סעודה, צוליב דעם געהויבענעם גאַסט, זיינען געווען פאַרבעטן די שענסטע אידן, דער שפּיגל פון פּראָג. דער רב האָט אַ גאַנצן אָוונט נישט אַרויסגעלאָזט יעקבס האַנט פון זיינער, זיך אַרומגעפּירט מיט אים, ווי מיט אַ זון. ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן און איבערדערציילן פאַרן עולם די גרויסקייט פון ר' יעקבס פאָטער, דעם „חכם צבי". אַ גאון פון אַזאַ שניט זעט מען נישט מער. ר' יעקבס פאָטער איז געווען אַ יחיד בדורו.

די ווערטער האָבן געוואָרעמט דעם דריי־און־צוואַנציק יאָריקן יעקבן, ווי ס'האָבן אים אויפגעהייטערט די וויינען, די פּליישן, דאָס תורה־זאָגן באַם טיש. יעקב האָט געציטערט איבער די שטיקלעך ריחות, וואָס ער האָט מיט־גענומען פון רבס הויז אין גאַס אַריין. ער האָט געטראָגן אין זיך דעם רבס גלעט, ס'וואַרעמקייט פון זיינע פינגער, ס'קלאַנג פון זיין קול.

אפן קוק האָט ער קיין דריי־און־צוואַנציק יאָר אויך נישט אויסגעזען. דאָס לענגלעכע, מאַטע פּנים, וואָס האָט נישט דורכגעלאָזט די אינערלעכע פלאַמען, איז דאָ און דאָרט געווען באַשאָטן מיט שוואַרצע קרייזלעך, ווי בא אַ פופצן־יאָריק בחורל. דאָס געלע, פאַרשפּיצטע היטל, וואָס יעקב האָט אין פּראַג געמוזט טראָגן, האָט זיינע שמאָלע פּלייצעס נאָך שמעלער געמאַכט. און אין גאַנצן אַזאַ הויכער, אַזאַ דינער, ווי אַן אָנגעצויגענע פייל צום שיסן.

ס'איז געווען אַ שטיק אין אָוונט. די געטאָ־געוועלבער האָבן זיך שוין געהאַלטן אין שליסן. אויס געסן. אויס געסלעך און ליקלעך. די נאַכט האָט גענומען צופאַלן. ליכט האָבן אויפגעפלעמלט אין די פענצטער, געצייכנט אין דער נאַכט אַריין שמאָלע, געמויערטע הייזער. און פוןביידע ישיבות האָבן זיך געטראָגן מיט אַ ברען גמרא־ניגונים.

ר׳ יעקב האט זיך געכאפט, אז לעבן אים גייט אן עלטערער ייד. ער האט זיך אפגעשטעלט. דער ייד האט זיך אויך אפגעשטעלט און געוויזן מיט דער האנט, אז מען דארף גיין ווייטער. ר׳ יעקב האט אים געפרעגט:

— וואס פארלאנגט איר, ר׳ ייד?

— דאס האט דער רב מיך מיטגעשיקט, כ׳זאל אייך ווייזן דעם וועג.

— איר דארפט זיך נישט מטריח זיין, — האט ר׳ יעקב אים אריינגע־שטעקט אין דער האנט אריין א מטבע.

שוין איבער א וואך ווי ר׳ יעקב האט פארבראכט אין פראג. נאכן פאטערס טויט, ווען די מוטער איז געבליבן מיט קליינע קינדער, האט ער, דער עלטסטער זון, זיך געלאזט קיין דייטשלאנד, קיין ענגלאנד, זיך געלאזט אויפמאנען חובות, וואס מען איז דעם פאטער שולדיק געבליבן. ער האט אויך מיטגענומען דעם פאטערס א ספר צו פארקויפן. ער האט זיך ארומ־געשלעפט איבער דער וועלט קנאפע צוויי יאר. קיין חובות האט ער נישט אויפגעמאנט, פונעם פאטערס ספר האט ער גאר ווייניק געהאט פארקויפט. און איצט, אפן וועג אהיים קיין מעריו, וואו א פרוי מיט צוויי קינדער האבן געווארט אף אים, האט ער זיך אפגעשטעלט אין פראג, וואו אפן צאל־אמט האט מען פארהאלטן זיינע ספרים.

אין פראג איז ר׳ יעקב איינגעשטאנען בא זיין פעטער וואלף, א ייד, א מקובל, וואס האט איינגעקויפט אף ירידים ווייסע שעפסענע וואל. די וואל, וואס איז געקומען פון אונגארן, האט ר׳ וואלף געשיקט קיין האמבורג.

פון א זייטיק געסל איז אנגעקומען א מאנאך אין שווארצן. ער איז געגאנגען גלייך אף ר׳ יעקבן. ר׳ יעקב האט אים נים אפגעטראטן דעם וועג. דער מאנאך איז א שווייגנדיקער פארבייגעגאנגען. ערשט דעמאלט האט ר׳ יעקב זיך אפגעשטעלט, נאכגעקוקט ווי דער מאנאך ווערט איינס מיט דער נאכט, און זיך געחידושט, פון וואנען ס׳האט זיך גענומען צו אים אזוי פיל קוראזש. פאר נישט אפטרעטן דעם וועג א מאנאך, צי א גלח, באשטראפט מען אין פראג.

ר׳ יעקב האט נישט ליב געהאט פראג. וואו א קער — מאנאכן, גלחים, סטודענטן וואס לערנען אף גלחים. אלע אין שווארצן. אלע דערגייען דעם ייד די יארן. און דאס וואס דער מאנאך האט ר׳ יעקבן פארשוויגן? אין דעם האט ער געזען א גאט־זאך. דער גאנצער טאג איז פול געווען מיט ניסים.

באלד אין דער פרי האט מען אים צוריקגעקערט די ספרים פון צאל־אמט. אז מען האט בא אים צוגענומען די ספרים, האט דער פעטער אים

געהייסן אריבערגיין צו ר׳ יונתן. ער, דעם „חכם צבים" זון, וועט זיך ווענדן צו אייבשיצערן? ניין, ניין, ניין. שפּעטער האָט ר׳ יונתן באַפוילן מיטן פּעטער, אַז ר׳ יעקב זאָל אריבערקומען, וועט ר׳ יונתן אים ארויסקריגן די ספרים אָן צאָל. ר׳ יעקב איז נישט געגאַנגען. און די ספרים זיינען געקומען אָן אייבשיצערס הילף. און ווי די ספרים זיינען אָנגעקומען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו ר׳ יעקבן אַף דער אכסניא די שענסטע יידן פון פּראָג. זיי האָבן צוגענומען באַ אים פאַר מזומן אַלע ספרים.

ר׳ יעקב איז אריין אין אַ שמאָל געמויערט הויז. די טרעפּ, געדרייט ווי אַ געקרויזטע פּאה, האָבן אים געפירט צום פעטער וואָלף. הינטער דער טיר האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער פעטער מיטן ווייב זיינען אוועקגעפאָרן אַף אַ יאריד. אין הויז איז געבליבן שרהלע, דעם פעטערס יינגסטע טאָכטער, וואָס איז אַ יאָר נאָך דער חתונה געבליבן אַן אלמנה. און שרהלע באַ־אומרואיקט אים, הויכט אָפּ ס׳פּלאַץ וואו ער שטייט.

ר׳ יעקב, אַן אויפגעהייטערטער, איז אריין מיט אַ ברייטן גוטן־אָוונט. שרהלע, ענלעך אַפן שוועסטערקינד, נאָר שענער און בויגעווריקער, איז אים אנטקעגן־געגאַנגען מיט אַ געמאַכטן ברוגז:

— אזוי שפּעט?

— ס׳האָט זיך נאָר־וואָס געענדיקט די סעודה באַם רב.

— געווען אַ גרויסער עולם?

— פרעג נישט.

— ווייסט, יעקב, אַז מיר זיינען אַליין? — האָט שרהלע אים עס אָנגע־זאָגט, ווי אַ בשורה, און אַ נעם געטאָן זיינע הענט אין אירע, — דער טאַטעשי און די מאַמעשי וועלן ערשט מאָרגן קריקקומען פונעם יאריד.

ער איז ווי צעמישט געוואָרן. דאָס יונגע בלוט האָט זיך אין אים אַ גאָס געטאָן פון די פיס אין די הענט אריין, פון די הענט אין די שלייפן. ער האָט איבערגעלאָזט פאַר אַ ווייל זיינע הענט אין אירע, און די אויגן, ס׳פּנים — אַלץ האָט זיך געבעטן באַם שוועסטערקינד:

— וואָס טוסטו, שרהלע?

— כ׳האָב דיך ליב, — און זי האָט אים אונטערגעטראָגן די אויגן, די ליפּן, אָנגעשפּאַרט איר באַק אָן זיינער.

— מיר זינדיקן, שרהלע, — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן און זיך גענומען רוקן פון איר, זיך געשאַרט אַ פאַרלוירענער צו דער טיר, וואו זיין שלאָפצימער איז געווען.

— גייסט שוין שלאפן?

— יא, שרהלע. כ'בין מיד נאך א גאנצן טאג ארומלויפן.

— און דאס געטראנק, וואס דו טרינקסט פארן שלאף?

— מיינסט א גלאז טיי? אויב עס איז נישט קיין צו גרויסע טרחה פאר דיר. — האט ר' יעקב זיך געקווענקלט: „יא גיין שלאפן, נישט גיין", און א זאג געטאן — כ'האב היינט אזויפיל ווײן געטרונקען, אז כ'וועל גיין שלאפן אן טיי. א גוטע נאכט, שרהלע.

און אז ר' יעקב איז שוין געלעגן אין בעט אף א פוכענער אונטערדעק, צוגעדעקט מיט א פוכענער אויבערדעק, האט ער ארויסגענומען זיין טאג־בוך און דארט אריינגעשריבן באם שיין פון א ליכט. ער האט געשריבן אין א רבנישן העברייאיש:

„... ס'האט זיך מיר היינט געטראפן א נס, ווי עס האט געטראפן יוסף הצדיק. און אפשר א גרעסערער נס, ווייל כ'בין א יונגערמאן א היציקער, לאנג שוין פון דער היים, און דער יצר־הרע לאזט מיך נישט אפ. און דא בין איך געבליבן אליין מיט א פרוי א יפת־תואר, מיינס א שוועסטערקינד. און זי איז אזוי דרייסט און ווייזט מיר ארוים אזויפיל ליבשאפט. זי האט מיר כמעט ווי א קוש געטאן. און אז כ'ליג שוין אין בעט, קומט זי אריין מיך איינדעקן. זי טוט עס מיט דער ליבשאפט פון א קרובה. און ווען איך וואלט זיך צוגעהערט צום יצר־הרע, וואלט זי מיר אלץ צוליב געטאן. און נישט איינמאל האב איך געטראכט, אז כ'קאן חס וחלילה געשטרויכלט ווערן. געווען ס'פלעמל זאל א לעק טאן ס'פלאקס און ס'זאל אויסברעכן א שרפה. כ'האב זיך אבער געשטארקט איבערן יצר־הרע, וואס האט מיך פעסט גע־האלטן אין זיינע הענט, כ'בין אים בייגעקומען מיט דער הילף פון גאט. און דערפאר, האף איך, וועט דער רבונו־של־עולם מיך און מיינע קינדער אויסהיטן פונעם יצר־הרעס פלאם און פון דעם פייער פון גיהנום."

ר' יעקב האט אוועקגעלייגט ס'טאג־בוך אונטערן קישן, אויסגעלאשן ס'ליכט, און מיט א שווערן זיפץ גענומען זינקען צווישן די פוכענע דעקעס, — נסים, א גאנצן טאג נסים.

.1936

אַ הספּד

אין שלאָף האָט אסתרל געהערט, ווי דער מאַן אירער, איטשעלע, דרייט זיך פון עס־צימער אין שלאָף־צימער. זי האָט אין שלאָף געוואוסט, אַז איטשעלע איז גאָר באַ אַדעלטשען, באַ דער שוועסטער זיינער, וואָס איז חרוב־פאַרביי. ווען איז ער אַהיימגעקומען? פון איטשעלעס דרייען זיך איז אסתרלס שלאָף געוואָרן אומרואיק. זי האָט גענומען עטעמען מיט אַ שווער האַרץ. דערנאָך האָט זי זיך צעקרעכצט און אויפגעריסן די אויגן:

— וואָס הערט זיך, איטשעלע?

ס'האָט גענומען אַ פּיינלעכע ווייל, ביז זי האָט זיך באַפרייט פון דער שלאָפנדיקער וועלט, גענומען דערקענען ס'בעט, ס'אָנגעטועכץ, דעם אייגענעם מאַן — איטשעלען. אַ לעבן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן — צען, צוואַנציק, דרייסיק יאָר. דאָס לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן רבישן הויף אין גער און זיך געענדיקט אין גערער שטיבל אַף לואיס סטריט. דורות זיינען פאַרבייגעגאַנגען. יעדער דור מיט זיינע מענטשישע קנייטשן, מיט זיין מענטשישן ריח. פון גערער הויף, פון די הונדערט טויזנט חסידים, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אַף ימים־נוראים קיין גער פון גאַנץ קרוין־פּוילן, — פון די אַלע דורות זיינען באַ איר פאַרבליבן: איטשעלע און זיין שוועסטער אַדעלטשע. איז אַדעלטשע חרוב־פאַרביי. און איטשעלע?

ערשט איצט האָט זי דערזען דעם מאַן. אַ הויכער, אַ ברייטער. פון באָרד און פּאות, שוואַרץ ווי סמאָלע, האָבן ארויסגעפינקלט נאָך שוואַרצערע אויגן, האָבן ארויסגעפינקלט רויטע ליפּן און ווייסע ציין. ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז דער נאָמען איטשעלע פּאַסט נישט צו זיין גאַנץ געשטעל.

דעם נאָמען האָט ער מיטגעבראַכט פון גערער הויף, וואו איטשעלעס פאָטער, דעם רבינס אַ נאָענטער קרוב און אַליין אַ שטיק רבי, האָט געזאָגט דעות. דער פאָטער איז באַשטאַנען, אַז איטשעלע זאָל אַרויספאָרן קיין ניו יאָרק מיטן ערשטן כראַנכפאַרט ספרים, וואו דער הויף האָט בדעה געהאַט ארויסצושיקן גלייך ווי די וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט.

איטשעלע איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק כמעט אָן ספרים. פון די זעכציק

קאסטנס זיינען פּערציק פּאַרפאַלן געוואָרן אַפן וועג. און די איבעריקע צוואַנציק, וואָס מען האָט אָפּגעלייגט אין נגערער שטיבל אַף לואיס סטריט, האָט מען צעשלעפּט, איידער מען האָט צייט געהאַט צו דינגען אַ געוועלב.

דער נגערער „הויף" האָט איטשעלען באַזייטיקט. אַף זיין אָרט האָט מען אַהערגעשיקט איטשעלעס עלטסטן שוואָגער, בונעמען, וואָס איז געווען אַ ייד אַ סוחר. און ווען נישט נגערער חסידים, וואָלט איטשעלע אומגעקומען אין ניו יאָרק.

גוטע ברידער האָבן אים מיטגענומען אין שעפּער, אים געלערנט וואָס אַ שטיקל זיידנס איז, וואָס אַ שטיקל שעוויאָט, אים געוואָלט איינברעכן, איטשעלע זאָל אָנהויבן האַנדלען מיט צודאַטן פאַר שניידערס.

דער צעוואַקסענער איטשעלע מיטן רבנישן קאַפּעלוש האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיטן זעקל אונטערן אָרעם, געשפּאַנט פון איין שאַפּ אין צווייטן, איז נענאַנגען אויספּרובירן ס'אייגענע מזל.

און ס'מזל איז געלאָפן פון איטשעלען.

ס'נגערער שטיבל, וואָס האָט געבענקט נאָך אַ מקורב פון נגערער הויף, וואו מען זאָל קאָנען אריינקומען אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָך אַ וואָך יאָגעניש־פּלאָגעניש, ס'נגערער שטיבל האָט איטשעלען נישט געלאָזט פאַלן.

מיטן שוואָגער, מיט בונעמען, האָט איטשעלע נישט גערעדט. נישט איבערגעטראָטן איינער דעם צווייטנס שוועל. האָט איטשעלע געפירט טיש אין נגערער שטיבל, וואָס אַף לואיס סטריט, האָט בונעם געפירט טיש אין בראָנזווילער נגערער שטיבל, וואָס אַף קריסטאָפער סטריט. אַפילו אַף שמחות איז מען נישט געקומען צו זיך. אַזוי האָבן זיך געצויגן צען פעליקע יאָר.

אַפן עלפטן יאָר, אין אַ געוויינלעכן מיטוואָך, איז בונעם אריינגעפאַלן צו איטשעלען אָן אַ גוט־מאָרגן. ס'פּנים מיט דער געלבלעכער באָרד ווייס ווי אַ ליילעך. ער האָט זיך געדרייט אין אַ ראָד אַרום טיש. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין אַן איינגעקאָרטשעטער, אַזוי איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט באַם לעבן אָפּגעקומען חבוט־הקבר. מיט אַ פאַרשטיקט קול האָט ער געגעבן צו וויסן:

— אַדעלטשע איז חרוב־פאַרביי.

איטשעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל און איז געבליבן אָן אָטעם. דער רבנישער קאַפּעלוש האָט זיך גערוקט איבערן ברייטן שטערן. די אויגן, די רויטע ליפּן האָבן ארויסגעשרפּעט פון דער שוואַרצער באָרד. זיין קול, אַ טיפּס, איז געקומען פון בויך מיט אַ רוגז:

— וואָס זיצסטו, אסתרל?

דאָס איז געווען מיטוואָך. היינט איז פרייטיק. אסתרל האָט צווי נעכט זיך נישט אויסגעטאָן, קיין אויג נישט צוגעמאַכט. נעכטן האָט זי איטשעלע אהיימגעיאָגט שלאָפן און ער איז געבליבן מיט דער שוועסטער.

און היינט?

אסתרל האָט געקוקט אפן מאַן, וואָס האָט נאָך איצט אויסגעזען העכער. זי האָט זיך געשעמט וואָס די באָרד בא אים איז אזא פּעכיקע, די ליפּן — אזוינע רויטע, די אויגן — הייסע קוילן. האָט זי נאָר־וואָס מיט אים גע־רעדט? זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט ברענגען איבער די ליפּן. איז געווען זיכער, אז מען דאַרף אָפּטרייסלען פון זיך די שטיקלעך איבער־געבליבענע חלום. און ווערטער, ווייטע, פרעמדע, זיינען געפאַלן פון מויל מיט רחמנות אף זיך, אפן גרויסן איטשעלע:

— וואָס הערט זיך, איטשעלע?

איטשעלע האָט א פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט אין דער וואַנט, אריינ־געלייגט דעם קאָפּ צווישן די הענט און אזוי איז ער געבליבן שטיין אָן אָטעם.

אסתרל האָט זיך א ריס געטאָן פון בעט, איז געבליבן זיצן מיט די נאַקעטע קני אפן פּאָרענטש און האָט זיך צעוויינט.

איטשעלע האָט זיך א בויג געטאָן איבערן ווייב:

— הערסט, אסתרל, מען טאָר נישט האָבן קיין תרעומות צום רבונו־של־עולם. ה׳ נתן וה׳ לקח... און אויב דו מיינסט, אז ס׳איז א גרינגער וועג, זאָלסטו וויסן, אז ס׳איז א ווייטער און א שווערער וועג.

אסתרל איז אריין אין א פּאָר ווייסע, געצערעוועטע זאָקן, אין שוואַרצע, ווייכע שיך פון איין שטיק לעדער, אין א זיידן קלייד, אין א שוואַרץ, אויסגעוואַקסן קלייד מיט לעכער, וואָס מען זעט בלויז בא רבישע לויהס. ארום קאָפּ האָט זיך געוויקלט א שוואַרצער, זיידענער שאַל. ס׳בלאַסע פּנים, אָן א בלוטס־טראָפּ, האָט אויסגעזען ווי נאָך א קרענק.

אזוי זיינען זיי ארויס פון שטוב. זיי האָבן זיך געלאָזט פאָרן קיין בראָנז־וויל. אסתרל — אָן מראה אין פּנים, איטשעלע — א שטיק ברען. און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן וואָס ס׳האָט אזוי געברענט — די שוואַרצע באָרד, די רויטע ליפּן, צי די פייערדיקע אויגן.

די לויה איז געווען פאַרמיטאָג.

קריסטאָפער סטריט איז שוין נישט געווען דורכצוגיין. חסידים — יונגע, עלטערע, אלטע — זיינען נישט איינגעשטאַנען, האָבן געשפּרייזט אין צווייען,

אין דרייען איבערן טראָטואַר, איבערן מיט־גאַס. זייערע ווייבער זיינען געשטאַנען אין רעדלעך. און אַז איטשעלע מיטן ווייב זיינען אָנגעקומען, האָט קריסטאָפער סטריט זיך אָפּגעשטעלט, געמאַכט א „וואַרע". אַלע — פעדלערס מיט ווײַן און שנאַפּס, פעדלערס מיט שמאַטעס, קצבים און פיש־הענדלער פון פיטקין עוועניו — אַלע האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן צום צווייט־שטאָקיגן הויז, וואו אויפן ערשטן גאָרן איז געווען ס'גערער שטיבל און אויפן צווייטן האָט בונעם געוואוינט.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט מען געזען עלטערע ווייבער מיט שמים־פנימער, ווייבער צדקניות אין שוואַרצע אויסטערלישע קליידער, וואָס האָבן זיך געטראָגן הין־קריק, זיך געטיילט א גאַנצן פרימאָרגן מיט דער ארבעט. טייל האָבן געגייט די תכריכים, טייל האָבן געטאָן אַדעלטשען איר רעכט און טייל האָבן געזאָגט תהילים. קיין זייטיקע ווייבער האָט מען נישט אַריינ־געלאָזט.

מיט איטשעלעס אָנקומען זיינען אַנדערע ווייבער געוואָרן דרייסטער, האָבן גענומען אַרויסשרייען אין די אָפענע פענצטער אַריין:

— ר' איטשעלע פרעגט, צי מען קאָן אַרויפגיין.

— דער ברודער פרעגט, צי מען קאָן אַרויפגיין.

א זקנה, דאַר און קליין ווי אַן ארץ־ישראל ניסל, האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער, דערזען איטשעלען און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מען קאָן שוין אַרויפגיין.

ס'איז געוואָרן אַזאַ ענגעניש, אַזאַ געשטופּ, ווי דאָס וואָלט נישט געווען אין בראָנזוויל, נאָר אין גער באַם „שלום"־געבן. א וואַנט מענטשן איז געבליבן שטעקן באַם אַריינגאַנג, נישט געלאָזט קיינעם אַריין, קיינעם אַרויס. איטשעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער וואַנט, האָט זיך צערעדט:

— אַזאַ געדרענג, אַזאַ שטופּעניש איז דאָך א חלול־המת.

— מיר ווילן הערן!

— מיר ווילן הערן דעם רבינס הספד!

— דער פעטער זכרונו לברכה, דער „חדושי הרי"ם, פלעגט זאָגן, — האָט איטשעלע לייכט צענומען דעם עולם, — אַז מען איז זוכה צו הערן, הערט מען וואו מען שטייט.

דאָס איז גענוג געווען. די היימישע חסידים זיינען געבליבן שטיין אין רעדלעך, די קעפּ פאַררִיסן צו די אָפענע פענצטער, וואו די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך קוים געשפּיגלט אין די שויבן.

ס׳איז געווען שטיל, אזוי שטיל ווי פאַר שופר־בלאָזן. אויגן און אויערן האָבן אויפגעכאַפּט דעם קלענסטן שאָרך. איטשעלעס געשטעל האָט זיך געוויגט אינעם אָפענעם פענצטער, דערנאָך האָט זיך עס אויסגעגלייכט, און ס׳קול זיינס האָט זיך געטראָגן איבער קריסטאָפער כטריט:

— אדעלטשע, גיי גלייך, האָב גאָרנישט קיין מורא. זאָג, אַז איך, איטשעלע, בין דיין ברודער. טאָמער וועט עס נישט העלפן, זאָלסטו זאָגן, אַז דער גערער רבי, דער „שפת אמת״, איז מיין קרוב. און טאָמער וועט דאָס אויך נישט העלפן, זאָלסטו זאָגן, אַז דער ערשטער גערער רבי, דער „חדושי הרי״ם״, זכר צדיק לברכה, איז געווען מיין פעטער. גיי גלייך, אדעלטשע, האָב גאָרנישט קיין מורא.

.1937

באַם ייד הקדוש

צוויי טעג פאַר פּסח איז ר׳ שמחה בונם געקומען צופאָרן פון דאַנציג קיין פּשיסכע, געקומען מיט דער בקשה צו זיצןביידע סדרים באַם רבנים טיש. ער איז גלייך אריין צום „ייד הקדוש״.

דער רבי, א הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, איז געשטאַנען אין פענצטער, וואָס איז ארויסגעגאַנגען אַף צעאַקערטע פעלדער. ס׳איז געווען נאָכמיטאָג. אינעם גרויסן צימער, וואו ארום די ווענט האָבן זיך געצויגן אָפענע ספרים־פּאָליצעס, איז געווען טונקל. לויט די צעוויגטע פּלייצעס, וואָס האָבן פארשטעלט דאָס גאַנצע פענצטער, לויט דעם פאררייסענעם קאָפּ, איז געווען קענטיק, אז דער רבי שטייט מיט פארמאַכטע אויגן און מוחט זיך.

ר׳ שמחה בונם האָט געוואוסט, אז שוין יאָרן ווי דער רבי לײַדט, וואָס ס׳פּוילישע חסידות ווערט פלאַכער פון טאָג צו טאָג. וואו א רבי — מופתים און קוויטלעך. און אויב שוין יאָ מופתים, איז דאָ בלויז איין מופת — דער רבי דאַרף איינפּלאַנצן אין די חסידים וואָס מער יידישקייט, וואָס מער חסידות; דאַרף אַזוי פארטיפן דעם מענטש, אז זיין „תורה״ זאָל ווערן „עבודה״ און די „עבודה״ — „תורה״.

און ווי ר׳ שמחה בונם האָט זיך גענומען אַף הינטערוויילעכס קריק ארויסשאַרן פון רבינס חדר, נישט געוואָלט שטערן, האָט דער „ייד הקדוש״ זיך אויסגעדרייט. ער האָט דערזען דעם באַליבטסטן תלמיד זיינעם און איז אים אַנטקעגן־געגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס און מיט א ברייטן „שלום־עליכם״. אין די אָפענע אָרעמס, אין דעם אָפענעם פּנים און אין די נאָך־אָפענערע אויגן איז נישט בלויז געווען גאונישער מוח, נאָר אויך — גבורה, איבער־מענטשלעכע גבורה. און כאָטש דער „ייד הקדוש״ האָט זיך געפרייט מיטן גאַסט, האָט די פרייד זיך געפּלאָנטערט אין דער שווארצער באָרד, איז קוים דערגאַנגען צו די ליפּן. דער פארשאַרצטער שטערן האָט זיך נאָך אַלץ גע־מוחט. דער רבי האָט א נעם געטאָן זיין שטעלפארטרעטער, ר׳ שמחה בונמען, אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט מיט אים איבערן חדר. אַזוי האָבן זיי געשפּרייזט ארויף, אראָפּ. געשפּרייזט א לענגערע ווייל. און כאָטש ר׳ שמחה

בונם איז געווען זיכער, אַז דער רבי האָט גרויס „חולשת הדעת״, וואָס ס׳קרוין־פּוילישע חסידות האַלט זיך אין אויסוועפּן, האָט ער פונדעסטוועגן געוואָלט עס הערן פון „ייד״ אַליין. און ווי ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט דער רבי אים אַ צי געטאָן צו זיך און זיך צערעדט:

— מיינסט טאַקע, ס׳אַ קונץ צו זיין אַ בעל־מופת? אַ ליאַדע בעל־מדרגה קאָן פאַרדרייען הימל און ערד! זעסט, אַ ייד צו זיין איז שווער, גאַר שווער.

ר׳ שמחה בונם האָט אויפגעלויכטן, זיך דערפילט אַ שותף צום רבינס רייד. און פוןביידע פּאָר אויגן, שוואַרצע אויגן, האָט געפּלייצט אַזאַ ליכטיקייט ווי דער אָוונט וואָלט נישט געהאַלטן באַם צופאַלן, נאָר ס׳וואָלט געווען האַלבער טאָג.

דער רבי האָט אַ נעם געטאָן דעם תלמיד צום פענצטער, אים געוויזן אַף די צעאַקערטע פעלדער:

— הערסט, שמחה בונמל? כ׳בין נאַר־וואָס דאָ געשטאַנען און געטראַכט, אַז גאָט שיקט שליחים צו זיין פאָלק ישראל, וואָס באַלייכטן דעם וועג, פאַרטרייבן ס׳פינצטערניש. האָט ער זיי געשיקט נביאים, תנאים, גאונים, ס׳חסידות. און אַז ס׳חסידות ווערט פלאַכער און פלאַכער, האַלט באַם אונטערגיין, וואָס וועלן יידן איצט טאָן?

— מען דאַרף פאַרטיפן ס׳חסידות, נישט לאָזן עס אונטערגיין, — האָבן די אויגן זיך באַם תלמיד צעבליצט.

— גערעכט, בונמל, — האָט דער רבי אַרויפגעלייגט ביידע הענט אַפן תלמידס אַקסלען, — מען דאַרף שאַפן אַ נייעם דרך. און דער נייער דרך דאַרף אַרויסקוואַלן פון „ואהבת לרעך כמוך״, זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי דו האָסט דיך ליב, ווי דו האָסט ליב דיינע אייגענע גלידער. האָט דען דער מענטש גלייך ליב זיינע אייגענע גלידער? ניין! דער מענטש היט מער אָפּ ס׳אויג ווי ער היט אָפּ אַ פינגער פון אַ פוס. אַזוי איז אויך מיט מענטשן. פאַראַן מענטשן, וואָס מען דאַרף ליב האָבן און אָפּהיטן ווי ס׳אויג אין קאָפּ. און ס׳זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס מען דאַרף סתם ליב האָבן. דאָס דאַרף זיין דער נייער דרך, וואו תורה זאָל ווערן עבודה און פון עבודה — תורה. מיר וועלן נאָך שמועסן, בונמל, ס׳איז דאָ אַ סך צו שמועסן. יאָ, ס׳האָט דיך שוין עמיצער פאַרבעטן צו די סדרים?

— צו די סדרים, רבי, וויל איך זיין באַ אייך. כ׳וויל כאָטש איין מאָל זען ווי דער רבי ריכט אָפּ דעם סדר.

— בא מיר, בונמל, האסטו געפועלט, — האט דער רבי אראפּגעלאזט די הענט, ווי די גבורה וואלט זיך פון אים אפּגעטאן, ווען ער איז בלויז געגאנגען דערמאנען ס'ווייב, — זע פּועל בא מיין שיינדלען. גיי טאקע שוין אריין, ווייל דער פרעשבורגער עילוי, דער מאדיאר, וויל אויך זיין באם סדר.

ר' שמחה בונם האט געוואוסט, אז די רביצן איז א שלעכטס, דערגייט דעם רבין די יארן, איז בייז פארוואס ער נעמט נישט קיין קוויטלעך, פאר־וואס באם לובלינער אין הויף איז ווי בא מלכות און דא אין פשיסכע, קוועלט מען זיך, מען עסט נישט צו דער זעט. און אז די לייב־מענטשן זיינען צו־געשטאנען צום רבין ער זאל ס'ווייב אפּגטן, האט ער זיך געבעטן בא זיי, אז ער קאן שיינדלען נישט אפּגטן,—זי האט דאך אים געבוירן דריי ספרי־תורהס.

אין קיך איז געווען א גיהנום. דער אויוון, מיט צעעפנטע טירלעך און פייערקעס, האט געפלאמט, מען האט געגליט שטיינער, געגאסן אוקראפּ אין די הילצערנע וואסער־טינדלעך. די אנגעגליטע שטיינער האבן געסיקעט, גע־שאסן קנוילן פּארע ביז צו דער סטעליע, פארשטעלט די רביצן מיט אירע ארויסהעלפערנס. זי האט דערזען ר' שמחה בונמען און זיך צעשריגן:

— מען זאל דא נישט אריינקומען. מען קאן נישט, זאגט מען דיר. וואו מען זייעט זיי נישט, וואקסן זיי!

— שרייט נישט, רביצן, כ'גיי שוין ארויס. כ'זוך בלויז אן ארט וואו אוועקצולייגן א גאלדן רענדל יום־טוב־געלט.

די רביצן האט צוגענומען ס'גאלדן רענדל. דעם זעלבן אפּדערנאכט האט ער איר געגעבן נאך א רענדל. צומארגנס, ווען ער האט איר געגעבן נאך צוויי רענדלעך, האט דאס שלעכטס זיך פון איר אפּגעטאן פאר א ווייל. און נישט אזוי ס'פארביסענע פּנים, ווי די נישט־פארגינערישע אויגן האבן זיך צעשמייכלט:

— וואס ווארפסטו זיך אזוי מיט גאלדענע רענדלעך? זיי וואקסן בא דיר, צי דו ווילסט מיך אונטערקויפן?

— כ'וויל אייך אונטערקויפן, רביצן.

— דהיינו?

— כ'וויל זיין בא אייך היינט באם סדר.

— דאס, זעסטו, נישט. גענוג אז כ'האב דעם משוגענעם פון פרעשבורג צום סדר, דארף איך נאך דיך אויך?

ר' שמחה בונם האט זיך געבעטן בא דער רביצן. ס'האט נישט געהאלפן. יעדעס ווארט אירס איז געווען שלעכטס און רשעות. דערציילן עס דעם

רבין האָט ער נישט געוואָלט, נישט געוואָלט אים פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. איז ער אַוועק צו זיך אַף דער סטאַנציע. און ס'איז נישט געווען סתם קיין ערב־פסח. ס'איז געווען 1814. מען האָט שוין געוואוסט, אַז נאַפּאָלעאָן, וואָס איז „גוג־ומגוג", האָט פאַרלוירן, האָט מיאוס פאַרלוירן און משיח קומט שוין ווידער נישט. אַ טרויער ביז משוגעת איז באַפאַלן די פּוילישע יידן, וואָס האָבן מער נישט געקאָנט טראָגן דעם שווערן גלות. דער „חוזה" פון לובלין האָט נישט געקאָנט צוזען, וואָס יידן לעבן אין גרוים צער, און באַשלאָסן, אַז באַם ערשטן סדר דאַרף מען צואיילן דעם „קע", מען דאַרף צואיילן דאָס קומען פון משיחן, ווי עס שטייט: „אין חודש ניסן זיינען יידן אויסגעלייזט געוואָרן און אין ניסן וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן." צו דער שווערער עבודה האָט דער „לובלינער" צוגעצויגן אַ סך צדיקים. צווישן זיי — דעם „ייד הקדוש". האָט ר' שמחה בונם, דעם „יידס" באַליבטסטער תלמיד, געוואָלט זיין באַם סדר, געוואָלט זען ווי דאָס התלהבות וועט זיך צעקאָכן אין רבין, ווי אין אַ קאָכעדיקן קעסל. לאָזט מען אים, ווי אַף צו־להכעיס, נישט צו צום סדר.

ר' שמחה בונם איז אָבער נישט געפאַלן באַ זיך. ער האָט געהאַט גרויס בטחון. אַן אויפגערוימטער איז ער אַוועק צום רבין דאַווענען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, געדאַוונט. און אַז ער האָט געענדיקט איז אין בית־המדרש שוין קיינער נישט געווען.

ער איז אַרוים אַפן הויף, האָט געזוכט צווישן די שטערן די פולע לבנה און זי נישט געפונען. מיט שטילע טריט האָט ער זיך צוגעשאַרט צום רבינס פענצטער. ס'האָט אַף אים אַ שלאָג געטאָן מיט ברענענדיקע ליכט, מיט ווייסע זיידענע בעקעשעס, מיט קולות. ער האָט איינגערעמט ס'פּנים אין די האַנטפלאַכן און עם צוגעלייגט צו די שויבן.

דער רבי, וואָס איז געזעסן אויבנאָן און אינגאַנצן אין ווייסן, איז ווי קלענער געוואָרן, האָט נישט געקאָנט הערן, ווי ס'ווייב געוואַלדעוועט, שרייט אַף אים:

— הערסט יעקב יצחק, זאָג דיין מאַמע זי זאָל זיך איבערזעצן און טאַקע תיכף, אַז נישט וועט נישט זיין קיין הסב־בעט און ס'וועט נישט זיין קיין סדר. ווער איז דיין ווייב? איך? דאַרף איך זיצן לעבן דיר!

דעם רבינס מוטער, אַ בלייכע, איבערגעשראָקענע אַלטיטשקע, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, געטענהט, אַז זינט איר אָשר, דער פּשעדבורזשער מגיד, איז נפטר געוואָרן זיצט זי באַ די סדרים לעבן איר זון.

און אז אירע דריי אייניקלעך, אלע באוויבטע, האָבן שטאַרק זי גענומען בעטן — „לאָז די באָבעשי דאָס מאָל נאָכגעבן” — האָט די אַלטיטשקע מיט טרערן אין די אויגן זיך אויפגעשטעלט, איז געווען גרייט אָפּצוטרעטן דער שנור דעם פּלאַץ.

די חסידים האָבן זיך דערפרייט. די רביצן אָבער איז געוואָרן בלויז רשעות. זי האָט נאָך העכער געשריען:

— ווייל די שוויגער האָט מיר תיכף נישט אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ, נישט געלאָזט מיך זיצן לעבן מיין מאַן, גיב איך נישט קיין קישנס, קיין דעקן, ס'וועט נישט זיין הסב־בעט.

ס'איז מיטאמאָל געוואָרן אַן איבערקערעניש. די חסידים האָבן גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די קאַפּאָטעס, זיי געלייגט איינס אָפן אַנדערן, געמאַכט פאַרן רבין אַ הסב־בעט. די רביצן, באַלאָדן מיט קישנס און דעקן, איז מיט אַ שפּיציקן קוויטש אַרויס פון חדר. דער קוויטש האָט זיך לאַנג געטראָגן איבער אַלעמענס קעפּ, דאַכט זיך אָנגעזאָגט, אַז די נישט־גוטע זיינען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, וועלן נישט דערלאָזן משיח זאָל קומען.

ס'איז געוואָרן אַרום רבינס טיש אַ מהומה. דער פּרעשבורגער עילוי האָט גענומען זאָגן די „הגדה” אין מאַדיאַריש. אין מיטן טומל האָט זיך עמיצער צעשריגן:

— הא לחמא עניא — די קאַץ איז געפאָרן קיין שפּאַניע.

איבערן געדעקטן טיש, איבער די ברענענדיקע ליכט האָבן זיך אַ סגויל געטאָן שטיקער געלעכטער.

דער רבי, אַ געבוילגענער, איז אַפּעך פון טיש. ער האָט זיך געלאָזט צום פענצטער און געעפנט:

— אין לובלין וועט מען זאָגן: „לא איכשר דרא” — דער דור איז נישט ראוי משיח זאָל קומען. און איך זאָג דיר, שמחה בונם, ווייל מען משיח זאָל קומען, דאַרף מען פריער באַפרייען דעם מענטש פון רשעות. וואָס שטייסטו הינטערן פענצטער? קום אַריין, וועלן מיר זיך זעצן אָפּריכטן דעם סדר.

.1937

דער אַסטראָווצער

דער אַסטראָווצער רבי האָט „באַארבעט די טבע". ער האָט געפּייניקט דעם גוף, אים אויסגעהונגערט. און נישט קיין חדשים, נישט קיין יאָרן האָט ער אָפּגעריכט תעניתים. דאָס האָט בלאַ אים אָפּגעהאַלטן אַ האַלב יאָרהונדערט. אין די וואָכן פֿלעגט ער עפּעס איבערכאַפּן, אַבי צו דערהאַלטן די נשמה. און אַזוי פֿון שבת צו שבת. פֿון אַ ייִד אַ גבר, וואָס האָט יונגערהייט באַם פֿאָטער אין דער בעקעריי געקענט פֿאַרקנעטן איינער אַליין אַ געבעקס־ברויט, איז איצט קיין זכר נישט געבליבן. די פּלייצעס, די הענט, די פֿיס — אַלץ איז קלענער געוואָרן, אַלץ איז איינגעלאָפֿן. אַפֿילו ס'בערדל, וואָס איז אַמאָל געווען בלאָנד, האָט איצט אין גאַנצן קיין קאָליר נישט געהאַט. ס'בערדל איז געוואַקסן שיטער און בלויז אַרום דער גאָמבע.

דעם רבין האָט מען נישט געקענט דערוואַרעמען. פֿון קעלט איז ער גאַנצע טעג געלעגן אין בעט. אויף די אויסגעדאַרטע פֿיס — פֿוטערנע זאָקן, אויף די טרוקענע הענט — פֿוטערנע הענטשקעס. אויף דער קעלט, אויף דער אויסערלעכער, וואָס ס'לייב איז באַ אים קאַלט, האָט ער זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט. ער האָט אָבער יאָ שטאַרק געליטן, וואָס ס'איז אים קאַלט אויף דער נשמה, וואָס ער איז נישט קיין „בר־אבהן". איז דאָך דער פֿאָטער זיינער געווען אַ בעקער, איז דאָך דער זיידע זיינער געווען אַ בעקער. וואָלטן זיי כאָטש געווען „תהילים־ייִדן", איז דאָס אויך נישט. מען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיטן שפּראָץ אויף טאָג, זיך אָפּגעגאָסן די נעגל, געזאָגט אַ פּאָר ייִדישע ווערטער — צו דער אַרבעט מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל, פֿאַרזאָרגט אַ שטעטל ייִדן מיט זעמל, מיט לאַבנס ברויט, געהאָלפֿן שטאָפּן דעם „חומר", די לעבער־דיקע מאַגנס. דערפֿאַר האָט דער אַסטראָווצער רבי אָפּגעריכט תעניתים אַ האַלב יאָרהונדערט, געוואָלט אָפּגעוואוינען דעם מאָגן פֿון עסן, געוואָלט דערמיט אַרויסשלעפּן דעם זיידע, דעם טאַטע פֿון חומריות, געוואָלט זיי דער־הויבן צו אַ העכערער מדרגה. דאָס האָבן געוווּסט דעם אַסטראָווצערס מקורבים, די לייב־חסידים, וואָס זיינען נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים.

צווישן די לייב־חסידים האָט פּנחסל פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. ער איז

גראָד געווען אַ גבר אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, ברייט אין די פּלייצעס, ברייט אין געזעס. די האָר — שוואַרץ, די גרויסע אויגן, תאוה־אויגן — שוואַרץ, און ס'זיידענע בערדל — שוואַרץ ווי פּעך. די ליפּן — פלײשיקע, גלאַנציקע ליפּן — רויט, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס טועם געווען אַ געבראָטנס.

אָן פּנחסלען האָט דער רבי זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָ האָט פּנחסל געדאַוונט פאַרן עמוד, דאָ — געלייענט מיט גרויס מתיקות די תורה, דאָ — געזאָגט מיט אַ ברען אַ שטיק „זוהר". דאָס אַלץ האָט ער געטאָן פאַרן רבין. דער רבי האָט, דאַכט זיך, צו קיין זאַך זיך נישט צוגעהערט. פון טיפער עלטער, פון גרויס שוואַכקייט, איז ער געלעגן איינגעטוליעט אין קאָלדרעס און געדרעמלט. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אַ וועק געטאָן, צעעפנט די קליינע גרויע אויגן, טרויעריקע אויגן, וואָס געזעגענען זיך מיט דער וועלט, מיט פּנחסלס וועלט. פּנחס האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן רבין, אים אַנטקעגן געטראָגן די רויטע תאוה־ליפּן:

— הא?

— הערסט, פּנחסל, ווי לאַנג דער מענטש לעבט דאַרף ער באַארבעטן די טבע, דאַרף אָפּגעוויינען די „כלי" פון עסן...

פּנחסל האָט דאָס געוואוסט. ער האָט געוואוסט, אַז דער רבי האַלט אין איין אָפּגעוויינען די „כלי", האַלט אין איין „באַארבעטן די טבע". ער האָט אויך געוואוסט, אַז דער רבי דרימלט שוין ווידער.

צו זעקס און זיבעציק יאָר איז דער אַסטראָווצער איינגאַנצן געווען פאַרביי, האָט שוין גאָר קיין כח נישט געהאַט.

פּנחסל האָט געטאָן זיינס. ער איז זעלטן אויסגעקומען מיטן טאָג. דאָ האָט ער געדאַוונט, דאָ — געלערנט, דאָ — געזאָגט חסידות. און אַלץ האָט ער געטאָן מיט אַ ברען, ווי ער וואָלט איבערן קאָפּ געזעסן אין דער „עבודה", וואָלט געהאָלפן דעם רבין זיך אויסטאָן פון חומר. און אַז פּנחסל, דער קנאַפּער למדן, מיט די רויטע ליפּן, מיט די תאוה־אויגן, איז געשטאַנען איבערן אַסטראָווצער, האָט ער נישט אויסגעזען ווי דעם רבינס אַ לייב־מענטש, נאָר ווי די „סיטרא־אחרא" וואָלט חוזק געמאַכט פונעם אַסטראָווצער.

דערפאַר האָט הענעך חריף, אַליין אַ גרויסער בעל־תענית, אַ פאַסטער, איינגעלייגט וועלטן. ער האָט געזוכט עצות דער רבי זאָל אויפהערן פאַסטן, זאָל זיך אַליין נישט אומברענגען פון דער וועלט. הענעך האָט נישט ליב געהאַט פּנחסן. ער האָט אים פיינט געהאַט. וואָס פאַר אַ האַפט האָט פּנחסעס נגינה, ווען ס'קול זיינס וואָרצלט אין דער תאוה, פירט צו ירידה.

און אויב פּנחס איז דעם רבינס יצר־הרע, איז ער, הענעך — דער יצר־טוב.

און הענעך, דער יצר־טוב, האָט צוגערעדט דעם רבין ער זאָל נישט האַלטן קיין ברוגז מיט גער. אין דעם סכסוך איז גערעכט דער אַסטראָוועצער, נישט דער גערער. כאָקע דערפֿאַר דאַרף דער רבי פֿאַרבייגן זיינס, דאַרף וויזן דער וועלט, אַז דער אַסטראָוועצער קען בייקומען די גאוה, קען זי מבזה זיין. אַזוי האָט הענעך גערעדט. אין דער אמתן האָט ער געהאָפּט, אַז ווי נאָר זיי וועלן זיך באַגעגענען, וועט דער גערער פּועלן באַם אַסטראָוועצער ער זאָל אויפהערן פֿאַסטן.

פּנחסל האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט — אַזוי און אַזוי — אַזאַ נסיעה, קאָטשן, באַנען, און דער רבי איז אַ חלוש, אַ גרויסער חלוש.

דאָס מאָל האָט הענעך „חריף" אויסגעפֿירט. דער אַסטראָוועצער האָט צו זעקס און זיבעציק יאָר איינגעוויליקט צו פֿאָרן קיין גער.

וואו אַ שטאָט, וואו אַ שטעטל, גאַנץ קרוין־פּוילן האָט אַ סך דערוואַרט פֿון דער באַגעגעניש.

אַסטראָוועצער חסידים האָבן אָפּגעדונגען אַ באַזונדערן וואַגאָן, וואו דער רבי איז געלעגן אויף אַן אויסגעבעט געלעגער. אויף די פֿיס — פּוטערנע זאָקן, אויף די הענט — פּוטערנע הענטשקעס, און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונג בחורל נאָך אַ פֿאַרשלעפּטער קרענק. צוקאָפּנס איז געזעסן פּנחסל. ער האָט געשיילט אַ פּאָמעראַנץ, געלייגט די פּעניצלעך אין מויל אַריין און אונטערגעברומט אַ ניגון. צופֿוסנס דעם רבי איז געזעסן הענעך — דאַר און בייז, ווי אַ הונגעריקער וואָלף. ער האָט אויף שטום־לשון געטריבן די חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען פֿון ביידע זייטן אַריינגאַנג קאָפּ אויף קאָפּ.

אין גער האָט מען זיך געריכט אויפֿן אַסטראָוועצער. הענעכס „מענטשן" זיינען שוין געווען אין גערער הויף. זיי האָבן געבעטן דעם גערער רבי ער זאָל זיך באַמיען, ס'זאָל נעמען אַ סוף צו די תעניתים, אַנדערש איז דער אַסטראָוועצער פֿאַרביי.

דער גערער האָט צוגעזאָגט.

גאַנץ גער האָט זיך געלאָזט צו דער באַן, איז געגאַנגען מקבל־פּנים זיין דעם אַסטראָוועצער. די שענסטע גערער חסידים האָבן אַריינגעזעצט דעם אַסטראָוועצער אין אַ פּלושענעם פֿאָטעל, אים געטראָגן מיט געזאַנג אין הויף אַריין. אַטלעסענע פּאָלעס זיינען זיך צעפֿלויגן ביז די געפּלאָכטענע גאַרטלען. ס'האָט געבלאַנקט מיט טלית־קטנס, מיט ווייסע זאָקן, מיט געלאָקטע פּאות.

א חסיד, קרוע־בלוע, האָט זיך דורכגעריסן צווישן די אטלעסענע קאפאָטעס און זיך צעשריען דעם רבין אין פנים אריין:

„— — — אוי, ס'איז טאַקע נצח ישראל!"

פון הויף איז מען אנטקעגן געגאַנגען דעם אָסטראָווצער מיט זיבן־רעריקע לייכטער. די בלייכע ליכט־פלאַמעלעך האָבן זיך געשפיגלט אינעם אטלעס. אַף אפריער האָט געשפרייזט דער גערער רבי, געשפרייזט מיט גרויס פרייד, געשפרייזט צום אָסטראָווצער.

— שלום־עליכם, אָסטראָווצער רבי.

— שלום־עליכם, גערער רבי.

דער אָסטראָווצער האָט אויסגעטאָן די פוטערנע הענטשקעס און דער־לאַנגט א הענטל, ווי א קינד.ביידע האָבן זיך א ווייל אָנגעקוקט. דעם אָסטראָווצערס האַנט איז געווען קליין און קאַלט. דעם גערערס — פולע און וואַרעם. דער אָסטראָווצער האָט פון תענוג אַזש פאַרמאַכט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— ס'איז מיר, לא עליכם, קאַלט.

— מען זאָגט, — האָט דער גערער אָנגעהויבן, —אַז דער אָסטראָווצער רבי פייניקט זיך צופיל, עסט נישט... דער „שפת־אמת" האָט עס נישט געטאָן, דער „חדושי הרי"ם" האָט עס נישט געטאָן, און דער קאָצקער האָט עס אויך נישט געטאָן...

— און איך, דער אָסטראָווצער, זאָג, אַז מען קען באַארבעטן די טבע, אַז גלייכער אָפצוגעוויינען די „כלי" פון עסן...

— פקוח־נפש איז וויכטיקער ווי א תענית, ס'איז דוחה א תענית...

— אייך, גערער רבי, איז גוט, — האָט דער אָסטראָווצער אריינגע־שטעקט דעם גערער ביידע קאַלטע הענט, זיך געוואַרעמט אָן אים, ווי א געפרוירן קינד וואַרעמט זיך אָן א מוטער, — איר, גערער רבי, האָט „זכות אָבות". ס'איז דאָ א פאָדפאָרע, אָן אָנלען — דער „שפת אמת" איז א טאַטע, דער „חדושי הרי"ם" איז אַן עלטער־זיידע און דער קאָצקער אין אַן עלטער־פעטער. און אַז דער טאַטע איז א בעקער, דער זיידע א בעקער און פון אַן עלטער־זיידן ווייס איך שוין אינגאַנצן נישט, דאַרף אַזא ייד, ווי איך, באַארבעטן די טבע, דאַרף אָפגעוויינען די „כלי". הא? וואָס זאָגט איר, גערער רבי? וואָס שווייגט איר?

די לעצטע ווערטער האָט דער אָסטראָווצער ארויסגעזאָגט שוין גאָר נישט ווי קיין חלוש, אַז איר ווילט, אפילו מיט רוגזה. אפן הויף איז געווען

שטיל. דער עולם, אַ צונויפגעפּרעסטער, איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפּטער, מויל און אויערן אָפן. און ווי אַלע האָבן געוואַרט אָפן געדערם תשובה, האָט הענעך „חריף" זיך אַרויסגערוקט אין זיין קרוע־בלוע הילוך. ער האָט אַ צי געטאָן דעם לאַנגן האַלדז, פאַררייסן דעם קאָפּ און זיך גיכער צעוואָיעט, ווי צעשריען:

— אַסטראָוועצער רבי, ווי לאַנג וועט איר נאָך אַזוי מבזה זיין אַ טאַטע, אַ לייבלעכן טאַטע?

די שטילקייט אָפן הויף איז געוואָרן טיפער, שווערער, די שטילקייט וואָס הענגט צווישן איין דונער און אַ צווייטן. פון ענגשאַפט האָבן זיך די ליכט געלאָשן. דער גערער האָט אַ הויב געטאָן די באָרד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן פאַרשטעלן די אויגן. דער אַסטראָוועצער האָט זיך צעוויינט.

1937

פרייד

די אכט הונדערט שטולן, אויסגעשטעלט אין רייען, זיינען געווען באַזעצט. אַרום די ווענט — קעפּ איבער קעפּ. די דורכגענג צווישן די שטולן, די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער פּלאַטפאָרמע, — אומעטום קעפּ איבער קעפּ. פון דער פּלאַטפאָרמע, וואו שטראַל האָט געשפּרייזט הין און צוריק און גערעדט, האָט דער גרויסער, ליכטיקער זאַל אויסגעזען ליכטיקער, ווי דער עולם — שוואַרצע אויגן, שוואַרצע קעפּ — וואָלט פאַרגרעסערט ס'ליכט אין די הענגלאָמפּן, אין די קאַנדעליאַברעס.

שטראַל, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ גרוס פון יידישע ישובים איבער גאָר דער וועלט, האָט פון דער פּלאַטפאָרמע קיין איין־איינציק פּנים נישט געזען. ער איז געוואָרן איינס מיטן המון. ס'קול, דער בליק אין די אויגן, ס'הארץ — אַלץ האָט זיך באַ אים געכפּלט, אַלץ איז זיך באַ אים צעוואַקסן מיטן עולם, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשטופּט די ווענט. אַזאַ פרייד האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט איבערגעלעבט. ס'איז געווען מער און, דער עיקר, אַנדערש ווי די פרייד פון אַ גוט ליד. מיטן רעדן האָט אַלץ אין אים זיך געהויבן, זיך געריסן העכער און העכער, זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער פרייד.

דערנאָך — אַפּלאָדיסמענטן, דערנאָך — אַזויפיל וואַרעמע הענט, אַזויפיל גוטע פּנימער, אַזויפיל ליכטיקע אויגן.

רייענווייז האָט דער המון זיך געלאָזט צו די אָפענע טירן, וואָס זיינען געווען פון ביידע זייטן זאַל. דער זאַל האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אויסליידיקן. דאָ און דאָרט זיינען נאָך געבליבן רעדלעך מענטשן, האָבן געקוקט אויף שטראַלן מיט דאַנקבאַרע אויגן, אים צוגעוואָרפן ווער אַ וואָרט, ווער אַ שמייכל, ווער אַ בליק. דערנאָך איז שטראַל געזעסן מיט נאָענטע מענטשן אין אַ רעסטאָראַן, געזעסן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין.

אַרום דריי איז מען זיך צעגאַנגען. שטראַל איז געווען אויפגעלייגט. דער מאַנטל צעקנעפּלט, כאָטש פון יוניאָן סקווער האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. דער קאַפּעלוש מיט די ברייטע ראַנדן, אַ צעקנייטשטער, איז נאַכלעסיק געזעסן אויפן קאָפּ בלאָנדע האָר, ברייטער געמאַכט דאָס סלאַווישע פּנים מיט

דער קליינער פאַרריסענער נאָז. ער האָט געשפּאַצירט מיט דער פּערצנטער גאַס, וואָס איז איצט כמעט געווען לידיק און שטיל, אַזוי שטיל, אַז די איינציקע טריט זיינען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן אָפּגעהילכט, ווי אַ ווידער־קול.

בא דער פערטער עוועניו האָט שטראַל זיך אָפּגעשטעלט. פון אַ קאַפע־פענצטער האָבן אויף אים אַ גלאָץ געטאָן צענדליקער קעפּ וואָס האָבן זיך געבויגן איבער קאַלטע מירמל־שטיינערנע טישלעך. מענטשן זיינען געזעסן אין די מאַנטלען, די קעלנער אויפגעשטעלט, די קאַפּעלושן איבער די אויגן. מען האָט געגלאָצט אין די אויסגעטרונקענע טעפּלעך קאַווע, וואו אַנגע־שוואָלענע פּאַפּיראָסן־שטאָפּסלען האָבן זיך געוויייקט. און אַז אַ פאַרשוין האָט נישט אויסגעהאַלטן, האָט ער אַפּערגעוואָרפן די פיס, פאַררוסן דעם קאָפּ און פונעם אָפענעם מויל, ווי פון אַן איינגעפאַלן קבר, האָט זיך געטראָגן אַ בייז שנאָרכן.

שטראַל איז אַריין אין קאַפע. ער האָט געזוכט אַ פּלאַץ, וואו זיך צוצו־זעצן. וואו אַ קער — פּנימער אויסגעהונגערטע, פּנימער באַליידיקטע, פּנימער פאַרדעכטיקע. לעבן פענצטער, איבער אַ טישל, האָט זיך געהויבן אַ קאָפּ ברוינלעכע האָר. אַ מיידל, אין אַ מאַנטל מיט אַ פוטערנעם קאָלנער, איז געזעסן און געלייענט אַ בוך. שטראַל האָט גענומען אַ קאַווע און זיך צוגעזעצט צום מיידלס טישל. ס'מיידל האָט נישט קיין הויב געטאָן מיטן קאָפּ, ווי קיינער וואָלט זיך אַרום איר טישל נישט צוגעזעצט. ער האָט עטלעכע זופּ געטאָן און אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ יידישע צייטונג. ס'מיידל האָט ווי נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם בוך און אַ זאָג געטאָן אין ענגליש:

— און איך בין געווען זיכער, אַז איר זענט אַ קריסט.

— כ'זע דען נישט אויס ווי קיין ייד? — האָט שטראַלס ברייט פּנים מיט דער פאַרריסענער נאָז זיך צעשמייכלט.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. ער האָט זי געפרעגט:

— איר וועט אפשר טרינקען מיט מיר אַ קאַווע?

— אַ קאַווע? — איז איר פּנים געוואָרן אָפענער, צוגעלאָזענער, — אויב איר האָט נישט דאַגעגן, וואָלט איך אויף אייער חשבון גענומען אַ האַלבן „גרעיפּ־פרוט”.

— געווים, געווים, — האָט שטראַל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, דעם קאַפּעלוש, — ווילט איר אפשר נאָך עפּעס?

— ניין, אַ דאַנק.

שטראל האט איר געבראכט פון בופעט א האלבן „גרעיפ־פרוט”. און ווען ס׳מיידל האט זיך געקוויקט מיט דעם „גרעיפ־פרוט” און שטראל האט געטרונקען די קאווע, האט ער זיך דערוואוסט, אז זי איז א מאלערן, אז זי קומט פון פיטסבורג, זוכט ארבעט, וויל פארבלייבן אין ניו יארק דעם גאנצן ווינטער. זי האט דאס אלץ דערציילט מיט איין אטעם. דערנאך האט זי א הויב געטאן דעם קאפ, געקוקט מיט ברוינע, פארלוירענע אויגן אף שטראלן. איר ווייס לענגלעך פנים איז געווען דורכזיכטיק. ארום דער קליינער גע־טאקטער נאז האבן אויפגעליכטן זומער־שפרענקלעך, כאטש ס׳איז שוין געווען סוף דעצעמבער. אויגן גרינע, ווארעמע האבן געקוקט אף שטראלן, ווי זיי וואלטן עפעס דערווארט. וואס? אירע אויגן זיינען אריבער אפן וואנט־זיינער, וואו די ווייזערס האבן געוויזן פיר. זי האט זיך א שטעל געטאן, זיך אויסגעגלייכט, אויסגעזען העכער, ווי פריער. שטראל האט אנגעטאן דעם מאנטל, דעם קאפעלוש, און ביידע זיינען ארויס אף דער גאס.

א קאלטער, טרוקענער ווינט איז אנגעלאפן פון יוניאן־סקווער, מיט־געבראכט און געקייקלט שטיקער צייטונג־פאפיר.

שטראל האט זי געפרעגט:

— אויב איר האט נישט דאגעגן, וועל איך אייך צופירן אהיים.

זי האט פאר א וויל אף אים אנגעשטעלט די ווארעמע אויגן, ווי זי וואלט באגאנגען א חטא, און דערנאך זיך קינדעריש צעשמייכלט:

— כ׳האב נישט קיין היים.

— איר וואוינט דאך ערגעץ?

— אין ערגעץ נישט.

— און שלאפן?

— שלאפן? — זיינען אירע אויגן פול געווארן מיט חידוש, ווי ס׳וואלט זיך נישט געהאנדלט וועגן איר, נאר וועגן אן אנדערער, — מען זיצט איבער די נאכט אין דער קאפע. ארום אכט־ניין אינדערפרי גיי איך אריבער צו א חברטע מיינער, וואס גייט אוועק צו דער ארבעט, און כ׳ליג זיך אין איר בעט ארייז שלאפן.

— אויב אזוי, — האט שטראל זיך געקווענקלט, געזוכט פאסיקע ווער־טער, מורא געהאט ס׳מיידל זאל זיך נישט באליידיקן, און אז ער האט קיין ווערטער נישט געקאנט צוקלייבן, האט ער פשוט און פראסט א זאג געטאן, — קומט אריבער צו מיר נעכטיקן.

— וואו וואוינט איר? ווייט פון דאנען?

— אָט דאָ באַלד, אויף דער צוועלפטער גאַס.

— גוט.

פון אַ בעקעריי האָט זיך שוין געטראָגן דער ריח פון פרישׁ געבעקס, וואָס האָט אויפגעהייטערט, געוועקט און געררייצט דעם אַפּעטיט. שטראַל איז אינגאַנצן געווען צעגאַרטלט. דאָ האָט ער געקויפט שמאַנט־זעמעלעך, פּוטער־קיכלעך. לעבן אַ פּרוכט־שטעל וואָס האָט זיך געהאַלטן אין עפענען האָט ער געקויפט גרעיפּ־פרוטס, שטענגלעך וויינטרויבן. באַלאַדנטע מיט פּעקלעך, האָט מען זיי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פאַרפאַלק. זיי זיינען אַריין אין אַ צוועלף־שטאָקיקער געביידע. אַן עלעוויטער האָט זיי אַרויפגענומען אויפן צענטן שטאָק. אַ דריי מיטן שליסל, אַ קוועטש אַן עלעקטריש קנעפּל — אַ גרויס, ליכטיק צימער, וואו שטראַל האָט געוואוינט. אויף די ווענט בילדער. אַרום די ווענט — ביכער־שענק.

— זייט ווי בא זיך אין דער היים, זייט היימיש, — האָט שטראַל פון איר צוגענומען דעם מאַנטל, דעם קאַפּעלוש.

ער האָט פאַרבריט קאַווע. זי האָט צעוואַשן די שאַלן, אָפּגעוואַשן די וויינטרויבן, צעשטעלט אַלץ אויפן טיש. נישט זי האָט אים געפרעגט, ווי ער הייסט, נישט ער האָט זי געפרעגט ווי זי הייסט. מען האָט געגעסן, מען האָט געפּלאַפּלט, מען האָט זיך געקוקט אין די אויגן, לאַנג געקוקט. איבער דעם טיש, וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט, האָט זיך געשפּרייט אַ נאָענטקייט. ס'איז שוין געווען זעקס אַזייגער. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט געוויס מידלעך. איר וועט זיך לייגן שלאָפן.

אירע אויגן פול מיט חידוש האָבן געקוקט אויף אים:

— אייער בעט איז שמאָל, ס'וועט אייך נישט זיין באַקוועם. איר וועט זיך נישט אויסשלאָפן.

— פאַר מיר זאָרגט נישט, — האָט ער אַראָפּגענומען די קאָלדרע, — דאָס בעט צערוקט זיך, צענעמט זיך. אייער בעט וועל איך שטעלן באַם פענצטער, ס'זאָל אייך זיין לופטיק.

ער האָט פלינק צענומען ס'בעט אין צווייען. איר בעט האָט ער אוועק־געשטעלט לעבן אָפענעם פענצטער, אַרויסגענומען פרישׁ בעטציַיג. זי האָט אים געפרעגט:

— האָט איר אפשר פּאַדזשאַמעס?

— מיינע? — האָט ער געשמייכלט.

— לאָז זיין אייערע.

זי איז אריין מיט די פּאדזשאמעס אין באָד־צימער. אַז זי איז אַרויס, אויסגעזעען ווי אַ פאַרשטעלט יינגל, זיינען ביידע בעטן שוין געווען געבעט. ער האָט זי געפרעגט:

— מאַכן פינצטער?

— מאַכט.

ביידע בעטן האָבן זיך צעקרעכצט. ס'איז געווען אַ ווײַלע שטיל. פינצטער און שטיל. זי האָט זיך אָנגערופן:

— איר זענט טאַקע אַזאַ צדיק?

— פאַרוואָס האַלט איר, אַז כ'בין אַ צדיק?

— ווײַל איר טשעפּעט מיך נישט.

— דאָס קאָן יעדער טאָן.

— און איר?

— איך? — האָט שטראַל זיך אַ הויב געטאָן איבערן קישן און די ווערטער האָבן דורכגעריסן די פינצטערניש, — איר געדענקט די מעשה מיט דודן, ווען ער גיסט אויס ס'וואַסער אויף דער ערד, ווײַל נישט טרינקען ס'בלוט פון זיינע חברים? דערמיט פאַרוואַנדלט ער אַ נידעריקע פּרעסערישע פרייד אין אַ העכערער, אין אַ מענטשלעכערער. טראַכט עס איבער, וועט איר זען, אַז איך בין גערעכט. האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

ס'מיידל האָט זיך לאַנג געדרייט אין איר בעט, געהערט ווי שטראַל, ווערעם נאָמען זי האָט נישט געוואוסט, שלאָפט געשמאַק, צעגייט זיך אין שלאָף.

1936.

אַ שידוך

ווי די נאַכט איז צונעפאַלן, האָט מאַלי אָנגעקלונגען דעם פאָטער:

— גוט־וואָך, טאַטע, וועסט אפשר היינט אַ ביסל פריער קאָנען צו־קומען?

— איר גייט דען ערגעץ?

— מיר גייען אין טעאַטער.

— כ'וועל נאָר מאַכן הבדלה, קום איך צו.

כמעט יעדן שבת־צו־נאַכט איז לייזער געבליבן מיטן דריי־יאָריקן אייניקל און מאַלי מיטן מאַן זיינען אַוועק אָדער צו גאַסט, אָדער אין טעאַטער. לייזער, וואָס איז שוין יאָרן געווען אַן אַלמן, האָט געוואוינט באַ דער עלטסטער טאָכטער. ער האָט נישט דערלאָזט מאַלי זאָל עמיצן אַריינגעמען צום קינד, זאָל סתם פטרן אַ דאָלאַר. ער איז גערן געבליבן אַ גאַנצן אָוונט מיטן אייניקל. דאָס איז אָבער בלויז געווען אויבן־אויף. אין אמתן האָט אים געצויגן צו דער טאָכטער, וואו ער האָט געקאָנט בלייבן אין דריי צימערלעך עטלעכע שעה מיט זיך. באַ דער עלטסטער טאָכטער האָט לייזער נישט געהאַט קיין מקום־מנוחה. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט די טיר נישט גערוט. די דירה איז אויך געווען אַ געוועלב פאַר שניידער־צודאַטן. וואו אַ ליידיק ווינקל — שטיקער סחורה, שטיקער לייוונט, קעסטלעך קנעפּ. וואו אַ קער מיטן קאָפּ — טאַשמעס, בענדלעך, שנורן און שנירלעך. און די פאַרשטיקטע צימערלעך זיינען געווען פול מיט קונים, וואָס זיינען נישט מיד געוואָרן אַ גאַנצן טאָג צו באַטרעטן און אַראָפּקוועטשן אַ סענט. איז אַ חידוש, וואָס ס'האָט לייזערן געטריבן פון שטוב? איז אַ חידוש, וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען צום אמתן פּינטל, צו דער ריינער מחשבה? און אַז ער האָט זיך שוין געהאַלטן באַם דערקלייבן צום סוד פון „צמצום", האָט זיך אַריינגעריסן אַ דינגעניש איבער אַ סענט, און לייזער איז געבליבן זיצן אַן אויסגעליידיקטער, אַן אויסגעזאָדענער. דעמאָלט פלעגט ער אַרויס פון שטוב, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַ קייט. דער טראָטואַר איז אים ענג געוואָרן. ער האָט געשפּרייזט מיט דער גאַס. ער האָט מער נישט אויסגעזען,

ווי אַ זיידע. מען האָט אים העכסטנס געקאָנט געבן פּערציק יאָר, ווען אין אמתן איז ער שוין געווען קרוב צו זעכציק. אָפּן קוק — אַ פאַרשוין, אַן איינרייסער. פּלייצעס ברייטע, גלייכע. ס׳פּנים — צוגעברענט. ס׳בערדל — סמאָלע. די אויגן — פּעך. און אינגאַנצן — אומרו און הונגער. אויס־געהאַלטן האָבן אים די חסידים פון שטיבל „אנשי ספרד", וואו ער האָט צווייֿ מאָל אַ וואָך געלערנט מיט זיי „תניא", געזאָגט תורה מיט אַזאַ ברען און טיפקייט, אַז עולם האָט געגאַפט. דערצו האָט ער געהאַט תרעומות צום רבונו־של־עולם, זיך געהאַלטן אין איין אויסטענהן מיט אים, אַז ער פאַר־שטייט נישט זיינע דרכים. נו, טאַקע, ווען מענטשן ווילן זיך דערהויבן צו גאָט, לאָזן זיי זיך קאָסטן געלט, האַלטן לייזערן אויס. און דאָסזעלבע געלט וועקט אין לייזערס קינדער רשעות. ווי קומט עס?

נאָך הבדלה האָט לייזער זיך אָנגעטאָן דעם שווערן ווינטער־מאַנטל, זיך אריינגעלייגט אין קעשענע דעם „תניא" און איז אַרויס אַף דער גאַס.

ס׳איז געווען סוף יאַנואַר. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן, נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און פאַר די אויגן האָבן זיך געדרייט טרוקענע שנייעלעך. דער ווינט האָט צעפּראַלט די פּאָלעס פון לייזערס מאַנטל, זיי אָנגעצויגן, ווי זעגלען, געקלאַפּט מיט זיי איבער די פיס. ס׳האָט אים נישט געאַרט. דער טראָטואַר איז לייזערן ענג געוואָרן. ער האָט זיך געטראָגן אינמיטן גאַס, זיך דאָס מאָל געאיילט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. די גאַסן זיינען כמעט געווען ליידיק. ער האָט זיך געוואָלט פאַרלירן אין דער ליידיקייט און נישט געקאָנט. ער האָט געוואָלט אָפּמעקן די פופצן יאָר אין אַמעריקע — וואו ער האָט געפּעדלט, געמלמדעוועט און איצט זאָגט ער „תורה". שוין פינף יאָר, ווי ס׳ווייב איז אים געשטאָרבן. מען רעדט אים די גאַנצע צייט שידוכים. ס׳איז אָבער נישט דאָס. זיצט ער בײַ דער עלטסטער טאָכטער, וואו ער האָט קיין אייגן ווינקל נישט, צאָלט איר דריי דאָלאַר אַ וואָך. בײַ די איבעריקע טעכטער (ער האָט נאָך דריי) קאָן ער קיין זאַך נישט טועם זיין — ס׳איז טריף.

די קעלט האָט אים דורכגענומען, אָפּגעפרישט און דער מוח איז געוואָרן לופטיק. לייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס. אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געקליבן אין אים פאַר די פופצן יאָר, נישט קיין ווערטער, נאָר תרעומות, האָט זיך אַ ריס געטאָן אין אים אַ רוגזה צום כביכול:

— אויב אַזוי און אַזוי, וויל איך נישט, בין איך נישט מסכים!

לייזער האָט צו זיך גערעדט. ער האָט אַ הויב געטאָן די הענט, פאַר־

טיפט די רעיונות, אַז ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט נאָכגיין. די לײדיקע גאַס האָט געגאַפּט, געשלונגען די ווערטער.

א פאַרבײגײער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי לײזער טענהט מיט זיך אַליין און אים אַ פרעג געטאָן, ווי לײזער וואָלט געהאַט אַ מיש אין קאָפּ:

— מיט וועמען טענהסטו זיך אויס?

לײזער האָט געשמייכלט. ער איז צוריק אַרויף אָפן טראָטואַר און האָט גענומען גיין גיכער. ער איז איצט נישט געווען אויסגעלײדיקט, נאָר פאַר־קערט, געווען זיכער, אַז זיין לעבן האָט זיך איבערגעאַנדערשט, וועט זיך אָנהויבן פון דאָס ניי.

די טאָכטער מיטן איידעם, וואָס זיינען שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין, האָבן אָנגעכמורעטע באַגעגנט לײזערן:

— וואָס אַזוי שפּעט, טאַטע?

— יאַנקעלע שלאָפט שוין? — האָט לײזער זיך געפרעגט אָפן אייניקל און זיך נישט געמאַכט הערן, אַז מען האָט אָף אים פאַראיבל, — און איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל מיט יאַנקעלען לײענען קריאת־שמע.

— ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אָפן זיידע, — האָט די טאָכטער געזאָגט, — און איז איינגעשלאָפן.

— אַ שאָד, אַ שאָד!

און אַז לײזער איז געבליבן אַליין, האָט ער אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אויסגעטאָן דעם קאַפּעלוש און ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אינעם קאַפּל איבערן „תניא", האָט מען אַ שטילן קלונג געטאָן באַ דער טיר.

— „מן הסתם עפּעס פאַרגעסן", — איז לײזער געווען זיכער, אַז דאָס קלינגט מאַלי.

לײזער האָט געעפנט. אין דער טיר איז געשטאַנען אַ באַקאַנטע פרוי, אַ שכנה. ער האָט זי שוין נישט איין מאָל געהאַט געזען באַ מאַלין אין שטוב. דעם נאָמען אירן האָט לײזער נישט געוואוסט. ער האָט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג און געזאָגט:

— ס'איז קיינער נישטאָ.

— ווי הייסט, קיינער? איר, ר' לײזער, זענט דאָך דאָ.

— איך? — האָט לײזער זיך אַ רוק געטאָן פון דער טיר, — איר דאַרפט עפּעס צו מיר?

— יאָ, צו אייך, — איז די שכנה אַריין און לײזער האָט נאָך איר פאַר־מאַכט די טיר.

ער איז געווען זיכער, אַז די שכנה איז נעקומען פרעגן באַ אים אַ שאלה. שכנות קומען אָפט מיט שאלות, די אייגענע טאָכטער, מאַלי, פרעגט קיינמאָל נישט.

לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש, אַ שאר געטאָן פון זיך דעם „תניא" און האָט אָנגעשטעלט צו דער שכנה אַן אויער, וואָס ס'האָט געהאַט צו זאָגן:

— נו, פרעגט.

די שכנה, אַ שיינע יידענע, מיט אַ ווייסן, אויסגעקלאָרעוועטן האַלדז, מיט ליכטיקע אויגן, האָט אַוועקגעלייגט אַפן טיש צען פינגער באַלייגט מיט בריליאַנטן. זי איז אַ ווײַלע אַזוי געזעסן אָן לשון, און אַז לייזער האָט אַ פאַרחידושטער אַ הויב געטאָן אַף איר די אויגן, געוואָלט וויסן פאַרוואָס זי רעדט נישט, איז אים ליכטיקער געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך די שכנה צערעדט:

— איר וועט נישט נעמען פאַר אומגוט, ר' לייזער, וואָס כ'נעם צו אייער צייט. כ'וויל זיך מיט אייך שואל־עצה זיין.

לייזער האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז אָנגעשפּאַרט די האַנט־פלאַך, ווי אַ דעכל, איבערן רעכטן אויער, ער זאָל בעסער הערן און די שוואַרצע אויגן, ס'שוואַרצע בערדל, ס'גאַנצע פּנים איז געוואָרן אומרו און הונגער:

— נו, פרעגט.

ס'קול באַ דער שכנה איז געוואָרן ווייכער, דער האַלדז — ווייסער, די אויגן — ליכטיקער. זי האָט זיך אַ בויג געטאָן צו לייזערן:

— מ'ווערט נישט יינגער, ר' לייזער. כ'בין שוין באַלד צען יאָר אַן אַלמנה. די קינדער, דאַנקען גאָט, אויסגעגעבן. אַליין דאַרף איך צו זיי נישט אָנקומען. כ'בין, ברוך־השם, פאַרזאָרגט. אַלאַ וואָס דען, וואוינען פאַר זיך, איז עס אַ וויסט לעבן. וואוינען מיט די קינדער — קאָן איך נישט — וואָס זאָל איך באַהאַלטן פאַר אייך, ר' לייזער, ס'איז באַ זיי נישט כשר.

— די גלייכסטע זאַך, איז חתונה צו האָבן, — האָט לייזער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— כ'בין אינגאַנצן איינשטימיק מיט אייך, ר' לייזער.

ס'איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל. לייזער, וואָס האָט נאָך געהאַלטן די האַנטפלאַך ווי אַ דעכל אַרום רעכטן אויער, האָט זיך געחידושט פאַרוואָס די שכנה פאַרנעמט זיך נישט. און אַז זי האָט זיך אַלץ נישט פאַרנומען, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טיש. די שכנה האָט צו אים געשמייכלט:

— איז וואָס זאָגט איר, ר׳ לייזער? פון דעם הויז, וואָס כ׳האָב מיט מיין עלטסטער טאָכטער, צי איך ריינעם איינקונפט פופציק דאָלאר אַ וואָך.

ערשט איצט האָט לייזער זיך געכאַפּט, אַז די שכנה מיינט עס אים. ער האָט זיך באַקוועמער אַריינגעזעצט אין בענקל, אינגאַנצן פאַרמאַכט דעם „תניא”, און אַן אויפגעלייגטער אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז באַם וועג.

— וואָס הייסט באַם וועג? — האָט די שכנה זיך אַ רוק געטאָן צו לייזערן און גענומען אויסרעכענען אין וואָס פאַר אַ שמאַלץ־גרוב ער פאַלט אַריין.

נאָך די ערשטע צען ווערטער האָט זיך לייזער מער נישט צוגעהערט, וואָס זי רעדט. אַלץ אין אים האָט געפלאַמט — די אויגן, ס׳בערדל, די ליפּן — אַלץ אין אים האָט געזוכט בלויז אַ מקום־מנוחה, וואו ער וועט קאָנען קומען צום אמתן פּינטל, צו דער ריינער מחשבה.

.1936

יונגוואַרג

שוין די דריטע וואָך, ווי פּיליפּ איז געשטאַנען מיט נאָך פיר יונגען בײַ א לאַנגן פיר־עקיקן טיש. ער איז געשטאַנען מיט אַ האַמער אין איין האַנט, מיט אַן אײַזערנעם פורעם אין דער אַנדערער, און האָט אויסגעהאַקט פון פאַרעשוויע־לעדער אַלערלײ זוילן.

סעם, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער אַרבעט, האָט פון ערשטן טאָג אָן אוועקגעשטעלט פּיליפּן לעבן זיך. דער זעכצן־יאָריקער יונג איז אים געפעלן געוואָרן. פּיליפּס הויזן אַרום דער טאַליע זײַנען געווען אַזוי געפּאַסט, אַז ס׳טונקל־בלויע העמד מיטן אָפענעם קאָלנער האָט זיך בײַ דער אַרבעט קיינמאָל נישט געהויבן פונעם פּאַסעק. די אַרבל פאַרשאַרצט איבער די קליינע, אָבער שטײַפע מוסקולן און אויף די שמאָלע, געוויקסיקע פּלייצעס — אַ קלוגער קאָפּ מיט אַ שויבער ברוינע האָר. דערצו האָט דער יונג געהאַט געענדיקט הײַ־סקול און זיך געקליבן אין די אָוונטן אַנצוקומען אין אַ קאַלעדזש. דאָס אַלץ האָט בײַ סעמען אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער האָט אויך אין די אָוונטן געלערנט, איז געגאַנגען אין אַ פּאַבליק־סקול, האָט געחלומט אין אַ יאָר אַרום אַנצוקומען אין אַ הײַ־סקול, און דאָ שטייט פאַר אים אַ קאַלעדזש־סטודענט.

דאָס, וואָס סעם איז געווען אַ שטיקל „פאָרמאַן”, דאָס וואָס ער איז עלטער געווען פאַר פּיליפּן מיט זעקס יאָר — יעדע מחיצה איז ווי פון זיך אַליין פאַרשוואונדן. פון דער ערשטער וואָך אָן האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן סעמען און פּיליפּן אַ חברשאַפט. האָט מען געדאַרפט ברענגען אַרבעט, אָפּטראָגן אַרבעט — סעם האָט געשיקט פּיליפּן, געזען דער יונג זאָל ניט דאַרפן אַ גאַנצן טאָג זיך בויגן איבערן טיש און קלאַפּן מיטן האַמער. ער האָט אויך געזען, אַז פּיליפּ זאָל אויף דער צווייטער וואָך שוין קריגן אַ הוספה, ער זאָל אָנשטאָט צען דאָלער אַ וואָך, קריגן צוועלף. דערפאַר האָט פּיליפּ פון זיך אַליין גענומען לערנען סעמען ענגליש.

און נישט אַזוי דאָס לערנען האָט פּיליפּן געצויגן צו סעמען, ווי דאָס אַרויפקומען צו אים אין אַ מעבלירט צימער. סעם האָט געוואוינט אין אַ

צימער פאַר זיך, געוואוינט באַ אַ דייטשקע אַפן דריטן שטאָק. דאָס דריי־שטאָקיקע הויז איז געווען פלאַך, ווי אַ ברעט. די הילצערנע טרעפּ אינעם שמאָלן ארויפגאַנג האָבן זיך געדרייט, ווי שרויפן, געקרעכצט, ווען מען האָט געשפּרייזט איבער זיי. און אַפילו די שמאָלע טעפּיכער האָבן נישט איינגעזאַפּט דאָס סקריפּען. פון די ווענט, פון די טעפּיכער, פון דער שטילקייט, האָבן זיך שטענדיק געטראָגן טוכלע ריחות, האָבן זיך שטענדיק געטראָגן סודות.

נאָכן לערנען — און געלערנט האָט ער מיט סעמען צוויי, דריי מאָל אַ וואָך — האָט פיליפּ זיך אויסגעצויגן אַפן אייזערנעם בעטל. ער האָט ליב געהאַט צו הערן, ווי סעם רעדט. אַלץ איז באַ סעמען געווען אַזוי קלאָר, אַזוי זיכער. ער האָט זיך הויך פאַרמאָסטן. די פּעקטאָרי, וואו זיי האָבן געאַרבעט, האָט געהערט צו צוויי ברידער, צו די „זינגער בראָדערס”. מיט צוואַנציק יאָר צוריק זיינען די ביידע ברידער געווען פּונקט אַזוינע גרינע, ווי ער, סעם. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, ער וועט זיך אויסגרינען, וועט האָבן אייגענע עטלעכע טויזנט דאָלער — דעמאָלט וועט ער אַ פּרואוו, טאָן דאָס אייגענע מזל. סעם איז זיכער, אַז פיליפּ וועט זיין אַ מענטש, וועט זיך אויסטויגן, און אַז די צייט וועט קומען, וועלן זיי ביידע עפענען אַף בראָדוויי אַ פּעקטאָרי און ארויסהענגען אַ שילד — „סעם און פיליפּ”.

פון אַזוינע רייד איז פיליפּן געוואָרן וואַרעם. אַן אויפגעהייטערטער האָט ער ארויפגעקוקט צו סעמען, זיך באַצויגן מיט ביטול צו זיין הײ־סקול־בילדונג, דערוווייטערט פון זיך דעם געדאַנק אָנצוקומען אין אַ קאָלעדזש.

און נאָך וואָרעמער איז פיליפּן געוואָרן, ווען סעם האָט גענומען רעדן וועגן פרויען. כמעט יעדער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שמועס וועגן פרויען. גערעדט האָט סעם, גערעדט מיט הארץ, מיטגעריסן געוואָרן פון די אייגענע מעשיות. דער שעמעוודיקער, צוריקגעהאַלטענער פיליפּ האָט דעמאָלט אינגאַנצן געשוויגן, זיך גערויטלט און געשוויגן. נאָך יעדן שמועס איז דער חבר באַ אים אין די אויגן אויסגעוואַקסן. ער איז גרייט געווען פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ פּאָר אויערן און הערן, און הערן.

ס'איז געווען אַף דער דריטער וואָך פון זייער באַקאַנטשאַפט. ס'איז געווען שפּעט אין אָוונט. סעם האָט אָפּגעפירט פיליפּן אַהיים. און אַז זיי האָבן זיך שוין גענומען געזעגענען, האָט סעם אַ פרעג געטאָן:

— און דו, פיליפּ, שפּילסט זיך אַמאָל מיט אַ מיידל?

— ווער, איך?

סעמס פראַגע איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז פיליפּ האָט נישט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערן. ס'בלוט הינטער דער הויט האָט זיך בײַ אים געפּלעמלט. ער האָט זיך אַ ווײַל געקווענקלט — זאָל ער זאָגן יאָ, זאָל ער זאָגן ניין — און ס'איז בײַ אים אַרויסגעקומען אַ שטאַמל:

— און דו, סעם?

— פאַררעד נישט די ציין, פיליפּ! ענטפער — ביסט שוין געשלאָפן מיט אַ מיידל?

ס'האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אַ רעד טאָן וועגן מיידלעך מיט ביטול, דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל פאַר סעמען זײַן אַ נײַעס. ער האָט געזוכט אַ גראָב וואָרט, נישט געפונען און געענטפערט מיט גדלות:

— צי כ'בין געשלאָפן מיט אַ מיידל? נישט מיט איינער!

— זאָגסט ליגן, פיליפּ, — האָט אים סעם אַרומגעכאַפּט און אויפ־געהויבן, — כ'דערקען אין דײַנע רייד, אַז דו זאָגסט ליגן.

דער זעכצן־יאָריקער מאַנסביל האָט זיך געפילט געטראָפן. און וואָס מער ראיות ער האָט געבראַכט, געוואָלט אויפווייזן, אַז ער זאָגט אמת, אַלץ גרעסער איז אויסגעוואַקסן דער שקר, פאַרמסרט פיליפן. און דאָס וואָס סעם האָט אים שטאַרקער אַרומגענומען, נישט אָפּגעלאָזט, און דערבײַ זיך געבויגן פון געלעכטער, דאָס האָט אַזוי באַליידיקט פיליפן, אַז ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אים און זיך צעשריען:

— גלויבסט נישט? גלויב נישט!

— אודאי גלויב איך נישט, — האָט סעם אים ווידער אַרומגעכאַפּט און אײַנגערוימט, — שבת נאַכט וועט בײַ מיר זײַן אַ מיידל, אַ צאַצקע, זאָג איך דיר. זי נישט קיין „בתולה”, קום אַריבער. וועסט קומען?

פיליפּ האָט זיך אַרויסגעריסן פון סעמען. און אַז ער איז שוין גע־שטאַנען אינעם אַרײַנגאַנג פון פּעדערהויז, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו אים:

— כ'וועל נישט קומען!

— וועסט יאָ קומען!

ס'איז געווען פרײַטיק־צו־נאַכטס. צו מאָרגנס, שבת, האָט מען געאַרבעט אַ האַלבן טאָג. נישט סעם, נישט פיליפּ, האָבן בײַ דער אַרבעט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם מיידל, וואָס האָט געדאַרפט קומען. און אַז די חברים זײַנען זיך מיטאָג־צײַט צעגאַנגען, האָט סעם כּלאַחר־יד אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג:

— וועסט קומען?

פיליפ האָט נישט געדענקט ער זאָל אים עפּעס האָבן געענטפערט. ער האָט זיך דעם צווייטן האַלבן טאָג קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן, איז ער גאָר געוואָרן אומרואיק. עס איז געווען געווען דער מוטערס בליק און די הויט האָט זיך אַף אים גענומען געגנדזלען, ווי זי וואָלט געוואוסט וואוהין ער קלייבט זיך גיין. און אַז ער איז שוין געשטאַנען אין אָנגעטוענער אַרויסצוגיין, האָט די מוטער אים געפרעגט:

— גייסט ערגעץ?

ער האָט באַלד נישט געענטפערט, געפינטלט אַ ווייל מיט די אויגן, און געטריבן פון זיך דעם ענטפער, אַז ער גייט צו סעמען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כ'גיי אין ביבליאָטעק.

— און אַז וועסט היינט נישט גיין אין ביבליאָטעק? — האָט די מוטער מיט אירע טרויעריקע מאַמע־אויגן אַרומגעטאַפּט דעם זון, וואָס אַרבעט באַטאָג און לערנט אין אָוונט, — אַ יונגער מענטש דאַרף אַמאָל פאַרברענגען אין אָוונט אויך. וואָס, האָסט גאָרנישט קיין באַקאַנטע מיידלעך? וואָס לויפסטו, וואָס? — האָט די מוטער זיך צעלאַכט און זיך געשטעלט אין דער אָפענער טיר, נאָכגעקוקט, ווי איר געוויקסיקער פיליפ טראָגט זיך אַ פאַר־שעמטער איבער די טרעפ.

דער וועג צו סעמען, וואָס נעמט געוויינלעך צען מינוט, האָט דאָס מאָל געדויערט איבער אַ שעה. און אַז ער האָט אָנגעהויבן מיד צו ווערן, און ס'בלוט אין אים האָט זיך גענומען פון צופיל גיין, טאַמעווען, איז ער אַריין אין דעם דריי־שטאָקיקן הויז, וואו סעם האָט געוואוינט. ער האָט אָנגעקלונגען. די באַלעבאָסטע האָט אים געעפנט די טיר, אַ ווייל אָנגעקוקט, אַ בורטשע געטאָן. דער „בורטשע" איז געווען אַן ענטפער אַף פיליפס „גוטן אָוונט", אַף דעם, וואָס סעם שלעפּט צו זיך אין צימער אַריין מיידלעך. דערנאָך זיך אַ בויג געטאָן צו פיליפן און אים געפרעגט:

— איר לייענט ענגליש?

זי האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַן איינגעראַמט פּאַפּיר, עס דער־לאַנגט פיליפן און געוויזן מיטן פינגער אַפן לעצטן פּאַראַגראַף. בשעת פיליפ האָט געלייענט אַפן קול: — „ס'איז שטרענג פאַרבאָטן אַרויפצונעמען מיידלעך אין די צימערן" — האָט די דייטשקע מיטן פאַרשפּיצטן פּנים דריי מאָל אַ קוועטש געטאָן אַן עלעקטריש גלעקל. ס'האָט זיך דערהערט סעמס קול:

— וועם, מיך? אָט קום איך!

סעם האט געשפּריצט צוויי טראָפּ מיטאמאָל. ער האט געקוקט אף פיליפּן, אף דער באַלעבאָסטע און איז געבליבן שטיין אָן לשון. די באַלע־באָסטע האט אים אונטערגעטראָגן ס'רעמל מיטן לעצטן פּאַראַגראַף. סעם איז רויט געוואָרן, איז בלאַס געוואָרן, זיך צעפּינטלט:

— ס'איז נישט קיין גאסן־מיידל, ס'איז מיינס א לאַנדסמיידל. איר באַליידיקט מיך!

— אויב ס'איז א באַקאַנט מיידל, — האט די דייטשקע געצאָרנט, — איז דאָ א גאַסט־צימער!

— און איך וויל מיט איר זיצן בא מיר אין צימער!

— וועט איר זיך מוזן זוכן אַן אנדער דירה!

— גוט!

סעם האט איצט זיך נאָך שנעלער געטראָגן, געמאַכט צוויי און דריי טראָפּ מיט א שפּריץ. פיליפּ האט זיך ארויסגעשארט אף דער גאַס, זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל. באַלד האט זיך באַוויזן סעם, נאָך אים „ס'לאַנדסמיידל". סעם האט ארומגעזוכט פיליפּן, אפילו צוויי מאָל אים א רוף געטאָן: פיליפּ! פיליפּ!

פיליפּ האט געשטעלט פּיס. ער האט אָפּגעצויגן און דער מאַנצביל אין אים, א ריינער, א גאַנצער, האט זיך איבערגענומען, געלאַכט און זיך איבערגענומען.

.1937

צעאַקערטע פעלדער

אַרום האַלבע נאַכט איז יוסל אַרויס פון שייער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. ער איז אַרויס אַ באַרוויסער. דער קאָפּ צעפּאַטלט, ס'לייב ביז די הויזן נאַקעט. ער איז נישט איינגעשטאַנען אויף דער האַרטער, צו־געפרוירענער ערד, געקלאַפּט מיט די פיס, ווי ס'קלאַפּט אַ יונג, אומרואיק פערד.

די נכּפּה האָט יוסלען געגעסן, געשפּאַרט ס'בלוט אין די שלייפן, אַרויס־געריסן פון אים אָפן קול:

— האָט צוגעזאָגט קומען, ווי ס'וועט פינצטער ווערן! אַ ווינט איר אין די אויגן!

ער האָט איבערן קאָפּ אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ סוועטער, איז אַריין אין אַ פּאָר שיך, און זיך געלאָזט אין טאָל אַריין, וואו קאַשטאַן־ביימער זיינען געוואַקסן. ס'איז אָנגעלאָפן אַ קאַלט ווינטל. ס'ווינטל האָט זיך גענומען פּלאָנטערן צווישן די צווייגן און די טרוקענע בלעטער האָבן זיך צעקלימפּערט, ווי קנאָכן.

ס'גערויש האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. אַרום — אַ קילע סוף סעפּטעמבער נאַכט. און איבער דער נאַכט — דאָ אַ שטערן, דאָרט אַ שטערן צווישן שטיקער גליווער־וואָלקנס.

יוסל האָט פעסטער פאַרצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן, פאַרריסן דעם קאָפּ און פון רוגזה געשאָלטן. ער האָט געשאָלטן זיך, געשאָלטן די מויד, וואָס האָט אים פאַרסמט ס'בלוט און איצט יאָגט ער זיך נאָך איר, יאָגט זיך אין פעלד נאָך אַ ווינט.

אַלץ אין יוסלען האָט זיך אָנגעצויגן — די פיס, די פּלייצעס. די הענט צעווויגטע, ווי שטאַבעס, זיינען גרייט געווען צו שלאָגן:

— ס'וועט איר נישט זיין געשאָנקען!

יוסל וועט זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין. און אַז ס'אַרבעט באַם שכנישן פאַרמער, באַם רויטן וואָלף, אַ מויד אין קיך, וועמעס דאגה איז עס? יוסל האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן ווינטער אויף דער פאַרם און

נישט געוואוסט פון דער מוידס געביין. האָט אָבער די יונגע מכשפה נישט געקאָנט צוזען, ווי דער פיר־און־צוואַנציק יאָריקער יוסל טראָגט זיך איבער די צעאַקערטע פעלדער. אַף אַ פריער אַ פּאָר פערד, ברייטע, צעוואַקסענע, מיט גריוועס ביז איבער די בייכער. נאָך די פערד — אַן אַקעראייזן. נאָכן אַקעראייזן — יוסל, ווי נישט קיין געשפּאַן וואָלט זיך געטראָגן איבער די אויפגעריסענע פעלדער, נאָר אַ שיף. דאָס האָט די מויד, מרים, אים אַזוי אַ זאָג געטאָן בײַ דער ערשטער באַגעגעניש.

— דו אַקערסט נישט, יוסל, דו שווימסט אַן מיט אַ שיף.

יוסל האָט אָפּגעשטעלט די פערד מיטן אַקעראייזן. ער איז אַרויס פון די אויפגעריסענע קלובעס ערד און אַ דערשוויצטער, אַן אָפּגעברענטער, זיך אַ שטעל געטאָן לעבן מרימען. ביידע געוויקסיקע, ביידע אָפּגעברענטע. מען האָט זיך באַקוקט, באַשמעקט, אַריינגעאָטעמט איינער דעם צווייטנס ריח. און די אויגן — קאַרע אויגן, שוואַרצע אויגן — האָבן אויפגעלויכטן, זיך נישט געחידושט פון וואַנען איינער ווייסט דעם צווייטנס נאָמען. ס'האָט פאַרפעלט אָטעם. און יוסל האָט געליטן פאַרוואָס מרים איז נישט קיל, לויפּנ־דיק וואַסער, וואָלט ער עס איינגאַנצן אויסגעטרונקען.

דאָס איז געווען סוף אַפּריל. און אַז אין מאַי האָט זיך צעבליט דער בעז, איז מרים אים אַריין אין די ביינער. באַם אַקערן — מרים איז דאָ, באַם זייען — זי איז דאָ. און זי רעדט נישט, איז צוריקגעהאַלטן. בלויז די האָר, די שוואַרצע, בריען. די שוואַרצע אויגן — ברענען, און די ציין, ניט איבער־צוציילן — לאַכן. וואָס אַ וואָרט — יוסעלע, אוצרל, קרוינישי. און אַז יוסל גנבעט נישט קיין קוש, האָט ער נישט.

אַזוי איז אַוועק דער זומער. ס'איז שוין סוף סעפּטעמבער. און ס'בלוט באַ יוסלען איז פאַרסמט. ער האָט קיין רו נישט. זי האָט צוגעזאָגט צו קומען און איז נישט געקומען.

יוסל איז געבליבן שטיין באַ אַ פּלויט פון דרענגלעך:

— אַריבערשפּרינגען, צי נישט אַריבערשפּרינגען?

ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אַפן אויבערשטן דרענגל און איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט. מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס האָט ער זיך געלאָזט באַרג־אַרויף. אַ פלעמל האָט אַ צאַפּל געטאָן, אָפּגעלעקט פאַר אַ וויַיל ס'חושך פון אַ בוים, פון אַ שייער, און ס'איז נאָך פינצטערער געוואָרן.

יוסל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טיפן גראָז. זיינע אָנגעשפּיצטע אויערן

האָבן אויפגעכאַפּט טריט. ס'בלוט אין אים איז האַסטיק געראָנען, האָט אים געהויבן פון דער ערד:

— ס'איז מרים! ס'איז מרים!

יוסל וועט זיך נישט לאָזן גיין אין וועג אַריין, וועט זיך נישט לאָזן אַפילו פון אַ ליבלעכן ברודער, אַפילו פון אַן אייגענעם טאַטע. און אַז זי וועט גיין מיטן רויטן וואָלפס בנאַק? וועט ער אים די זייטן אונטערהאַקן.

ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי לייכט, איז געשטאַנען אַף אַלע פיר, געשטאַנען אַ בויגיקער, אַן אָנגעצויגענער, געווען גרייט אַ שפּרונג צו טאָן. די אויגן האָבן דורכגעבערענט ס'פינצטערניש.

— האַ, ווער גייט?

פון יוסלס קאַשטאַן־ביימער איז אָנגעקומען מרים. ער האָט זי דער־קענט אָן די טריט, אָן ריח. ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אַפן בויך. בלויז די קאַרע אויגן האָבן אַרויסגעפינקלט פון די הויכע גראָזן:

— פון וואַנען גייט זי?

די רוגזה אין אים האָט גענומען אָפּרינען און פונעם חשד איז געוואָרן אַ קנופּ מיט אַ שלייף. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. באַם פּלויט זיינען ביידע געבליבן שטיין אָן ווערטער, אָן אָטעם. מרים האָט זיך די ערשטע צעלאַכט:

— איך וואַרט אַרום דיין שייער און דו ליגסט נאָר באַ מיר אין די גראָזן.

— כ'האָב געוואַרט אַף דיר ביז האַלבער נאַכט, — האָט יוסל זיך גענומען פאַרענטפערן.

— ביז האַלבער נאַכט? — האָט מרים זיך געבויגן פון געלעכטער, — ווי שפּעט מיינסטו איז איצט? ס'איז נאָך איצט קיין עלף נישט.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין נישט קומען, — האָט יוסל איר אונטערגעטראָגן זיינע הענט ס'זאָל איר לייכטער זיין אַריבערצוקריכן דעם פּלויט.

דאָס, וואָס יוסל האָט געוואַרט אַף מרימען און די נכפּה האָט אים געגעסן, דאָס, וואָס מרים האָט געוואַרט אַף יוסלען און דער שלאָף האָט זי שיר נישט גענומען — דאָס וואַרטעניש און ערגעניש האָט זיי ביידן איבער־געאַנדערשט, ביידן אויסגעהונגערט. אויס בושה, אויס צוריקגעהאַלטנקייט. רייד זיינען געווען איבעריק. אַ רייפקייט, ווי פון צייטיקע, שמעקעדיקע

עפּל, איז אויפגעגאַנגען אין זיי. גערעדט האָבן פּיס, גערעדט האָבן הענט, גערעדט האָבן ליפּן.

יוסל האָט דער ערשטער זיך צוגעזעצט. מרים — לעבן אים. די קאַלטע ערד האָט געברענט אונטער זיי. די אויגן — קאַרע, שוואַרצע — האָבן גע־טריבן ס׳פינצטערניש, זיך געריסן איבערצושטייגן איין פּאָר די צווייטע אין דרייסטקייט. יוסלס הענט האָבן געפּלאָנטערט איבער מרימס ליטקעס, איבער אירע בריסטן, איבער איר האַלדז. און אַז מרים האָט די ערשטע אים אַ קוש געטאָן, אַ לאַנגן קוש געטאָן, האָט יוסל זיך דערשראָקן, איז פּאַר אַ ווייל געוואָרן אָפּהענטיק. באַלד אָבער איז די זיכערקייט צו אים צוריקגעקומען, די זיכערקייט פון אַן ערד־אַרבעטער, וואָס טראָגט זיך מיטן געשפּאַן, גראָבט זיך אַלץ טיפער מיטן אַקער־אייזן אין דער האַרטער ערד.

— מרימל, שלאָפסט?

מרים האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן, פריידיקע אויגן און גאָרנישט געענטפערט.

— ווילסט אפשר אַן עפּל? — האָט יוסל עפּעס געוואָלט טאָן פּאַר מרימען.

— פון וואַנען האָסטו עפּל?

— כ׳וועל אָנרייסן.

— מ׳דאַרף נישט, יוסעלע, ס׳איז שפּעט, קום, פיר מיך אַהיים.

יוסל איז דער ערשטער אויפגעשפּרונגען. דערנאָך האָט ער געהאָלפן מרימען אויפשטעלן זיך. זיי זיינען געגאַנגען געאָרעמט, זיך איינגעהערט ווי אונטער די פּיס ברעכן זיך צווייגלעך. מרים האָט אַ שטופּ געטאָן יוסלען מיטן עלנבויגן:

— וואָס שווייגסטו? וואָס זאָגסטו גאָרנישט?

— כ׳וויל נישט זאָלסט צוריקגיין צום רויטן וואָלף, — האָט יוסל זי אַ שטאַרקן צי געטאָן צו זיך, — וועסט זיין מיט מיר אין שייער.

— וועסט דאַרפן שטעלן אַ חופּה, — האָט מרים אים גענומען אויף אַ פאַרהער.

— אפילו מאָרגן.

ביידע האָבן זיך צעקושט, ביידע האָבן זיך געזעגנט. מען איז אָפּגע־גאַנגען עטלעכע טריט, ווידער זיך אַנטקעגנגעגאַנגען און נאָך שטאַרקער זיך צעקושט.

.1937

זאַקן

„אינדיִען פּליִס" — אַ געסל פֿון דריי הייזער, וואָס האָט זיך אַריינגע־שניטן אין בראָנקס פּאַרק, איז געלעגן אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל. די געגנט, אַ ווילדע, איז נאָך נישט געווען צעשניטן אין גאַסן. באַרג־אַרויף האָט זיך געקניפּט מיט באַרג־אַראָפּ, און וואו אַ קער —ביימער און פֿעלדזן. זעלטן ווער ס'איז אַהער פֿאַרקראָכן. דערצו איז אויף יעדער אַריינגאַנג־טיר, וואָס איז שטענדיק געווען פֿאַרשלאָסן, געהאַנגען אַ שילדל: „שנאָרערס און פּעדלערס, אַריינגאַנג פֿאַרווערט!"

לעצטנס האָט אַ פּעדלער אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָרן אַהער מיט אַ וואָגן גרינוואַרג. ס'האָט אויך אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט אַן אָפּגעברענטער יונג מיט אַ וואַליז, וואו איין העלפֿט איז געווען אָנגעפּאַקט מיט ווייבערשע זיידענע זאָקן, און די צווייטע העלפֿט — מיט שאַכטלעך פּודער, מיט פֿלעשעלעך אָדעקאָלאָן. דער יונג אין דעם געקעסטלטן, שוואַרצן רעקל, וואָס איז אויף אים קוים צוגעגאַנגען און איז שטענדיק געווען פֿאַרקנעפּלט, האָט נישט אויסגעזען ווי קיין פּעדלער. ס'פּנים פֿריש געגאָלט, די שוואַרצע האָר גלאַנציק, ווי אויסגעשמירט מיט פּאָמאַדע, און פֿונעם שטייפֿן, שוואַרצן קאַפּעלוש, אַ נידעריקער קאַפּעלוש, איז אָפּן האַלבן שטערן געווען אַ ווייסער רינג, ווי די הויט וואָלט זיך אָפּגעשיילט. ווען נישט די לעדערנע וואַליז, וואָלט מען דעם יונג אָנגענומען פֿאַר אַ געננסטער. און נישט בלויז ס'אויסזען האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, נאָר אויך דער גאַנג זיינער איז געווען פֿאַרדעכטיק. ער האָט געשטעלט טריט, ווי אַ מאַטראָז, וואָס קומט נאָך אַ לאַנגער רייזע אַראָפּ פֿון אַ שיף, קאָן זיך נישט צוגעוואוינען צו דער ערד. דערצו האָט אים די דזשעניטאָרן געהיט און נישט געקאָנט כאַפּן. שכנות האָבן זיך פֿאַר איר געקלאָגט, אַז כּמעט יעדן טאָג קלינגט אין די טירן אַ פֿאַרדעכטיקער יונג, לייגט בלומרשט פֿאַר, מען זאָל באַ אים קויפֿן זאָקן, אָדעקאָלאָן, פּודער. דאָס איז בלויז אַן אויסרייד. אין דער אמתן האָט דער יונג גנבישע אויגן, קוקט נאָך ווער ס'איז אין שטוב, ווער ס'גייט אַרויס, שפּירט נאָך יעדן איינעם. און אַז די דזשעניטאָרן, אַ געוויקסיקע אירלענדערן,

מיט טונקעלע האר און גרינע אויגן, האט אים סוף־כל־סוף געפאקט, האט זי זיך אפגעריסן אף אים:

— וואס, בלינד זענט איר?

— דאנקען גאט, וואס כ'בין נישט בלינד, — האט דער יונג זי געוואלט איינגעמען מיט גוטן און ס'קול זיינס א טיפס, א מענלעכס, האט געגלעט, האט געוואלט געפעלן.

— אויב איר זענט נישט בלינד, — האבן דער דזשעניטארנס גרינע אויגן פון רוגזה געביטן די קאלירן, — לייענט איבער, וואס ס'שטייט אפן שילדל!

זיי האבן זיך א ווייל אנגעקוקט, ווי ס'קוקן זיך אן צוויי פרעמדע חיות, וואס ווילן מיט די בליקן אויספרואוון ווער ועמען ס'וועט גובר זיין. דער יונג האט זיך א גלעט געגעבן איבערן אונטערגעגאלטן קארק, א רוק געטאן דעם שטייפן קאפעלוש און זיינע אויגן, שווארצע, טיפע אויגן, האבן איר געקוקט אין פנים אריין.

— כ'קאן נישט לייענען קיין ענגליש.

— וועל איך פאר אייך איבערלייענען!

די אויגן האבן בא אים א שמייכל געטאן, דערנאך די מויל־ווינקלען:

—כ'וועל אייך זייער דאנקבאר זיין!

ס'האט זיך איר אויסגעוויזן, אז דער יונג לאכט נאך פון איר. אירע אויגן זיינען פול געווען מיט פאספער. די נאז־לעפלעך האבן געציטערט און איבער איר פנים איז דורך א שטורעם, וואס האט זי נאך שענער געמאכט. דעם שטעקן מיט דער נאסער שמאטע, וואס זי האט געהאלטן אין דער האנט, האט זי א הויב געטאן צום שילדל און אנגעהויבן מיט גרוים רוגזה:

— אז איר קאנט נישט לייענען, וועל איך עס אייך אריינקלאפן אין קאפ אריין! דא שטייט, אז שנארערס און פעדלערס טארן אהער נישט אריינשמעקן!

דעם יונגס הארט, אפגעברענט פנים איז ווייכער געווארן. די אויגן און מויל־ווינקלען האבן מער נישט געשמייכלט, זיי האבן געלאכט:

— מיין שיינע לידי, דאס מיינט מען דאך נישט מיך, — האט ער אראפגעלאזט די וואליז, וואס האט זיך אויטאמאטיש געעפנט און די זיידענע זאקן, די שאכטלעך פודער, די פלעשעלעך אדעקאלאן, אלץ האט זיך צעשאטן איבער די טרעפלעך, וואס האבן געפירט צום פעדרעהויז.

— יאָ, דאָס מיינט מען אייך, — האָט זי געשריען אָן רוגזה, — און אויב כ׳וועל אייך נאָכאמאָל דאָ כאַפּן, — האָט זי אַ הויב געטאָן איבערן יונגס קאָפּ דעם שטעקן מיט דער נאַסער שמאַטע.

— ווי פּאַסט עס פאַר אַ לײדי, און דערצו נאָך פאַר אַזאַ שײנער לײדי, אַזוי זיך צו כעסן? — האָט דער יונג, אָן אויפגעלײגטער, אַפילו זיך נישט אײנגעבויגן אויפצוהויבן די צעשאָטענע סחורה.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר מיר צו מאַכן קאָמפּלימענטן? — האָט זי זיך אַ בויג געטאָן צו די זײדענע זאָקן. — אײער גליק, וואָס מײן מאַן איז דאָ נישטאָ, אַז נישט וואָלט מען אײך אַרויסגעטראָגן אין פּלאַכטעס!

— האָב איך דאָך מזל, — האָט דער יונג אַרײנגעשטעקט די הענט אין די געפּאַסטע רעקל־קעשענעס, אַז זײ האָבן גענומען פּלאַצן.

— מער מזל ווי שׂכל.

— און דער מאַן אײערער איז טאַקע אַזאַ שטאַרקער? — האָט ער אַ צי געטאָן דעם שטערן און דער שטײפער קאַפּעלוש, ווי אַ קעסעלע, האָט זיך געהויבן אַרויף, אַראָפּ.

— איר דאַרפט עס נויטיק ווִיסן?

— ס׳קאָן צוניצקומען.

— וואָס?

— גאָרנישט.

די דזשעניטאָרן האָט אַ הויב געטאָן פון דער ערד אַ פּאָר זײדענע זאָקן. זי האָט די זאָקן אָנגעשטעלט אַנטקעגן דער זון, געקוקט, צי זײ זײנען אַמאָל נישט צעריסן, און מיטן זעלבן קריגערישן קול זיך אַ פרעג געטאָן:

— וויפיל לײזט איר אַזאַ פּאָר זאָקן?

— נײנציק סענט. איך אָבער וועל אײך זײ אָוועקגעבן פאַר פינף־און־זיבעציק.

— פאַרוואָס וועט איר מיר פאַרקויפן ביליקער? — האָט איר פּנים זיך ווידער אָנגעכמורעט.

— ווײל איר האָט נאָר וואָס אָנגעשריען אויף מיר, ווײל איר האָט נאָר וואָס זיך אָנגעברוגזט אויף מיר.

בײַ דער דזשעניטאָרן איז דער כעס אינגאַנצן אָפּגערונען פון איר פאַר־כמורעט פּנים און שטיקלעך שמײכל, ווי שטיקלעך זון נאָך אַ רעגן, האָבן זיך צעלײגט אַרום אירע אויגן, אַרום אירע ליפּן און ווי אײנער, וואָס ווײל

זיך איבערבעטן, האָט זי פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפן יונג, זיך בלומרשט געוואָלט אַ בייזער טאָן און ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן.

— זייט נישט קיין ליגנער און זאָגט דעם אמתן פּרייז. וויפיל ווילט איר פאַר אַזאַ פּאָר זאָקן?

— פאַר אייך — פינף־און־זיבעציק סענט.

— געהערט, געהערט, — האָט זי אויפגעהויבן אַ צווייטע פּאָר. — און ביליקערע האָט איר נישט?

— כ'האָב צו ניין־און־זעכציק סענט אַ פּאָר, כ'האָב צו פופציק סענט אַ פּאָר.

— ווייזט מיר צו פופציק סענט.

— דאָ? אין קאָרידאָר? — און ער האָט געוויזן אויף דעם קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין קלייבן פון אַלע דריי הייזער. — פאַרבעט מיך אין שטוב אַריין, וועל איך באַ אייך צעלייגן מיין גאַנצע סחורה.

דער יונג האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער האָט אויף גיך אַריינ־געפּאַקט אין דער וואַליז אַריין די צעשאָטענע סחורה און זיך געלאָזט גיין נאָך דער דזשעניטאָרן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אָנגעשאָטענעם באַרג קוילן, דעם צעפלאַמטן אויוון און אין קעלער איז נאָך געוואָרן טונקעלער. ס'זיינען אויסגעוואַקסן קעץ, זיך געריבן אַרום דעם יונגס פיס, אים נאָכ־געגאַנגען אין קיך אַריין.

— דאָ איז ליכטיקער, — האָט די דזשעניטאָרן אַראָפּגענומען די פּאַפּירענע בלומען פון אַ קיילעכדיקן טיש און געוויזן, וואו ער זאָל צעלייגן די סחורה.

דער קאַפּעלוש פאַררוקט אויפן קאַרק, די אַרבל פאַרשאַרט — אַזוי האָט דער יונג, ווי אַ פּאָקוסניק, געשלעפּט פון דער וואַליז שאַכטלעך, געשלעפּט פּלעשלעך, געשלעפּט זאָקן, טונקעלע, העלע, אַנדערע גאָר העל, געשלעפּט און אויסגערופן פּרייזן. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ בויג געטאָן צו דער דזשעניטאָרנס נאַקעטע פיס, ברוינע פיס, און צוגעלייגט צו זיי אַ פּאָר זאָקן פונעם זעלבן קאָליר:

— אָט דאָס, ליידי, איז פאַר אייך! זעלטן אַ קאָליר זאָל זיין אַזוי ענלעך! דער פוס טראָגט אַ זאָק און זעט אויס ווי נאַקעט! נו, קוקט אַליין, קוקט!

דער זיידענער זאָק, די מאַנצבילשע פינגער — די דזשעניטאָרן האָט דערפילט אַ ברי איבערן גאַנצן לייב. דער ברי האָט זיך אַ הויב געטאָן אין

די שלייפן, פון די שלייפן אין מח אריין און זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. זי האָט סתם אַ פרעג געטאָן:

— דאָס קאָסט פופציק סענט?

דער יונג האָט נישט געהערט וואָס זי זאָגט. ער האָט קונציק אָן עפּן געטאָן אַ פלעשל פּערפומען, שטאַרקע פּערפומען, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און באַשפּריצט דערמיט פריער אירע האָר, דערנאָך דעם קלייד־אויסשניט אַרום האַלדז, דערנאָך אירע הענט. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער דזשענטיטאָרן, ווי אַ קאָטער אַרום אַ הייסער שיסל מילך, איר געלייגט אין די הענט אַריין די זאָקן, די פּערפומען און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— דאָס קאָסט גאָרנישט. נעמט די זאָקן, נעמט ס'פלעשל פּערפומען, כ'בעט אייך, נעמט.

— אָן געלט נעם איך נישט, — האָט זי, אַ פאַרפּלאָנטע, אים צוריק־געגעבן די זאָקן, אים צוריקגעגעבן דאָס אָפענע פלעשל פּערפומען, וואָס האָט פאַרשאַרפט די חושים.

— איר וועט יאָ נעמען! — איז ער געשטאַנען איבער איר.

— איך וועל נישט נעמען! — האָט זי זיך געבויגן איבער אים.

— יאָ נעמען!

— נישט נעמען!

— יאָ!

— נישט!

זיי זיינען געשטאַנען געאָרעמטע, האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, זיך געקוקט מיט דער פרייד פון צוויי פרעמדע חיות, וואָס באַגעגענען זיך און געפעלן זיך.

.1936

סעפּטעמבער־ווינטן

נאָכן אָוונטברויט איז דזשעק אַרויס אַף דער וועראַנדע און האָט פאַר־צויגן אַ סיגאַרעט. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אַפן טרעפּל און אַ זאָג געטאָן:

— ס'ווערט קילבלעך.

ווי ווייט ס'אויג האָט געקאָנט כאַפּן — בערג. און צווישן די בערג אין טאָל — אָנגעוואָרפענע שטיבלעך. דאָ האָט זיך אַ צינד געטאָן אַ פלעמל, דאָרט — אַ פלעמל. און צווישן די פלעמלעך, פּאַסן פינצטערניש, וואָס האָבן אַלץ דערנענטערט — די בערג, דיביימער, דעם טאָל.

די נאַכט האָט געהאַלטן אין צופאַלן. ס'איז געווען סוף סעפּטעמבער. פון דער באַנגעלאָ האָבן זיך דערטראָגן טריט. די טיר האָט זיך געעפנט און איז צוגעפאַלן מיט אַ קלאַפּ:

— דזשעק?

— אָט בין איך, עלסי.

עלסי איז געווען די ייִנגערע, פּעסל — די עלטערע. אין די שוואַרצע, זייַדענע הויזן, אין דער שוואַרצער בלוזע מיטן איבערגעלייגטן קאָלנער, האָט עלסי אויסגעזען ווי אַ יונגער מאַטראָז. זי האָט זיך לייכט אַ שאַר געטאָן צו דזשעקן, אָנגעהאַנגען אַרום זייַנע פּלייצעס אַ האַריקן סוועטער:

— ס'איז דיר נישט קאַלט, דזשעק?

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און נישט געענטפערט. ער האָט אַרויפגעצויגן אַף זיך דעם סוועטער און ביידע זייַנען אַראָפּ פונעם טרעפּל. דזשעק האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל סיגאַרעטס. ביידע האָבן פאַררויכערט און זיך געלאָזט מיט דער לאָנקע צו די ביימער.

דזשעק האָט נישט געפרעגט אַף פּעסלען, אַף דער געליבטער זייַנער, וואָס איז געבליבן אין דער באַנגעלאָ וואַשן ס'געפעס. די צוויי שוועסטער, פּעסל און עלסי, האָבן זיך אָפּגעבעטן בא טאַטע־מאַמע, געוואָלט בלייַבן נאָך אַ וואָך אין די בערג. זיי האָבן קוים אויסגעבעטן בא די עלטערן צוויי טעג. און ווי טאַטע־מאַמע מיטן קליינוואַרג זייַנען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט

אריין, איז דזשעק, אַ שטיק מאַלער, אַ שטיק אַקטיאָר, אַרויסגעקומען צו די מיידלעך. געהייסן האָט עס, אַז ער איז פאַרליבט אין פּעסלען, אין תּוך אָבער האָט ער אַליין נישט געוואוסט אין וועמען ער איז פאַרליבט.

צווישן די ביימער איז שוין געווען פינצטערע נאַכט. עלסי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— וואוהין גייען מיר?

דזשעק האָט עלסין אַרומגענומען מיט איין האַנט און זי אַ צי געטאָן צו זיך:

— עלסי.

— וואָס, דזשעק?

— קליינע מויד מיינע.

ער האָט איר אויסגעקושט די אויגן, ס'מויל, דעם האַלדז, די הענט. זי האָט זיך געלאָזט, האָט זיך געבעטן באַ אים:

— פּעסל איז איינע אַליין. קום, דזשעק, האָסט דאָך ליב פּעסלען?

— כ'האָב ליב דיך, עלסי.

— ניט אמת, האָסט ליב פּעסלען.

פון דער וועראַנדע האָט זיך געהערט פּעסלס קול, אַ דורכזיכטיקס:

— עלסי! עלסי!

— אָט בין איך, — און זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דזשעקס הענט, ווי איר גרעסטע פרייד וואָלט געווען די שוועסטער. — קום, דזשעק, פּעסל רופט אונז!

זי האָט זיך אַ יאָג געטאָן אַף אַ פריער. דזשעק איז איר נאָכגעגאַנגען. פון די הענט, פון די מויל-ווינקלען האָט אַף אים געבלאָזן מיט עלסין. פון די פיס, פון די פּלייצעס איז אין אים אויפגעגאַנגען אַזאַ גבורה, כאָטש קער איבער וועלטן. און אין דער גבורה אַ נישט-דערייסטקייט, אַ מורא, עלסי זאָל אים נישט פאַרשיטן. אָט שטייען זיי — צווי צעוויגטע צווייגלעך — נעמען זיך אַרום, סודען זיך, בויגן זיך אין דרייען פון געלעכטער, וואַקסן אויס לעבן אים. פּעסל — רעכטס, עלסי — לינקס.ביידע טוליען זיך צו אים:

— קאַלט. ס'וועט זיין אַ קאַלטע נאַכט.

עלסי איז מיט איין שפּרונג שוין אַף דער וועראַנדע. איר איז קאַלט. זי גרייט זיך אָנטאָן איר מאַנטל. דזשעק נעמט אַרום מיט איין האַנט פּעסלען, טוט זי אַ צי צו זיך:

— פּעסעלע.

— וואס, דזשעק ?
— האסט מיך ליב ?
— ניין.

ביידע טוליען זיך, ביידע גייען מיט דער לאנקע צו די ביימער, וואו די נאכט איז אזוי פינצטער, אז איינער זעט נישט דעם צווייטנס פנים. יעדע ווײַלע שטעלן זיי זיך אפ. דזשעק קושט איר אויס די אויגן, ס'מויל, דעם האלדז. פעסל צעקנעפלט אף אים דעם סוועטער, ס'וועסטל, ס'העמד. די נאכט איז מער נישט קאלט. ער לאכט פון ווינט. און פעסל ? פעסל קושט אים די פינגער, בעט זיך בא אים :

— דזשעק.
— וואס, פעסעלע ?
— עלסי זוכט אונז אודאי ארום. זי איז אליין. זאל איך זי א רוף טאן ?
— עלסי ! על־סי !
— אט בין איך !

דא האט אויפגעלויכטן א שטערן, דארט — א שטערן. די שטערן האבן נאך בולטער געמאכט די פינצטערניש. און אז ס'פארל איז ארויס פון צווישן די ביימער, ארויס אף דער לאנקע, איז די נאכט, א ליכטיקע נאכט, זיי א שפרונג געטאן אין פנים אריין. ערשט איצט האט פעסל דערפילט, אז ס'פנים פלאמט בא איר, ווי דארט וואלטן געלעגן דזשעקס אלע קושן. זי האט זיך א דריי געטאן פון זיינע הענט :

— לאז, דזשעק.
— וואס, שעמסט זיך פאר עלסין ?
— ס'גאנצע פנים פלאמט מיר. גיי, כ'האב דיך פיינט !

פעסל האט זיך א ריס געטאן פון אים, איז אנטקעגנגעלאפן דער שוועסטער מיט אזא פרייד, ווי זיי וואלטן זיך שוין חדשים נישט געהאט געזען.

דזשעק איז געבליבן שטיין פון דערווייטנס. א קעלט האט אים דורכגענומען. ער האט פארקנעפלט ס'העמד, ס'וועסטל, דעם סוועטער. ער האט פאררויכערט א סיגארעט, געזוכט עפעס אינעם אויסגעשטערנטן הימל און נישט געוואוסט נאך וועמען ער בענקט מער — צי נאך פעסלען, צי נאך עלסין. ער האט ביידן ליב געהאט.

וואו זיינען זיי ?

זיי האבן זיך געטראגן צו אים. זיי זיינען נישט געגאנגען, נאר אונטערגעשפרונגען, ווי שול־קינדער, געשפרונגען און געלאכט :

— דזשעק ?

— וואו ביסטו, דזשעק ?

— אָט בין איך !

דזשעק האָט זיך אַ שטעל געטאָן הינטער אַ בוים, איז געוואָרן איינס מיט דער שוואַרצער קאָרע. די מיידלעך — צווייגלעך חושך — זיינען אַנ־געלאָפן. אַ זוך אהער, אַ זוך אהין. ביידע האָבן זיך צעלאַכט :

— ער באַהאַלט זיך.

פּעסל האָט פאַרריסן דעם קאָפּ :

— דזשעק ?

עלסי האָט איר אונטערגעהאָלפן :

— וואו ביסטו, דזשעק ?

פון דער ליידיקער לאָנקע האָט זיך געטראָגן אַן אָפּהילך :

— דזשעק ! דזשעק !

— מיר וועלן אים כאַפּן !

— אָט איז ער !

פּעסל האָט אים אַ נעם געטאָן פאַר דער רעכטער האַנט, עלסי — פאַר דער לינקער.

איצט האָבן זיך אַלע דריי פאַר אַ ווייל געטוליעט, געלאַכט ביז טרערן און געטוליעט, ווי פון ביידע מיידלעך וואָלט געוואָרן איינע. דזשעק האָט אויסגעקושט צוויי פּאָר אויגן, צוויי מיילער, צוויי העלדזער.

און פּעסל ?

און עלסי ?

ביידע האָבן געלאַכט, ביידע האָבן זיך גערייצט מיט אים :

— אַזאַ נאַשער, אַזאַ נאַשער.

דערנאָך האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן פון אים. דזשעק נאָך זיי. אַלע דריי האָבן זיך געטראָגן ווי פייגל. ניין, בלויז דזשעק איז געווען דער פויגל. פּעסל און עלסי — דעם פויגלס צענומענע פליגל.

.1937

אַלעקס און רוט

א שטיק נאָך האַלבער נאַכט האָט אַלעקס א שאַר געטאָן פון זיך א צענדליק פריש־פאַרשריבענע זיטלעך פּאַפּיר. דאָס האָט ער געשריבן אַן אַרטיקל פאַר א סטודענטן־זשורנאַל. ער האָט צעשפּרייט די הענט, זיך א צי געטאָן איבערן שטול־ווענטל, און איז א ווייל אַזוי געבליבן זיצן אין זיינע קאַלירטע פּאַדזשאַמעס.

אין דער באַנגעלאָ, וואָס איז געשטאַנען צווישן א געמישטן וואַלד און א לויפנדיקן טייך, האָט מען געקאָנט אָנטאַפּן די שטילקייט. און ווי אַלעקס האָט קריק זיך א בויג געטאָן איבערן אָנגעוואָרפענעם טיש, געוואָלט ווייטער שרייבן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פון דער שבנישער וואַנט קלאַפּט מען צו אים מיט א פינגער.

איבער דער דינער וואַנט, צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, איז געשלאָפן רוט — אַלעקסעס אַן אָרעמע קרובה, וואָס האָט צו דריי־און־צוואַנציק יאָר געענדיקט האָנטער קאַלעדזש און איז אַרויסגעקומען זיך אָפּרוען אַף א צוויי וואָכן. אַזוי ווי רוט האָט זיך שוין געהאַט מיאוס געוועזן צו קריגן א לערער־שטעל, איז איר געבליבן איין חלום — וואָס גיכער חתונה צו האָבן. אַלעקס, וואָס איז נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט געווען, האָט זיך געקליבן א וועלט איבערצוקערן. וואָס איז ער שוין נישט געווען פאַר די זיבעצן יאָר? א ציוניסט, א סאָציאַליסט, א קאָמוניסט, אַן אַנאַרכיסט. וואָס איז דאָס אַלץ אין פאַרגלייך מיטן שטומען שטיין, מיט די שווייגנדיקע קאַטעדראַלן, מיט די גאָטישע שפּיצן, וואָס פאַרלירן זיך אין די הימלען? גאָרנישט מיט גאָר־נישט. וואו נעמט מען דעם אַלף־בית, וואָס זאָל אויפדעקן די סודות פון שטיין, פון גאָטישע געביידעס? און אַז משה, און אַז יחזקאל — רעדן וועגן א „פּלאַסטערווערק אין סאַפּירשטיין" — האָבן זיי בלויז אַנטפּלעקט צוויי, דריי אותיות. ס'זעלבע, זאָגט מען, האָט געטאָן די קבלה. וויקטאָר הוגאָ, אין זיין ראָמאַן „נאָטער־דאַם", האָט דאָס אויך נישט געטאָן. ער, אַלעקס, דאַרף זיך נאָך מער פאַרטיפן, דאַרף זיך פעסטער א נעם טאָן אין די איינענע הענט אַריין און ער וועט היינט, מאָרגן אויפדעקן די אַלע סודות,

וועט געבן דעם אלף־בית פון שטיין, און ס'מענטשלעכע לעבן וועט אויפ־ליכטן, וועט קלאָר ווערן.

דאָס אַלץ האָט זיך געמישט און געדרויכערט אין אלעקסעס קאָפּ, וואו די שוואַרצע האָר זיינען געפאַלן איבערן שטערן, איבער די ברעמען. און דאָ איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן רוט, ווען אלעקס האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון פרויען, געוואָלט זיך באַפרייען פאַר אַ ווייל פון חומר. זי איז אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. דערנאָך זיינען אָנגעפאָרן די עלטערן — דאָקטוירים מיט אַ גוטער פּראַקטיק — וואָס זיינען בלויז אַרויסגעקומען איבערנעכטיקן. ערשט אַרום עלף אין דער נאַכט, ווען דער עולם איז אַוועק שלאָפן, איז אלעקס געבליבן אַליין.

אלעקס האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דער וואַנט, אָנגעשטעלט די אויערן. מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט מיט איין פינגער. אלעקס האָט געפרעגט:

— וואָס, רוט, שלאָפסט נישט?

כ'קאָן נישט איינשלאָפן.

— אויב מיין ליכט שטערט דיר, וועל איך עס אויסדרייען.

— נישט ס'ליכט, נישט ס'ליכט, — האָט זי אַריינגעשעפּטשעט צווישן די ברעטער־שפּאַלטן. — ס'איז גיכער ס'נייע געלעגער. ס'נעמט מיר עטלעכע נעכט ביז כ'געוווין זיך צו איינצושלאָפן אויף אַ ניי געלעגער. און פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

— ס'ווילט זיך מיר נישט.

— אויב דו ווילסט, אלעקס — ס'איז אַ שיינע נאַכט, אַן אויסגעשטערנטע — וועלן מיר אַרויסגיין צום טייך.

— כ'בין שוין אין די פּאַדזשאַמעס.

— איז וואָס? — איז איר קול געוואָרן נאָך שטילער און קלאָרער. — זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו גייסט צו אַ „פּאַדזשאַמע־פּאַרטי".

ס'איז געוואָרן פינצטער.

פריער איז אַרויס אלעקס. דערנאָך — רוט. ביידע אין פּאַדזשאַמעס, ביידע — באָרוועס. דער טראָט אַ נישט־זיכערער, ווי זיי וואָלטן געשפּרייזט איבער צעבראָכן גלאָז. אלעקס האָט זיך געכאַפּט, אַז רוט האָט אים אָפּ־גענאַרט — די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין גראָז האַרט לעבן טייך, מיט די בייכער אַראָפּ, און געקוקט ווי פינצטערע שטיקער וואַסער הויבן זיך, שווימען אָפּ. ס'גראָז איז געווען פייכט.

רוט האט זיך א רוק געטאן צו אלעקסן, ארומגענומען מיט א האנט זיינע פלייצעס און אינגאנצן אויפגעציטערט:

— דא איז קיל.

— ארויסברענגען א קאלדרע? — האט אלעקס געפרעגט.

רוט האט נישט געענטפערט. אלעקס האט ארויסגעבראכט א קאלדרע, זי צעשפרייט אפן גראז.ביידע האבן זיך אוועקגעלייגט, ווי פריער, געקוקט אין טייך אריין, וואס האט געררוישט.

אלעקס, וואס האט געוואלט זיין ווייט פון פרויען, האט אפגעמאכט מער מיטן שכל, ווי מיט די חושים, אז מען דארף זיי נישט ליב האבן, ווייל סטרינדבערג האט זיי פיינט געהאט, ווייל וויינינגער האט זיי פיינט געהאט. בא אלעקסן האט זיך אין מח געררויכערט. ער האט געהאלטן אין איין איבערוואַרפן שרייבער, ביכער, געזוכט מיט וואס ווי צו טאן רוטן. זי האט עס אויפגעכאפט — מיטן לייב, מיט די חושים. און אין דעם רוק, וואס זי האט זיך געטאן פון אלעקסן, איז געווען א מלחמה־רוף — קום, מאנצביל, און פארמעסט זיך מיט מיר. זי קען זיי, די אלעקסעס, די צע־שרויפטע יינגלעך, וואס ווילן א וועלט איבערקערן. זי האט זיי באגעגנט אין לעצטן יאר „האי־סקול”, אין קאלעדזש, אין דער סטודענטן־ליג. רוט איז זיי קיינמאל נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. וואס שווייגט ער, אלעקס?

— זעסט הינטערן וואלד די בארג־שפיצן? — האט אלעקס געוויזן מיט דער האנט. — דאס הייבט זיך די לבנה צווישן די בערג.

— די לבנה וועט נאך ארויס איבערן טייך, — האט רוט אן אויפגע־הייטערטע זיך א שאר געטאן צו אלעקסן. — ס'וואלט גוט געווען ווען מיר צעלייגן איצט א פייער.

— בלויז א פייער? — האט אלעקס געפרעגט.

— און א שיפל.

— און וואס נאך?

רוט האט נישט געענטפערט. זי האט זיך אויסגעדרייט צו אלעקסן מיט די פלייצעס. אלעקס האט זיך געוואלט פארענטפערן און א זאג געטאן:

— אז דו ביסט קאפריזנע, ווי א טראגעדיק ווייבל.

— פון וואנען ווייסטו, אז נישט? — איז רוט אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער.

ביידע האבן געשוויגן. ביידע — פלייצע צו פלייצע — האבן געקוקט,

ווי די לבנה הייבט זיך צווישן די בערג, דערנענטערט זיך צום וואַלד.

אַלעקס האָט געזשמורעט מיט די אויגן, אַריינגעזאַפּט אין זיך לבנה־ליכט. זאָל ער דערציילן רוטן, אַז דער אמת ליגט נישט אין סאָציאָלאָגיע, אין ביאָלאָגיע, אינעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם? זאָל ער דערציילן, אַז דער אמת ליגט גאָר אין דעם אַלף־בית פון שטיין, אין די סימבאָלן, וואָס מען דאַרף אַנטפּלעקן? זאָל ער איר דערציילן, אַז ער וועט אין סעפּטעמבער אַריבערגיין אויף אַרכיטעקטור? און צווישן די אַלע פּראַגעס האָט זיך גע־דרייט רוטס ענטפער: „און פון וואַנען ווייסטו, אַז כ'בין נישט טראַגעדיק?"
אַלעקס האָט אַ צי געטאָן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי ער וואָלט פאַר אימעצן מורא געהאַט און זיך אַ פרעג געטאָן:

— העי, רוט, ביסט שוין געשלאָפן מיט אַ מאַן?

— האַ־האָ! — האָט רוט זיך צעלאַכט.

— וואָס מיינסטו, רוט?

— אודאי בין איך געשלאָפן, — זיינען די ווערטער אַרויסגעקומען וואוילעריש, — און נישט מיט איינעם.

— נישט מיט איינעם? — האָט אַלעקס איבערגעפרעגט.

— און דו, אַלעקס? — האָט רוט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו אַלעקסעס פּלייצעס.

— איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין נאַקעטע פרוי, — האָט אַלעקס געזאָגט מיט רחמנות צו זיך אַליין.

רוט האָט אים אַ קוש געטאָן אין מויל אַריין:

— מיין אָרעם יינגל.

אַלעקס האָט זיך געווישט און געריבן מיט די הענט די ליפּן, זיך געבעטן:

— ניטע, רוט, מען דאַרף נישט, כ'האָב עס נישט ליב.

— האָסט זיך נישט ליב צו קושן? — האָט זי אַריבערגעבויגן איר פּנים צו זיינם. — ווילסט מיר זאָגן, אַז דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געקושט קיין מיידל?

— קיינמאָל, רוט.

— האָסט טאַקע נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין נאַקעט מיידל?

— קיינמאָל, רוט.

— און מיט מיר ווילסטו זיך קושן? — האָבן רוטס גרויסע אויגן זיך צעפינקלט ווי בײַ אַ חיה.

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ווייל כ׳האָב דיך פיינט, כ׳האָב אייך אַלע פיינט.

ער האָט געזען, מיט אַ שטיקל אויג, ווי רוט הייבט זיך אויף, גייט אין דער באָנגעלאָ אַריין. געזען, ווי די לבנה האָט זיך אַרויסגעקייקלט איבערן טייך. אַלעקס האָט זיך איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, איז געלעגן אַזוי אַ לאַנגע צייט. דערנאָך, אַז ער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט געהאַלטן באַם איינשלאָפן, האָט ער געהערט, ווי רוט קלאַפּט מיט אַ פינגער אין וואַנט:

— אַלעקס, שלאָפסט?

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער, זיך איינגעהערט. ס׳איז געווען שטיל. ס׳האָט זיך אפילו נישט געהערט, אַז איבער דער וואַנט שלאָפט עמיצער.

1935.

באַגינען

ס'איז געווען אָנהויב סעפּטעמבער.

אַרום פינף פּאַרטאָג האָט זיך הערשל אַריינגעדרייט מיט זיין קליינעם לאַסט־אויטאָמאָביל אינעם שמאָלן, זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל דעם האַדסאָן און האָט געפירט קיין ניובורג.

אינעם פינצטערן טייך, וואו ס'האָט געבלאָזן אַ פייכטע קעלט און שטערן האָבן זיך געהאַלטן אין לעשן, האָט זיך אַ צונד געטאָן אַ סיגאַרעט־פּלעמל. הערשל האָט דערהערט דאָס אָפּגעהאַקטע פּליעסקען פון וויאָסלעס. און אַז ער האָט זיך איינגעקוקט, האָבן זיך פון דער פינצטערניש אַרויסגעשיילט הענט, אַקסלען. אַ שיפל האָט זיך דערווייטערט פון ברעג.

הערשל האָט אויסגעמיטן ניובורג און זיך פאַרנומען לינקס. ער איז געפאָרן איינהאַנדלען גרינס פאַר דעם „באָרדינג־הויז”, וואו ער האָט געאַרבעט. צוויי, דריי מאָל אַ וואָך האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אין „מאַרקעט” אַריין, וואו ער האָט באַ פאַרמערס איינגעהאַנדלט מציאות. ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט, ליב געהאַט די געגנט, איז געווען זיכער, אַז נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר און ער וועט עפענען אַן אייגן „באָרדינג־הויז”.

פונדערווייטנס האָבן זיך שויז געזען די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס זיינען געהאַנגען אַף סלופּעס. די לאָמפּן האָבן געטריבן ס'פינצטערניש און באַלויכטן דעם „מאַרקעט”, וואָס איז פול געווען מיט וועגענער, מיט צעפּאָרענע אויטאָמאָבילן, מיט קוישן גרינס, מיט פאַרמערס.

דער צוואַנציק־יאָריקער הערשל איז אַראָפּ פונעם לאַסט־אויטאָמאָביל. דאָס לעדערנע רעקל צעקנעפּלט, דער שויבער האָר, קאַשטענעוואַטע, צעפּאַטלט. די קילע לופט האָט געשמעקט מיט פלאַנצן, מיט פריש גרינוואַרג, מיט אויבס. דאָס האָט הערשלען אויפגעהייטערט, אים אַריבערגעטראָגן אינעם קליינעם פּוילישן שטעטל, וואו זיינע עלטערן האָבן געהאַלטן גערטנער אין אַרענדע. הערשל האָט זיך געדרייט צווישן די וועגענער. דאָ האָט ער אַ הויב געטאָן באַ אַ פערד דעם עק, דאָ האָט ער אַ פּאַטש געטאָן אַ פערד צווישן די לאָפּעטקעס. די וואַכע נאָזפליגל האָבן אויפגעכאַפּט ריחות, דערנענטערט

ווייטע פעלדער, נאָך ווייטערע לענדער, און דער מוח, א יונגער, א לופטיקער, האָט געאַרבעט, האָט זיך געישובט. פון די עטלעכע און דרייסיק פאַרמער, וואָס זיינען געקומען מיט סחורה, האָבן קרויט געבראַכט בלויז צוויי. קרויט וועט היינט זיין מיט גאָלד גלייך, דאַרף מען קרויט נישט קויפן. דערפאַר האָבן אַלע געבראַכט עפּל, האָבן אַלע געבראַכט מייערן, וועט זיין א זול — דאַרף מען עפּל און מייערן קויפן.

הערשל האָט זיך געדרייט צווישן די קוישן טאָמאַטן, רויטע, בלוטיקע, צווישן די קיישן שפּינאַט, פּייכטן, גרינעם שפּינאַט, און געטראַכט, אז דער קויף און פאַרקויף איז א קאָרטן־שפּיל. ער האָט באַטאַפּט די בינטלעך גילדענע מייער־ן, די בינטלעך בוראַקעס. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די בערג אוגערקעס. איבערגעוואַקסענע סעפּטעמבער־אוגערקעס, מיט געלבלעכע פלעקן. ער האָט געשמעקט די קאַווענעס, די אַרבוזן, די דיניעס, די באַניעס, זיך געשפּילט מיט זיי ווי מיט פּילקעס. פון צווישן גרינע אַרבעס־שויטן האָבן זיך געזילבערט צעוואַקסענע סעלערים, קאַלעפיאָרן, געשלייערט אין גרין, באַוואַקסענע קוקורוזע. קוישן עפּל, בלייכע, מיט פלאַמען, האָבן פאַרשמעקט די לופט.

הערשל האָט געקויפט מציאות, געקויפט בחצי־חינם קוישן עפּל, קוישן טאָמאַטן, בינטלעך מייערן. און אז ער האָט שוין געוואָלט אהיימפאָרן, האָט אים א פאַרמער צוגעטראָגן א צענדליק ברוינע פּאָדליזשאַנעס, אזוי ברוין ווי זיי וואָלטן געווען צוגעברוינט. דער פאַרמער האָט זיי אוועקגעגעבן פאַר א שיבוש און זיך דערביי געקלאָגט:

— כ׳בין געווען זיכער, אז איך וועל זיין דער איינציקער מיט פּאָדלי־זשאַנעס, האָבן כמעט אַלע פּאָדליזשאַנעס. ווען איך ברענג היינט א גאַנצן וואָגן קרויט, וואָלט איך אים פאַרציקערט.

— רעבן מיר ביליק, — האָט הערשל זיך אָנגערופן, — וועל איך בא דיר צונעמען א פופציק פונט קרויט.

— וואָס הייסט ביליק?

— צוויי סענט א פונט.

— דריי.

— ניין, צוויי.

הערשל האָט דעם פאַרמער דערלאַנגט א שטיקל פּאַפּיר מיט א בליי־פעדער. דער פאַרמער האָט געשריבן דעם וויב, זי זאָל הערשלען אָפּוועגן פופציק פונט קרויט. דער פאַרמער האָט א הויב געטאָן דעם דאָלער קעגן

לאָמפּ, זיך איינגעקוקט צי ס'איז אַ גוטער און איז געבליבן שטיין מיט אים, ביז הערשל איז אַוועקגעפאָרן מיטן לאַסט־אויטאָמאָביל.

אין מזרח האָט שוין געגרויט דער באַגינען. און אַז דער אויטאָמאָביל האָט זיך גענומען טראָגן מיטן שמאָלן, זאַמדיקן וועג, וואָס איז געלאָפן פּאַראַלעל מיטן האָדסאָן, איז ליכטיקער געוואָרן. הערשל האָט מיט איין האַנט נעקערעוועט דאָס אויטאָמאָביל־ראָד און מיט דער אַנדערער האָט ער זיך אַ צי געטאָן צום קויש. ער האָט אַרויסגענומען אַן עפּל, זיך אַזוי איינגעביסן אין אים, אַז די ליפּן זיינען איבערגעלאָפן מיט זאַפט. דער אויטאָמאָביל האָט זיך פאַרנומען רעכטס, זיך דערוויייטערט פון האָדסאָן. פון דער מזרח־גרויקייט האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ פייל, אַ דינע, אַ פייערדיקע. טראָפּנס טוי האָבן אויפגעלויכטן. פונעם טאָל איז אַנטקעגנגעלאָפן אַ הונט מיט אַ בילעריי, אַנגעזאָגט, אַז דאָ הויבט זיך אָן טאָטלס פאַרם.

הערשל איז פאַרפאָרן פאַרן הויז. קיינער איז נישט אַרויסגעקומען. בלויז דער הונט האָט נישט אויפגעהערט צו בילן. הערשל איז אַריין אין הויף. לעבן קו־שטאַל, וואו פוןביידע זייטן אַריינגאַנג זיינען געלעגן בערגלעך מיסט, איז געזעסן מיסעס טאָטל אויף די „קיטשקעס" און געמאָלקן אַ קו. די קו האָט עטוואָס צעשפּרייט די הינטערשטע פיס און זיך איינגעהערט ווי די מילך סווישטשעט אינעם בלעכענעם עמער. אין דער קום טעמפּער מאָרדע איז געלעגן מענטשישע מגושמדיקייט.

מיסעס טאָטל, נאָך גאָר אַ יונגע, ווי זי וואָלט געוועזן דעם פאַרמערס אַ טאָכטער, נישט קיין ווייב, האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פונעם בלעכענעם עמער און זיך געפרעגט:

— איר האָט עפּעס געוואָלט?

הערשל האָט איר צוגעטראָגן דאָס שטיקל פּאַפּיר צו די אויגן. די פינגער האָבן געמאָלקן, די אויגן האָבן געלייענט און ס'מויל האָט זיך אַ שמייכל געטאָן:

—און דעם דאָלער האָט ער צוגענומען, יאָ?

— אוודאי האָט ער צוגענומען.

זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון די „קיטשקעס", אַז פיס־ביינער האָבן געקנאַקט פון צופיל זיצן. זי האָט אַ נעם־געטאָן דעם עמער מילך און זיך געלאָזט צום הויז. הערשל איז איר נאָכגעגאַנגען, געפילט אין איר גאַנג רוגזה און ביטערניש. און וואָס אמת, איז אויפגעגאַנגען אין איר אַ פאַרדרוס. זי איז יונג און לעבט מיט דער קו, מיטן חזיר, מיטן פעלד. און אַז זי קריגט

שוין אַרוים נאָך דער שווייסיקער אַרבעט דאָס ביסל גרינס, קומט טאָטל און פאַרקויפט עס, נעמט זיך די פּאָר סענט. דער פאַרדרוס האָט אין איר גע־רויכערט, איז געלעגן מטושטש, ווי די שטיקער פּאַרע, וואָס זיינען געקראָכן איבער די פעלדער.

— ווען איך וויים, — האָט הערשל זי געוואָלט איינגעמען, — וואָלט איך אים נישט באַצאָלט, נאָר אייך. גיי וויים, אַז מאַן און ווייב פירן באַזונדערע חשבונות.

— אַז דער מאַן איז צוואַנציק יאָר עלטער פאַרן ווייב, — האָבן אירע אויגן, גרינלעכע אויגן, אַ שמייכל געטאָן, — מוזן די חשבונות זיין אַנדערע.

— וואָס, איר זענט מיט צוואַנציק יאָר יינגער פאַרן מאַן ? — האָט הערשל געמאַכט אַזאַ פּנים ווי ער וואָלט דערזען אַ קעלבל מיט צוויי קעפּ.

— כ'זע דען נישט אוים יינגער ? — האָט זי נישט געוואַרט אַף קיין ענטפער, איז אַריין מיט דער מילך אין שטוב און איז באַלד קריק אַרוים.

אַפן וועג צום שייער, וואו דאָס קרויט איז געלעגן, האָט מיסעס טאָטל דערציילט הערשלען, אַז זי איז אַ שטאָטיש מיידל. אין שטאָט איז זי גע־גאַנגען מיט יונגעלייט אין די „מואַווים", אין טעאַטער, אַף בעלער. זי האָט נישט געוואָלט דעם שידוך, האָבן זיך אַלע אָנגעזעצט אַף איר — טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, באַקאַנטע — געטענהט, אַז זי פאַלט אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב. שוין אַ יאָר ווי מען שפּאָרט פונעם „שמאַלץ־גרוב" פּופּצן דאָלער אַף אַ ראַדיאָ און מען קאָן נישט אָפּשפּאָרן. און זי אַליין לעבט מיט דער קו, מיטן חזיר, מיטן פעלד, האָט שוין באַלד פאַרגעסן אַ וואָרט אויסצורעדן. און אַז זי פירט הינטער דעם מאַנס פּלייצעס חשבונות, ווער וועט זי באַשולדיקן ? גאָט אַליין וועט זי אויך ניט באַשולדיקן !

— ווי לאַנג איז שוין נאָך דער חתונה ? — האָט הערשל אָפּגעקליבן שטייפע הייפּטלעך קרויט.

— איבער פינף יאָר.

— און קינדער האָט איר נישט ?

— קינדער פעלן מיר נאָך ! — האָט זי געוואויגן דאָס קרויט צו צוואַנציק פונט, צו פינף־און־צוואַנציק פונט. — זומער ווי זומער, מען שטופּט זיך ווי ס'איז דורך, ווינטער אָבער מאַטערט מען זיך.

הערשל האָט געפּאַקט דאָס קרויט אין זעק. ער האָט פון דער זייט באַ־טראַכט מיסעס טאָטל, וואָס האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ שטאָטיש מיידל

און זיך דערמאָנט, אַז אין שכנות מיט טאָטלען וואוינט דער פּאַרמער סמיט.
ער האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

— און מיט סמיטס זון, מיט דזשאַנען, חברט איר זיך?

— מיט דזשאַנען? — האָט זיך מיסעס טאָטל צעלאַכט, — ער רעדט דאָך נישט מיט קיין פרויען. ער הויבט זיך אויף מיט דער ביבל און לייגט זיך שלאָפן מיט דער ביבל. דזשאַן איז שוין אַלט אַ יאָר פיר־און־צוואַנציק און ער האָט נאָך אַפ זיין לעבן קיין „מואווי" נישט געזען. ער נעמט זיך איבער דערמיט, דער זעקס־פוסיקער יעזוס.

— און ווען איך, מיסעס טאָטל, וואָלט אייך פאַרבעטן אין אַ „מואווי",
— האָט הערשל זיך אַ פּרואוו געטאָן.

— אַפילו איצט, — האָט מיסעס טאָטל זיך צעלאַכט.

— איצט נישט, — האָט הערשל מיטגעלאַכט, — היינט אין אָוונט וואָלט איך מיט אייך צוגעפאָרן קיין ניובוירג.

— גוט.

— ארום אכט.

— גוט.

— וועל איך וואַרטן אַפ אייך מיטן „טראָקל" לעבן צווינטער?

— גוט.

— אַלץ בא אייך איז גוט, גוט, גוט, — האָט הערשל זי אַ צי געטאָן צו זיך. — וואָס מיינט איר: גוט, גוט, גוט?

ביידע האָבן זיך צעקושט. הערשל האָט זי אַ שטאַרקערן צי געטאָן צו זיך, זי אַ הויב געטאָן ווי אַ זאַק קרויט. זי האָט זיך ארויסגעריסן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען מיט צוויי זעק קרויט, און אַז ער איז שוין געזעסן אינעם צעסאַפּעטן אויטאָמאָביל, האָט ער איר אָנגעזאָגט:

— פונקט אכט לעבן צווינטער!

— גוט!

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ. די זון האָט זיך גע־הויבן פון טאָל־ארויס, געצונדן טראָפּנס טוי אין די הויכע נאַסע גראָזן. דער באַגינען, אַ פרישער, אַ ליכטיקער, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער באַרג־און־טאָל, איז אויך געלעגן אין הערשלען.

.1937

אונטערוועגנס

ס'איז געווען סוף דעצעמבער. דער טיפער שניי, א ווייס־בלויער, איז געווען הארט און איינגעטראָטן. דער פראָסט, א שטילער, האָט געביסן. דער שניי האָט געסקריפּעט. א „דראָנגאָווער" שליטן, אָנגעלאָדן מיט פעסער נאַפט, מיט פעסער הערינג, מיט פעסער בוימל, אָנגעלאָדן מיט קאסטנס וויין, מיט קוישן וואורשט — געשפּאַנט אין דריי פערד — האָט זיך שוין דעם צווייטן מעת־לעת געשלעפּט פון ווארשע קיין מלאווע.

אָנגעטריבן האָט דער פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער אברהם, א בלאָנדער בעל־עגלה, פון מיטעלן וואוקס, מיט גבורה אין די ברייטע פּלייצעס, אין די הענט, אין די פיס. אברהם איז געווען דער איינציקער בעל־עגלה, וואָס האָט זיך געלאָזט אַף אזא ווייטער נסיעה, איינער אליין אין וועג אריין. יעדן שבת נאָך הבדלה האָט ער איינגעשפּאַנט די פערד, איז פאַרפאָרן צו די מעל־שפּייכלערס און מיט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מעל זיך געלאָזט אין וועג אריין. דריטהאַלבן מעת־לעת האָט אים גענומען די נסיעה קיין ווארשע. אין ווארשע האָט ער זיך אָפּגעזוימט א טאָג. ווי ער האָט אָפּגעלייגט ס'מעל האָט ער גענומען איינקויפן פאַר מלאווער סוחרים פעסער נאַפט, פעסער הערינג, זעק צוקער, וואַלצן פאַר מילן. דאָס אהיימפאָרן האָט אויך געדויערט דריטהאַלבן מעת־לעת. אָנגעקומען קיין מלאווע איז ער שטענדיק פּריטיק מיטן שפּראָץ אַף טאָג. אזוי האָט ער אָפּגעאַרבעט א גאַנצן זומער, א גאַנצן יעשען. ער האָט זיך געשלעפּט איינער אליין פון מלאווע קיין ווארשע, פון ווארשע קיין מלאווע, זיך געשלעפּט איבער די ליידיקע וועגן באַטאָג, באַנאַכט, געהאַט זיינע דריי, פיר דאָרפישע קרעטשמעס, וואו ער פלעגט פּאַשען די פערד, כאַפּן א דרימל, ער זאָל ווייטער זיך קענען שלעפּן. אברהם בעל־עגלה, וואָס איז געקראָכן דעם נישט־גוטן אין די אויגן, האָט נישט געוואוסט, וואָס איז אזוינס פּחד.

ס'איז געווען דאָנערשטיק נאָך האַלבער נאַכט. אברהם האָט פאַר־קירעוועט, זיך פאַרנומען צו די שטשעגאָווער וועלדער. דער פראָסט איז מער נישט געווען שטיל. א ווינט האָט זיך ערגעץ אָפּגעריסן, געקערט דעם

שניי אף די פעלדער, אים געשפרייט מיט א פייף. די שנייעלעך האָבן גע־שטאָכן די פערד, געשטאָכן אברהמען ס'פּנים, איבערגעלאָזט אין די אויגן גרינע רייפן. און אין הימל צווישן די וואָלקנס איז געשפּרונגען דאָ א גאַנצע לבנה, דאָ א האַלבע. די פערד האָבן גענומען גיין פּאַמעלעכער. דער שליטן־משא האָט זיך העכער צעסקריפּעט.

ס'האָט גענומען שנייען. א טרוקענער, שטעכיקער שניי האָט געפּאַטשט אין פּנים אריין, צוגענומען די ראיה. אויס פעלדער, אויס וואַלד. א נעפּל האָט פארשטעלט דעם וועג. די פערד, איבערגעשראָקענע, האָבן אויפגעשטעלט די אויערן, ברייטער צעעפענט די פּאַריקע נאָזלעכער, געוואָרפן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אראָפּדרייען פון וועג. אברהם האָט זיך א שטעל געטאָן אין דער קעלניע, פעסטער א צי געטאָן די לייצעס און זיך צעשריען:

— גענאַנגען, נבלות!

די פערד האָבן זיך א ריס געטאָן, ווי דער שליטן וואָלט געווען ליידיק, אָן משא. אברהם האָט באַטאַפּט מיט א האַנט די פעסטער נאַפּט, די פעסטער הערינג. די אויגן זיינען אים געקראָכן פון קאָפּ און ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן, וואו איז וואַלד און וואו לאַנקע. וואו א קער מיטן קאָפּ, וואו א דריי מיט די אויגן — שטעכיקע שנייעלעך, גרינלעכע רייפן.

די פערד האָבן געהויבן די עקן, זיך געשמיסן איבער די ביאַדרעס, זיך צעהירזשעט, אז ס'איז געוואָרן אומהיימלעך. ערגעץ האָבן זיך צעקלונגען גלעקלעך. אברהם איז געווען זיכער, אז א געשפּאַן טראָגט זיך אים אנט־קעגן. אין אזא חושך קען איינער ארויפפאָרן אפן צווייטן. ער האָט א טרייסל געטאָן דעם בלעכענעם שטורקאַץ, וואָס איז געהאַנגען איבער דער קעלניע. ער האָט געוואָלט וויסן צי כ'איז דאָרט דאָ נאַפּט. די קאַנאַפּליעס, וואָס האָבן געשטעקט אין דעם שטורקאַץ, האָבן זיך צעפלאַקערט, געדיכטער געמאַכט ס'פינצטערניש ארום. דאָס גלעקל־געקלימפּער האָט אויפגעהערט. אברהם האָט זיך איינגעהערט, זיך לאַנג איינגעהערט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער בלאָנדזשעט. אויב ער פאָרט מיט די שטשעגאָווער וועלדער, וואָס ציען זיך גאַנצע צען וואָירסט אָן אן איבעררייס, פאַרוואָס הערט ער מער נישט דאָס קלינגען פון די גלעקלעך?

אברהם האָט אָפּגעשטעלט די פערד. ער האָט געוואָלט זיכער זיין, צי ער פאָרט מיטן וואַלד צי נישט. ער האָט ארויסגענומען דעם שטורקאַץ און זיך געקליבן אראָפּצושפּרינגען פון דער קעלניע. ער האָט געוואוסט, אז א הונדערט פוס פון וועג ציט זיך דער וואַלד. און ווי ער האָט זיך א שטעל

געטאָן מיט דעם שטורקאַץ אין דער האַנט, האָבן זיך גלעקלעך ווידער צע־קלונגען, זיך דערנענטערט, געוואָרן הילכיקער, ווי א שליטן וואָלט געווען גאָר נאָענט. אברהם האָט זיך צעשריגן:

— ווער פאָרט?

א ווידער־קול האָט קריקגעבראַכט אברהמס געשריי, א צעשוואומענס:

— ווער פאָרט?

די פערד האָבן ווידער געהויבן די אויערן, געהויבן די עקן, זיך גענומען רוקן אָף קריק.

אברהם האָט א כאַפּ געטאָן מיט איין האַנט די לייצעס. אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן דעם שטורקאַץ. מיט די איבערגעלייגטע לייצעס, ווי מיט א בייטש, האָט ער געשמיסן די פערד, זיי געשאָלטן און בשעת מעשה האָט זיך אים געפּלאָנטערט א מעשה מיט א שטורעם, וואָס האָט דעכער ארונטער־געריסן, זעק מיט תבואה ארויסגעטראָגן, איז באַפאַלן אַפן וועג אַן אונגאַר מיט א גרויסן קאַסטן סחורה אָף די פּלייצעס און אים איבער דער ווייסל א לעבעדיקן אריבערגעטראָגן.

א זאַווערוכע האָט זיך צעשפּילט, מיטגעבראַכט פון די פעלדער, פון די לאַנקעס פּלאַכטעס טרוקענעם שניי, באַפאַלן די פערד, באַפאַלן דעם בעל־עגלה, ווי מיט דרענגער. און פון צווישן די פּלאַכטעס שניי האָט זיך ארויס־געשיילט א קליין מענטשל אין א לאַנג, ווייס העמד. פון שרעק איז דער בעל־עגלה ווי צוגעוואַקסן צו דער קעלניע. א קאַלטער שוויים האָט באַדעקט דעם שטערן, די שליפן. דאָס מענטשל האָט זיך ארויפגעכאַפּט אַפן מיטלסטן פערד. ס'פערד האָט גענומען שפּרינגען, זיך געריסן פונעם געשפּאַן. דאָס ווייסע העמד האָט זיך געהויבן, זיך צעבלאָזן, ווי א קאַראַזעלע. דאָס מענטשל ווינקט צום בעל־עגלה, שמייכלט און זיינע אויגן שטעכן אים דורך ביז צו דער זיבעטער ריפּ. ס'בלוט פרירט אין די אָדערן. דער בעל־עגלה האָט זיך צעשריגן:

— ווער ביסטו? א מענטש, צי א נישט־גוטער?

— א נישט־גוטער.

— א נישט־גוטער? טאָ גיי אין דיין רו! גיי אין אַלע וויסטע פעלדער, אין אַלע וויסטע וועלדער!

ס'מענטשל איז אַראָפּ פון פערד, האָט גענומען גיין צום בעל־עגלה. דער בעל־עגלה האָט פעסטער פאַרצויגן די לייצעס, געהאַקט די פערד מיט דער בייטש איבער די קעפּ, איבער די בייכער, בשעת מעשה געטראַכט, אז א בראָך

איז צו אים, ער איז שוין באַם נישט־גוטן אין די לאַפּעס, וועט שוין אַף שבת נישט אַהיימקומען צו ווייב און קינד.

און אַז די פערד האָבן זיך געריסן פון דער אייגענער פעל, זיך געריסן פון דעם געשפּאַן, געשלעפּט דעם שליטן משא, האָט אברהם נאָך אַלץ געפּאַכטן מיט דעם בייטש, געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין:

— אַ ווינט זיי אין די אויגן! אַ שלאַק זיי אין די געדערים! ווען כ'בין אַ מענטש לאָז איך אַרויס דעם נאַפט, דעם בוימל אין שניי אַריין! די ווייצענע הינטנס „פּאָפּן" אונטער פּוכענע דעקעס, און דו, אברהמל בעל־עגלה, ווער אויסגעריסן, ווער געפרוירן, האָב צו טאָן מיט נישט־גוטע! אַ ווינט זיי אין די אויגן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער קעלניע. ער האָט זיך געריבן די פאַרשנייטע אויגן, זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אין מיטן פאָרן איינגעדרימלט, און ווער שרייט דאָס אַזוי?

צוויי פערד האָבן זיך געריסן פון דעם שפּאַן, זיך געריסן מיט אַ געוויין, מיט אַ וואָיען. אין אַ פאַרריסענעם האַלדז פון אַ דריטן פערד האָט זיך איינגעביסן — אַ לאַנגער, דאַרער וואָלף, זיך איינגעביסן מיט אַ סאָפּען.

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום שטורקאַץ און זיך געחידושט וואָס ער ברענט נישט. ער האָט דאָך אים אַליין אָנגעצונדן. ס'זאָל עס זיך אים בלויז האָבן געחלומט? ער האָט אָנגעצונדן די קאָנאָפּליעס און אַז זיי האָבן זיך צעפּלאַקערט, האָט ער אַ הויב געטאָן דעם שטורקאַץ איבערן וואָלף. דער וואָלף האָט אַרויסגעלאָזט דעם פערדס האַלדז, אַ קנאַק געטאָן מיט די ציין, ווי ער וואָלט זיך געקליבן וואַרפן אַפן בעל־עגלה, און איז אָפּגעשפּרונגען פון דעם פייער. ערשט איצט האָט דער בעל־עגלה דערזען נאָך צוויי וועלף. זיי זיינען געשטאַנען מיט פאַרריסענע קעפּ. די אויגן האָבן געפלעמלט. ער האָט אָנגעצונדן דעם צווייטן שטורקאַץ. די וועלף האָבן זיך צעוואָיעט, געצונדן אין דער זאַווערוכע קאַלטע, גרינע פייערלעך. דאָס פערד מיטן צעביסענעם האַלדז איז געפאַלן אין געשפּאַן. די אַנדערע צוויי פערד האָבן אַף קיין איין רגע נישט אויפגעהויבן די קעפּ, געוואָיעט און געוויינט אין שניי אַריין, וואָס האָט פלאַכטעסווייז זיך געדרייט אַרום די פיס, געצונדן אין די אויגן פייערדיקע רייפן.

דער בעל־עגלה האָט געציטערט, געהיט ס'פייער אין די שטורקאַצן, געהאַלטן אין איין צוגיסן נאַפט פון אַ בלעכן קענדל.

.1937

אַ גראַדואירונג

דער פּאַבליק־סקול אַדיטאָריום איז געווען געפּאַקט — קעפּ איבער קעפּ. מען איז געזעסן משפּחהווייז. מען האָט געשעפּט נחת פון די אייגענע קינדער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם באַר, אינעם אײנאַקטער, אינעם גאַנצן גראַדואיר־פּראָגראַם. מען האָט שוין געהאַלטן אין אויסטיילן די דיפּלאָמעס. פון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט, האָבן די פּענצטער געציטערט, האָט דער גאַנצער זאַל געציטערט. אינעם טומל האָט מען נישט געהערט, ווי דער פּרינציפּאַל האָט אויסגערופן — עוועלין העכט. און אַז אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן די צוועלף־יאָריקע עוועלין, האָט איר פּאָטער אויפגעציטערט. ער האָט געזען, ווי עוועלין, אַ דינע, אַ בויגיקע, אינגאַנצן אין ווייסן, נעמט די דיפּלאָמע פונעם פּרינציפּאַל, פאַרנייגט זיך ווי אַ צעבליט צווייגל. דער זאַל האָט אויפגעהילכט. דער פּאָטער האָט פאַרמאַכט די אויגן — איז שוין טאַקע דרייצן יאָר?

און אַז דרייצן יאָר זיינען פאַרביי, איז וואָס? ווי אַלט איז ער דעמאָלט געווען? ער — צוואַנציק, פּערל — צוואַנציק. ער האָט געהאַלטן אין ענדיקן אויף לערער אין סיטי קאָלעדזש, פּערל — אין האַנטער. ער האָט דווקא געוואָלט אַ חופּה באַם פעטער אירן, אַן אָרטאָדאָקסישער רב. בשעת דער חופּה האָט אויסגעבראָכן אַ וואָלקנבראָך מיט בליצן און דונערן. דער וואָלקנבראָך, וואָס האָט געריסן דעכער און שילדן, האָט נישט געוואָלט אויפהערן. חתן־כלה זיינען געבליבן נעכטיקן באַם פעטער.

דערנאָך איז עוועלין געבוירן געוואָרן — אַ זיבעלע — וואָס מען האָט געוויקלט אין וואַטע. ס'קינד האָט געהאַלטן אין איין קרענקען — דיפטעריע, געשוואָלענע מאַנדלען, לונגען־אָנטצינדונג. יאָרן שפּעטער, ווידער באַם פעטער, דעם אָרטאָדאָקסישן רב. זיי האָבן זיך געגט. עוועלין איז געבליבן מיט דער מוטער. דער פאָטער האָט צוגעזאָגט צו צאָלן פאַרן מיידעלע פינף דאָלער אַ וואָך.

ווען איז דאָס געווען? און אַז מיט פיר יאָר צוריק, און אַז מיט דרייצן יאָר צוריק? ס'איז אַלץ געבליבן אין זכרון, אַזוי קלאָר, אַזוי פריש, ווי

עס וואָלט ערשט נעכטן זיך פאַרלאָפן. פאַר די פיר יאָר האָט פערל חתונה געהאַט מיט א האַי־סקול לערער. עוועלין איז אויסגעוואַקסן, ענדיקט פּאָבליק־סקול. די טאָכטער האָט פאַרבעטן דעם פאָטער צו דער גראַדואירונג. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיין טונקל־בלויען אָנצוג און איז געקומען. ער האָט נישט געטראַכט, אַז הינטער אים ערגעץ זיצט פערל, זיצט איר מאַן. ער האָט שוין יאָרן פערלען נישט געהאַט געזען. דעם מאַן אירן האָט ער אינגאַנצן נישט געקענט. און אַרום אים האָט זיך דער עולם גענומען אויפשטעלן, זיך גענומען שאַרן צום אַרויסגאַנג.

העכט האָט געעפנט די אויגן און זיך אויך אויפגעשטעלט. עוועלין, די אויגן צעפלאַמט, די דורכזיכטיקע באַקן פאַררויטלט, איז אונטערגעקומען. זי האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן פאָטער, זיך צעקושט מיט אים איין מאָל, צוויי מאָל, א דריט מאָל, זיך געפרעגט צי ס'איז אים געפעלן דער אייגאַקטער, וואו זי האָט געשפּילט. אים דערציילט, אַז זי קומט אָן אין מאָרים־האַי־סקול.

עוועלין איז נישט איינגעשטאַנען. זי האָט א כאַפּ געטאָן דעם פאָטער אונטערן אָרעם, זיך א לאָז געטאָן מיט אים צום אַרויסגאַנג:

— קום, פּאַ, אָט דאָרט שטייט די מאַמע.

— זי אַליין?

— ניין. זי איז מיט שוואַרצן?

— מיט שוואַרצן? — האָט דער פאָטער זיך אָפּגעשטעלט. — איך קען אים נישט.

— וועל איך דיך מיט אים באַקענען.

— נישט נויטיק, עוועלין.

— פּאַ, — זיינען די צעפלאַמטע אויגן בא עוועלינען געוואָרן טרויעריק.

— וואָס, קינד?

— קום צו.

— ווי באַהאַנדלט ער דיך, דער מיסטער שוואַרץ?

— מיך? — האָט כ'מיידל זיך געטוליעט צום פאָטער. — גוט! אָט קומט די מאַמע!

פערל האָט זיך פאַר די פיר יאָר ווי נישט געענדערט. זי האָט אויסגעזען יינגער, אויסגעזען שענער. דער קאָפּ — א קלוגער, די פּלייצעס — געטאָקט. און אינגאַנצן דאָט זי זיך געטראָגן מיט אזא זיכערקייט, ווי זי וואָלט נישט געווען א מוטער פון א קינד, וואָס גראַדואירט, נאָר א דעזשורנע לערערן. זי האָט זיך בלויז א ווייל געקווענקלט. זאָל זי זיך איבערנעמען?

זאל זי זיין שטייף ? זי האט זיך צעשמייכלט און דערלאנגט איר געוועזענעם מאן א קליינע, ווארעמע האנט :

— וואס מאכסטו, פיט ?

— א דאנק. און דו, פערל ?

— איך ? גוט ! — זיינען אירע טונקעלע אויגן, עוועלינס אויגן, געווארן טיף און ווייט.

ביידע האבן זיך אויסגעגליכט. איין הייך, איין אנבליק, וואס טרעפט אפט, ווען מאן און ווייב לעבן יארן צוזאמען. צווישן זיי — עוועלין. דער עולם, וואס האט זיך געשפארט פון אלע זייטן, האט פארשטעלט דעם וועג. פערל האט געלאזט פאלן א ווארט :

— וואס זאגסטו ווי עוועלין שפילט ?

— זי האט שוין קליינערהייט גוט געשפילט.

— ביסט גערעכט.

— ווי אלט איז דען עוועלין געווען, ווען זי האט זיך פארשטעלט פאר דער שווארצער זוזין ?

— נאך קיין פינף יאר נישט.

— מען דארף זי גאר שיקן אין א דראמאטישער שול.

— לאז זי פריער ענדיקן האי־סקול.

— ניין, — האט עוועלין זיך אריינגעמישט, — איך וויל אנקומען אין א דראמאטישער שול. און וואו גייען מיר איצט ? — האט זי מיט איין האנט ארומגעכאפט די מוטער, מיט דער צווייטער דעם פאטער, — אהיים ? איך וויל נישט גיין אהיים !

א כוואליע מענטשן האט זיך א שפאר געטאן צום ארויסגאנג, מיט־געשלעפט העכטן, פערלען און עוועלינען. און איידער וואס־ווען זיינען אלע דריי געשטאנען אין קארידאר. פערל האט א הויב געטאן א האנט און ס'קול אירס, א קלינגענדיקס, האט זיך צעטראגן צווישן די געמויערטע קאלאנעס :

— הערי ! אט דא זיינען מיר !

ס'איז אונטערגעקומען א געוויקסיקער מאנצביל מיט א שארף, טונקל פנים. ער האט פון דער זייט א קוק געטאן אף העכטן און דער בליק זיינער איז ענלעך געווארן אף אן איטאליענערס. פערל האט זיי פארגעשטעלט :

— באקענט אייך : מיסטער שווארץ, מיסטער העכט.

שוואַרצס אָנגעכמורעטע פּנים איז געוואָרן נאָך אָנגעלאָדענער. ער האָט דערלאַנגט העכטן אַ האַנט און כמעט ווי נישט געקוקט אויף אים.

בײַ אַלעמען איז ווי ס׳לשון אָפּגענומען געוואָרן. אפילו בײַ עוועלינען. מען האָט זיך געשאַרט, זיך גערוקט מיט די טרעפּ צום אַרויסגאַנג אויף דער גאַס. אימיצער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט:

— ס׳קלײַבט זיך אַ רעגן.

— ס׳קלײַבט זיך נישט, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן, — ס׳רעגנט שוין.

ס׳איז געוואָרן אַ געלויף, ס׳איז געוואָרן אַ געגודער. מאַמעס, טאַטעס זײַנען אָנגעלאָפן מיט שירעמס, מיט קאַלאָשן, מיט רעגנמאַנטלען. די מיידלעך אין די ווײַסע קליידער, אין די אויסגעשלייפטע האָר האָבן געפּלאַטערט, ווי פייגל פאַר אַ שטורעם.

פּערל מיט עוועלינען זײַנען געשטאַנען פאַרלוירענע, געשטאַנען אין פירהויז און געקוקט ווי דער הימל, אַ פינצטערער, לאָזט זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּ. די לופט איז פול געווען מיט שוועבל. איינצלנע טראָפּנס, גרויסע, געדיכטע, זײַנען געפאַלן מיט אַ טעמפּן קלימפּער. פּערל האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום מאַן:

— וואָס טוט מען?

איין הערי איז געווען גוט אויפגעלייגט. די אָנגעכמורעטקייט פון פּנים איז ערגעץ־וואו אויסגערונען. ער איז אַרויס אַפן רעגן און ווי אַ „טרעפיק־פּאָליסמאַן” אָפּגעשטעלט איין טעקסי, אַ צווייטע. ר׳האָט זיך נישט גע־ערגערט וואָס די טעקסיס זײַנען געווען פאַרנומען. אָט שטעלט זיך אָפּ אַ טעקסי, דרייט זיך אויס, פאַרפאָרט צו אים. ער האָט זיך צעשריגן:

— פּערל, עוועלין.

ס׳האָט שוין געדונערט. העכט האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם ראָק, אײַנגעהילט עוועלינען און זי צוגעפירט צו דער טעקסי. ער האָט זיך צעקושט מיט דער טאָכטער. פּערל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, געוואָלט פאַרבעטן העכטן אין דער טעקסי אַרײַן, האָט איר מאַן זיך צעשריגן:

— וואָס שטייסטו? גיי שוין אַרײַן! ס׳רעגנט דאָך!

זי האָט זיך געזעגנט מיט העכטן, דערנאָך האָט זיך שוואַרץ געזעגנט מיט העכטן. ס׳טירל האָט זיך פאַרהאַקט און די טעקסי איז פאַרשוואונדן.

אַ געזאַלצענע קנויל האָט זיך אַ הויב געטאָן העכטן אין האַלדז אַרײַן. די קנויל האָט גענומען וואַקסן, זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ פויסט. די אויגן

זיינען פאַרלאָפן מיט אַ הארבער פייכטקייט, און ס'האַרץ האָט נישט אויפֿגעהערט צו מאָנען:

— וואָס איז דאָ געשען? עפּעס אַ פרעמדער מאַנצביל האָט בײַ אים צוגענומען ס'ווייב, די טאָכטער, זיי אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי און איז מיט זיי פאַרשוואונדן.

מיטאַמאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקנבראָך מיט בליצן, מיט דונערן. ער האָט נישט געדענקט ווען ער איז אַריין אין אַ טעקסי. דער רעגן האָט געבייטשט איבער די שויבן, געריסן און געהאַמערט דעם דאַך. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ ווינקל, פאַרמאַכט די אויגן. און אַז ס'איז דרייצן יאָר, איז וואָס? געדענקט ער דען נישט דעם וואָלקנבראָך, ווען ער איז געשטאַנען אונטער דער חופּה? געדענקט ער דען נישט ווי ער איז געבליבן מיט פּערלען געבלטיקן באַם פּעטער? און אַז ס'איז דרייצן יאָר, איז וואָס?

.1936

יוגנט

די נייע דירה, וואוהין הערשלס עלטערן האָבן זיך אריבערגעצויגן, איז געווען אַ קליינע. בלויז צוויי צימערלעך מיט אַ קיכל. הערשלס טאַטע־מאַמע זיינען זעלטן געווען אין שטוב. זיי זיינען בלויז אריינגעקומען איבערנעכטיקן. מיטן שפּראַץ אַף טאָג זיינען טאַטע־מאַמע אַוועק אין מאַרקעט אַריין, וואו זיי האָבן ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרקויפט גרינס, פאַרקויפט אויבס. ס'ווירטשאַפט האָט געפירט הערשל, אַן איבערגעוואַקסענער בחור פון אַ יאָר זיבעצן, וואָס האָט געהאַלטן באַם ענדיקן האַי־סקול. הערשל האָט אויך געהאַט אַ געהילף—אַ דריי־פערטל־יאָריקן הונט, וואָס איז באַם קלענסטן שאָרך אויפגעשפּרונגען מיט אַ בילעריי און זיין געלבלעכע פעל, אַ צעבאַרשטע, האָט באַקומען דעם קאָליר פון ציטרין. און כאָטש הערשל האָט געהאַט פאַר זיך די גאַנצע דירה, איז ער אָבער געזעסן אין דעם לעצטן צימערל, אַ ווינקלדיק צימערל מיט דריי ווענט. צוויי ווענט זיינען אַרויס אין קראָטאָנאַ פּאַרק, וואו יאַנואַר־ווינטן האָבן געבלאָזן מיט רוגזה. דערצו האָט אַ טעלעגראַף־סלופּ מיט אָנגעצויגענע דראָטן אריינגעקוקט אין פענצטער אַריין. און האַרט לעבן דער סטעליע, וואו די ווענט זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט זיך שטענדיק געהערט דאָס שטילע גערויש פון די טעלעגראַף־דראָטן, ווי ערגעץ ווייט וואָלט אַ שטורעם געבושעוועט.

די דריטע וואַנט האָט אָפּגעטיילט הערשלס דירה פון אַ שכנישער.

ווער האָט געוואוינט איבער דער וואַנט?

טאַטע־מאַמע האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן דערפון. הערשל, וואָס האָט זיך געגרייט צו די עקזאַמענס, האָט קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן דערפון. בלויז דער הונט, פּרינץ, וואָס האָט יעדן טאָג אַרומגעשמעקט די וואַנט, אויפגעכאַפּט ווייטע ריחות, וואָס האָבן געהאַלטן אין אויסוועפּן, ריחות פון מענטשן, פון זאַכן, פון קעץ, בלויז דער הונט האָט געוואוסט, אַז די דירה שטייט ליידיק.

הערשל, וואָס איז טאָג און נאַכט געזעסן איבער די שול־ביכלעך, האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען, פלעגט פון מאָל צו מאָל זיך אַ שטעל טאָן אין

מיטן דער ארבעט, זיך א צי טאָן, פילן ווי ס'בלוט לויפט אָפּ פון די שלייפן און אין די אויגן שווינדלט. נישט איינמאָל איז אים קשה געוואָרן, וואָס דער הונט ליגט כסדר באַ דער שכנישער וואַנט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן א רגע, צוויי. הערשל האָט די קשיא אַליין פאַרענטפערט, געטראַכט, אז פרינצן איז באַקוועמער צו ליגן באַ דער שכנישער וואַנט. עס איז דאָרט געשטאַנען דער „רעדיאַייטאָר", וואָס האָט געשפּרייט היץ און דער דיל איז דאָרט שטענדיק געווען וואַרעם.

איין פרינץ האָט געוואוסט, אַז איבער דער וואַנט שטייט שוין די דירה מער נישט ליידיק. דאָרט וואוינען שוין מענטשן. ער האָט יעדן טאָג אויפגעכאַפּט אַנדערע גערוכן און אַנדערע ריחות. נישט קיין ווייטע ריחות, אויסגעוועפטע, נאָר צאַפּלדיקע, פרישע, וואָס האָבן נישט געלאָזט איינליגן.

פרינץ איז אַלט געוואָרן דריי־פערטל יאָר מיט א וואָך. באַם קלענסטן שאָרך האָט די האָריקע פעל זיך געבערשטלט, געפינקלט מיט ציטרין. די לאַפּעס — בוויגיקע, פעסטע — האָבן געקראַצט דעם דיל. די פייכטע, קאַלטע נאָז האָט געשניפּט, האָט אויפגעכאַפּט ריחות, און אין די ברוינע מאַנדל־אויגן האָט זיך געשפּיגלט דער נישט־גוטער.

מיטאַמאָל האָט דער הונט זיך א צי געטאָן, ווי גרויס ער איז געווען. דער קאָפּ פאַררריסן, די אויגן פאַרריסן, דער עק פאַרריסן. אַזוי קריגעריש איז נאָך פרינץ קיינמאָל נישט געהאַט געווען. א פאַרבענקט גרימערייַ, ווי א מלחמה־רוף, האָט זיך געריסן פונעם הונטס געדערים. פון איבער דער וואַנט האָט א צויג געענטפערט מיט א פאַרשפּיצט און א פאַרבענקט וואָיען.

פרינץ האָט זיך געטראָגן פון דער וואַנט צו דער טיר מיט פאַרשטיקטע קולות, זיך געטראָגן ווי א פאַרשפּאַרטער. דאָס האָט ער זיך אויסגעטענהט מיטן שכנס הונט, מיט קווינין, וואָס האָט געווירטשאַפט איבער דער וואַנט, זיך געריסן צו פרינצן.

ערשט דעמאָלט האָט הערשל זיך א הויב געטאָן פונעם טישל, וואו ער האָט געאַרבעט. דער הונט האָט זיך א שטעל געטאָן אַף צוויי פיס, זיי אָנגעשפּאַרט אָן הערשלס אַקסלען און זיך צעוויינט. הערשל האָט חבריש אַרומגענומען דעם הונט:

— וואָס איז, פרינץ?

— וואָס וויינסטו?

— ביסט פאַרליבט?

— ביסט פאַרליבט אין א מיידל?

— ווײַן נישט, פּרינץ, — האָט הערשל זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן הונט אַפן דיל, — ווײַן נישט, פּרינץ, די געליבטע דײַנע איז נישט ווײַט, איז איבער דער וואַנט. בעט מיך שיין, וועל איך דיך באַקענען מיט איר.

פּרינץ, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען הערשלס רייד, האָט מיט דער צונג אים אויסגעקושט ס׳פּנים, די הענט. הערשל איז געוואָרן אויפגעלייגט, האָט זיך אויסגעצויגן מיטן הונט אַף דער פּאָדלאָגע און זיך צעזונגען:

Potatoes are cheaper,
Tomatoes are cheaper,
Now is the time to fall in love!

פון איבער דער וואַנט האָבן צענדליקער קלאַווישן געענטפערט מיט פליגל־געפלאַטער:

You may not be an angel,
For angels are so few . . .
But until the day when one comes along
I'll string along with you . . .

צווישן די פּיאַנאָ־קלאַנגען האָט זיך געפּלאָנטערט אַ הינטיש געוויין. פּרינץ האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַף די לאַפּעס און אַז הערשל האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט דער הונט אים גענומען שטופּן מיטן קאָפּ צו דער טיר. הערשל האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר די אויערן, זיך געוואָלט אַנטקעגנשטעלן. ער האָט זיך אָבער אַזוי צעלאַכט, אַז ער האָט זיך מיט פּרינצן געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

און אַז ער איז שוין געשטאַנען מיטן הונט אין קאָרידאָר האָט ער זיך ערשט געכאַפּט וואָס ער גייט דאָ אָפּטאָן. ס׳איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. אײדער הערשל האָט צײַט געהאַט איבערצולייענען דעם נאָמען פונעם שכן, האָט פּרינץ זיך צעפּייקלט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס איבער דער פרעמדער טיר, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט בלעך. דאָס אַלץ איז געשען אַזוי גיך, אַז ס׳איז קיין צײַט נישט געווען צוריק אַרײַנצולויפן אין שטוב אַרײַן.

די שכנישע טיר האָט זיך געעפנט. אַף אַפּריער איז אַרויס אַ ברוין הינטל מיט אַ קייטעלע אַרום האַלדז. בײדע הינט האָבן זיך באַשמעקט, באַ־לעקט און זיך גענומען דרייען אין אַ רעדל. נאָכן הונט האָט זיך אַרויס־געשאַרט אַ גענוויקסיק מיידל מיט טונקעלע, פאַרחידושטע אויגן. דאָס מיידל,

וואָס האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן אָפן הונט, האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעשטויסן אין הערשלען און ס׳יונגע, שיינע פּנים איז נאָך געוואָרן מער פאַרחידושט. ס׳קול, אַ דורכזיכטיקס, האָט זיך אי געבעטן, אי געבייזערט:

— אין שטוב אַריין, הינטל מיינס, אין שטוב אַריין, קוויני!

פּרינץ האָט אַ שפּאַר געטאָן קווינין אין דער אָפענער טיר און ביידע הינט זיינען אַריין אין הערשלס דירה. הערשל האָט אַ קוק געטאָן אָפן מיידל, ס׳מיידל אויף הערשלען. דערנאָך האָט אין זייערע בליקן אויפגעטיקט אַ שמייכל:

— זי, קוויני, איז נאָך אַ „בייבי", — האָט ס׳מיידל אַראָפּגעלאָזט די אויגן, — איז נאָך קיין דריי־פערטל יאָר נישט אַלט.

— און וויפיל מיינט איר איז פּרינץ אַלט? — האָט הערשל ברייט אָן עפן געטאָן די טיר, געבעטן מיט דער האַנט ס׳מיידל זאָל אַריינגיין. — מיט אַ וואָך צוריק איז ער געוואָרן דריי־פערטל יאָר.

ס׳מיידל מיטן חידוש אין די אויגן איז אַריין ווי אַ ווינט. נאָך איר — הערשל. געהייסן האָט עס, אַז ס׳מיידל יאָגט זיך נאָכן הינטל, בעט זיך בא אים: „קוויני, קוויני." קוויני האָט זיך געיאָגט אַרום טיש אין אַ ראָד. נאָך קווינין — פּרינץ. נאָך פּרינצן — ס׳מיידל. נאָכן מיידל — דער איבערגעוואַקסענער הערשל.

קיינער האָט נישט געהערט ווי די יאַנואַר־ווינטן האָבן זיך געריסן פון קראָטאָנאַ פּאַרק, געקלאַפּט מיט רוגזה אין די שויבן. קיינער האָט נישט געהערט ווי דער טעלעגראַף־סלופּ מיט די אָנגעצויגענע דראָטן האָט שטיל געראַשט, אָנגעזאָגט, אַז ערגעץ ווייט בושעוועט אַ שטורעם.

פּרינץ האָט זיך נאָך אַלץ געיאָגט נאָך קווינין. הערשל — נאָכן מיידל.

.1936

אין אַ זאַווערוכע

פּאַרנאַכט האָט אַ קאַלטער ווינט אָנגעיאָגט אַ טרוקענעם, שטעכיקן שניי. דער שניי האָט זיך געשאַרט איבער די ליידיקע אַלייען, זיך געקליבן אַרום די ביימער, זיך געטראָגן צווישן די נאַקעטע צווייגן מיט אַ פּייף.

ס'איז געווען ניי־יאָר.

דער שטענדיקער עולם פון קראָטאָנאַ פּאַרק, וואָס איז געשטאַנען אין קופּקעס, האָט זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. פּליִיצעס — געבויגן, פּנימער — טרויער. מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט געאַרבעט וואָכן, חדשים.

צווישן עולם — דער רויטער לייזער. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין לייכטן מאַנטל און מיט געבויגענע פּלייצעס האָט ער געשניטן דעם פּאַרק צו טרימאָנט עוועניו. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט אַהיימגיין. היינט, דעם ערשטן יאַנואַר, דאַרף מען צאָלן דירה־געלט. און שולדיק איז ער שוין פאַר צוויי חדשים. ווען ער וואָלט כאָטש פונעם לאַנגן קאָרידאָר געקאָנט גלייך אַריינקומען צו זיך אין צימער. און דאָ דאַרף ער דורכגיין די קיך, ס'עס־צימער, דאַרף דורכגיין די באַלעבאַטים, וואָס באַגלייטן אים נישט בלויז מיט בייזע בליקן, נאָר אויך מיט קללות און חרמות.

באַם אַרויסגאַנג פון פּאַרק, וואו טרימאָנט עוועניו שניידט זיך אין אַ פאַרשפּיצטן קלין, איז פונעם שניי מיטן ווינט געוואָרן אַ זאַווערוכע. די זאַווערוכע איז באַפּאַלן לייזערן מיט אַזאַ רציחה, אַז ס'האָט אים פאַרפּעלט אָטעם. די קעלט, ווי פרישער האַרבער כריין, האָט זיך פאַרקליבן אין די נאָזלעכער, אַז פון די אויגן האָבן געשפּריצט טרערן. די הויזן, דער מאַנטל — אַלץ האָט זיך איינגעצויגן אָף לייזערן, ווי אַ צעפּאַלדערוועטער זעגל. די קעלט האָט זיך געקליבן הינטער די מלבושים, איז געקראָכן איבערן הוילן לייב. לייזער האָט געשפּאַנט מיט טרימאָנט עוועניו, געשפּאַנט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי מען וואָלט אים געיאָגט מיט בייטשן. דאָס האָט ער זיך געאײַלט אַהיים. ער האָט אינגאַנצן זיך געמאַכט פאַרגעסן, אַז באַם אוועקגיין איינ־דערפרי פונעם הויז, האָבן די באַלעבאַטים אים אָפּגעשפּילט אַ חתונה. ער איז כמעט געווען זיכער, אַז מען וועט צו אים איצט קיין טענות נישט האָבן

— אין אַזאַ וועטער טרייבט מען דאָך קיין הונט אויך נישט אַרויס. אָט איז ער שוין אַף בעטנייט עוועניו און אָט — אַף וואַשינגטאָן.

אינעם קאָרידאָר, וואו ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, האָט לייזער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט זיך געהויבן פון איין טרעפּ אַף דער צווייטער. לעבן דער טיר האָט ס'האַרץ זיך באַ אים אַ הויב געטאָן פון פּלאַץ — יאָ אַריינגיין, צי נישט אַריינגיין? ער איז אַריין. ווי אַ רוח האָט ער זיך געטראָגן פון קיך אין עס־צימער, פון עס־צימער צו זיך אין אַלקערל. דאָ איז ער אַ וויילע געבליבן שטיין אין דער פינצטער, האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז אַלץ איז דורך בשלום, אַז מען האָט זיך צו אים נישט געטשעפּעט.

לייזער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און עס צוגעטראָגן צום אויפגע־דרייטן גאַז־דערל. דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעברענט און דער גאַז האָט זיך נישט אָנגעצונדן. אַן איבערראַשטער איז ער אַריין אין קיך צו די באַלעבאַטים:

— ס'איז עפּעס דער מער מיט מיין גאַז־לאָמפּ. כ'צינד און כ'צינד און עס ברענט נישט.

— נישט געגוג, וואָס איר צאָלט נישט קיין דירה־געלט, ווילט איר נאָך אומזיסט ברענען גאַז אויך? — האָט די באַלעבאָסטע געציילט די ווערטער.

— איר קלייבט זיך בעסער נאָך היינט אַרויס, אַז נישט וועט מען אייך אַרויסטראָגן פון דאַנען.

לייזער האָט זיך געכאַפּט, אַז מ'האָט אָפּגעשלאָסן זיין גאַז־דער. ס'בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים אַריין, געצונדן רינגען אין די אויגן און ער האָט קוים געטראָפן צו זיך אין צימער אַריין. ער האָט ווידער אָנגעריבן אַ שוועבעלע. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז ס'בעטל שטייט אָן אַ מאַטראַץ, אַז זיין וואַליז פעלט. ס'שוועבעלע איז אויסגעגאַנגען. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן פינצטערן צימער אַ דערשלאָגענער, אַן אומ־באַהאָלפענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי עס בלייבט שטיין אַ פערד אונטער אַ גאָס־רעגן.

ער איז אַזוי געשטאַנען צען מינוט, פופצן מינוט, געשטאַנען ביז די פיס האָבן זיך גענומען בייגן אונטער אים. ער האָט נישט געמאָנט די וואַליז, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט ביכער, און איז אַרויס פון שטוב אין אַ גוטער נאַכט.

די זאַווערוכע האָט געקערט וועלטן. לייזער האָט איינגעגראָבן דעם

קאפ צווישן די אקסלען און זיך געשארט מיט וואשינגטאן עוועניו. אן עלטערער ייד האט אים אפגעשטעלט:

— איר וועט אפשר אריינגיין דאוונען מעריב?

— וואס?

— ס'פעלט איינער צו א מנין.

לייזער, וואס האט שוין נישט געהאט געדאוונט א יאר צוואנציק, האט אפן ארט נישט געבאפט, וואס מען וויל פון אים. ער האט אנגעקוקט דעם אלטן ייד, וואס האט דעם אטעם נישט געקאנט כאפן, אזוי געבלאזן האט דער שניי, אים אנגעקוקט און אליין נישט געוואוסט, צוליב וואס ער גייט אים נאך. דער ייד האט אים אריינגעפירט אין א ווארעם שולעכל. ארום עמוד זיינען געשטאנען עטלעכע זקנים. אז זיי האבן דערזען לייזערן האט מען זיך געשטעלט דאוונען מעריב.

לייזער האט זיך א וויילע איינגעהערט, דערנאך האט ער זיך געזעצט באם לאנגן געהובעלטן טיש, וואו ספרים זיינען געווען צעווארפן. ער האט געעפנט א „משניות", געעפנט אן „עין יעקב", געעפנט א „חובת הלבבות". דאס שולכל, דער מעריב, די ספרים, האבן פארשטעלט די צוואנציק יאר, וואס ער האט געפטרט אין ניו יארק, און פאר די אויגן האט זיך ארויסגעוויקלט ס'קליינע פוילישע שטעטל, וואו לייזער איז געבוירן געווארן און אויסגע־וואקסן. ער איז א פרעמדער, אן אורח, זיצט אינעם בית־המדרש, קוקט אריין אין א ספר אוןווארט א באלעבאס זאל אים אהיימנעמען אף וועטשערע. ער האט געבלעטערט דעם „חובת־הלבבות", און זיך געחידושט, וואס דער ענין איז אים נישט פרעמד, וואס ס'איז אים גאר נאענט, ווי ער וואלט קיינ־מאל נישט אויפגעהערט צו לערנען. ס'אויג איז געפאלן אף די ווערטער: „און איינער פון די חסידים האט געזאגט צו זיינע תלמידים, די תורה האט אונז מתיר געווען צו שווערן מיט דעם באשעפערס נאמען אף אמת, און איך ראט אייך איר זאלט נישט שווערן מיט זיין נאמען נישט מיט אמת און נישט מיט פאלשקייט."

לייזער האט זיך פארטראכט. ס'איז אים געווען קשה, וואס דער מחבר פון „חובות־הלבבות" ציטירט יעזוס קריסטוסן, רופט אים „אחד המסידים". ס'איז אים געווען א חידוש, פארוואס דער „חובת־הלבבות" איז געווארן אזוי פאפולער באם עולם. א ווערק, וואס שטעלט אוועק אינעם מזרח דעם אויבערמענטש (אדם העליון) און דער המון איז גארנישט, בהמות ממש, ווי קומט עס, וואס ס'האט אזוי אנגעריסן באם המון?

דער זקן, וואָס האָט אַריינגערופן לייזערן צום מנין, איז איצט געשטאַנען איבער אים און האָט אָנגעקוואָלן, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַן אורח, וואָס קען לערנען. דער זקן איז אויך געווען דער שמש פונעם שולכל. נאָך מעריב איז זיך דער עולם צעלאָפן. געבליבן זיינען דער שמש און לייזער. דער שמש האָט זיך געפרעגט:

— איר האָט ווייט צו גיין אהיים?

— איך? — האָט לייזער אַ הויב געטאָן די אויגן פונעם ספר, אָנגעקוקט דעם זקן, — איך האָב אינגאַנצן קיין היים נישט. כ'האָב טאַקע אייך געוואָלט בעטן, איר זענט דאָך דער שמש, איר זאָלט מיך לאָזן דאָ איבערנעכטיקן.

— צו וואָס דאַרפט איר נעכטיקן איינער אַליין אין שולכל, — האָט דער זקן אַרויפגעלייגט אַף אים אַ האַנט, — אַז איר קאָנט נעכטיקן באַ מיר. פּלאַץ איז דאָ. איר זענט דאָך אודאי הונגעריק אויך. קומט, וועלן מיר צוזאַמען עסן וועטשערע. איך וואוין דאָ איבערן שולכל.

דער שמש האָט פאַרדרייט די עלעקטרישע לעמפּלעך. ער האָט איבער־געלאָזט ברענען די צוויי יאָרצייט־גלעזער. די פלעמלעך האָבן אַרויסגעציטערט פונעם חושך. ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און מיט די טרעפּ, וואָס אין קאָרידאָר, זיינען ביידע אַרויף אין שטוב אַריין.

די האַלב־פינצטערע צימערלעך זיינען געווען פול מיט טוכלע ריחות, וואָס טראָגן זיך פון שטיבער, וואו אַ קראַנקער ליגט חדשים לאַנג. ער האָט לייזערן צוגעפירט צו אַ בעט, וואו שרהלע, דעם זקנס ווייב, איז געלעגן אַ פּאַראַליזירטע, געלעגן אָן לשון. ס'פּנים — פּרוקענער קיט, וואָס הויבט אָן זיך קרישלען. בלויז די אויגן, קיילעכדיקע, ווי באַ אַ פויגל, האָבן מיט אויפגעריסענעם פּיין, נישט געקוקט אַף לייזערן, נאָר אים דורכגעקוקט.

— ליגט שוין אַזוי פינף יאָר, — האָט דער זקן אַ צי געטאָן לייזערן, — איז אינגאַנצן באַם זינען, זעט אַלץ, הערט אַלץ און פאַרשטייט אַלץ, נאָר רעדט נישט און רירט זיך נישט פון אָרט. און איצט וועל איך אייך באַקענען מיט מיין חיהלען. זי איז באַ מיר אַן איין־און־איינציקע. אויך אַ קראַנקע.

אין אַ נעבעכער שטול, באַם פענצטער איז געזעסן חיהלע. די בלאָנדע, צוגעשווירענע האָר, די טונקעלע אויגן, די באַקן און דער האַלדז, בלוט און מילך — אַלץ האָט אויפגעלויכטן אין דעם צימער. זי האָט אַנטקעגנגעטראָגן לייזערן אַ האַנט, אַ דינע, אַ וואַרימע. און אַז לייזער האָט איר געגעבן זיין האַנט, האָט חיהלע אים ווי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך. געטאָן האָט זי עס אַזוי קינדיש, אַז ביידע האָבן זיך צעלאַכט. זי האָט אים געפרעגט:

— פון וואַנען קומט איר? פון ראַטנפאַרבאַנד, פון סיביר? מיין פאָטער קומט אויך פון דאָרט, — און זי האָט אים א שלעפּ געטאָן צום פענצטער. — זעט נאָר, ווי ס׳בלאָזט, אַזוי ווי אין סיביר. צעשפּילט זיך א זאַווערוכע, באַקומט ס׳גאַנצע הויז לשון — די פענצטער, די ווענט, דער דאַך. צומיינסטן דער דאַך. בא אונדז איז א בלעכענער דאַך, לויפן דאָרט אַרום קליינע אינגעלעך, קלאַפּן מיט די באָרוועסע פיסלעך. אוי, קלאַפּן זיי!

חיהלעס פאָטער איז אָנגעלאָפן מיט אַלטע דראָבנע טריט, אָנגעלאָפן א פריילעכער, ווי ס׳ווייב וואָלט נישט געווען פּאַראַליזירט, ווי די טאָכטער וואָלט נישט געווען געליימט. ער האָט א כאַפּ געטאָן לייזערן פאַר דער טאַליע, ווי מען כאַפּט אַרום א זון, וואָס מען האָט שוין לאַנג נישט געזען און זיך געבעטן בא דער טאָכטער:

חיהלע, דער גאַסט איז הונגעריק און ס׳עסן שטייט אויפן טיש.

— נו, גייט, גייט, — האָט זי מיט די הענט גענומען טרייבן פון זיך די מאַנצבילן.

דער אַלטער מיט לייזערן האָבן גענומען צו שנעפּסלעך, פאַרבייסן מיט פלאַם־פּלעצלעך און מיט שטיקלעך הערינג. זיי זיינען געוואָרן היימיש, גאָר היימיש. דער אַלטער האָט פאַרטרויט לייזערן:

— וואָס וועל איך דאָ פון אייך אויסבאַהאַלטן? ס׳שולכל איז מיינס. א חתונה, א קדיש — מען קאָן שוין לעבן דערפון. ווען כ׳קריג פאַר מיין חיהלען א יונגנמאַן, וואָס קען א שטיקל עברי, וואָס קען א פּרשה חומש, א יונגנמאַן ווי איר, וואָלט איך אים אָפּגעשריבן ס׳שולכל. מיין חיהלע — מען קאָן זיך דאַך שפּיגלען אין איר. און ווען נישט די פיס, איז זי א פאָלנער מענטש. איך מיין, איך שטיי נישט צו, כ׳וויל נישט אויפן אָרט קיין ענטפער. איר זאָגט איר האָט נישט קיין היים? בלייבט מיט אונדז. מיר וועלן זיך בעסער באַקענען. וועט אייך געפעלן — איז מה־טוב, ניט — וועלן מיר אויך בלייבן גוטע פריינט.

פון צווייטן צימער האָט חיהלע גערופן:

— איר עסט נאָך? גענוג געגעסן!

— מיר גייען שוין, מיר גייען!

דער פאָטער האָט אויף שטום־לשון אריינגעשיקט לייזערן צו דער טאָכטער און אַליין האָט ער אויפן קול גענומען בענטשן.

1936

אַ רביצן

דער עולם אין דעם קליינעם זומער־הויז „בלו־רידזש" איז געווען אַ געקליבענער: האַי־סקול לערערנס, אַ פּיאַניסט, אַן אַקטיאָר, אַ יונגער ראַבאַי מיט נאָך אַ יונגערער רביצן.

איינער פון די צוויי ביזנעסלייט, וואָס זיינען איינגעשטאַנען אין „בלו־רידזש", איז געווען אַן איבערגעוואַקסענער ליטוואַק מיט טונקעלע מאַנגאָלישע אויגן. אַט דער פאַרשוין, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיטן גאַנצן עולם, האָט געוואוסט וואָס איינעם טוט וויי, האָט געוואוסט יעדנס פאַרגאַנגענהייט. דער פאַרשוין האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַרן ראַבאַי. און נישט אַזוי פאַרן ראַבאַי, ווי פאַר דער רביצן, וואָס האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אַף אים. זי האָט געהאַט וויכטיקערע — דעם פּיאַניסט, דעם אַקטיאָר. אַלע מאַנצבילן זיינען געווען פאַרליבט אין דער רביצן, וואָס האָט גערעדט אַ באָסטאָנער ענגליש, וואָס האָט געזונגען נעגערשע און יידישע פאָלקס־לידער. און נישט אַזוי איר זינגען, ווי דער שטענדיקער שמייכל אין די ליכטיקע אויגן, ווי דער שטענדיקער פלאַטער אין די פיס, וואָס זיינען נישט איינגעשטאַנען. דאָס האָט פאַרדרייט די מאַנצבילן די קעפּ, זיי געמאַכט אומרואיק.

דער פּיאַניסט, וואָס האָט זיך די ערשטע צייט באַליידיקט, ווען מען איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל שפּילן, פאַרן זעלבן פּיאַניסט איז איצט גענוג געווען דער רביצנס אַ שמייכל — און ער איז שוין געזעסן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ איבער דער פּיאַנאָ, ווי אין אַ הינערפּלעט. די פינגער, אויפגעפּענטעטע פייגל, האָבן זיך געריסן פון די געלענקן, זיך געטראָגן איבער די קלאַווישן. און נישט בלויז דער פּיאַניסט. דער גאַנצער עולם האָט זיך צוגעזעצט — ווער אַף אַ שטול, ווער אַף אַ טאַבורעטקע, ווער אָפּן דיל — און אַלע האָבן אָנגעקוואָלן פון דער יונגער רביצן, פון יעדן קער אירן, פון יעדן בויג און שמייכל.

זונטיק איז די פרייד אין „בלו־רידזש" אַ פאַרשטערטע. זונטיק איז דער רבי אַרויסגעקומען צום ווייב. אין מאַנס נעגנוואַרט איז זי געוואָרן אַן

אַנדערע. קיין זכר פונעם שמייכל אין די אויגן, קיין פלאַטער אין די פּיס. דערצו האָט זי זיך זונטיק געשלייערט אין שוואַרצן זייד. אין די לאַנגע קליידער, מיט פאַלדן און פעלדלעך, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אמתע רביצן. ס'מאַטע פּנים איז געוואָרן טונקעלער. די אויגן, צנועותדיקע, האָבן, דאַכט זיך, אַף קיינעם נישט געקוקט. און אַז זי פלעגט נעמען זינגען די נעגערישע רעליגיעזע לידער, צי יידישע פאָלקס־לידער, איז אַלעמען אַ טרויער באַפאַלן.

זונטיק האָט זיך קיינער פון די מאַנצבילן נישט געדרייט אַרום דער רביצן, זי אַפילו אויסגעמיטן. דער פּיאַניסט האָט כמעט יעדן זונטיק גע־קראָגן אַ קאָפּ־ווייטיק, איז געבליבן באַ זיך אין צימער, אַפילו אין עס־צימער נישט אַריינגעשמעקט.

בלויז דער איבערגעוואַקסענער ביזנעסמאַן איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם פּאַרל. ער איז געווען אויפגעלייגט, וואָס קיינער שטערט אים נישט, וואָס מען קריכט אים נישט אין וועג אַריין. און נישט איינמאָל איז ער, אַן אויפ־געלייגטער, איבערגעגאַנגען פון ענגליש אַף יידיש, האָט זיך אָנגערופן באַם נאָמען:

— משה־בער, יעדער הונט האָט זיין טאָג.

געהייסן האָט עס, אַז משה־בער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור און איצטער אַ ביזנעסמאַן, פאַרברענגט מיטן ראַבאַי, רעדט מיט אים אַ ביבלישן ענגליש. דאָ האָט ער אים אונטערגעטראָגן אַן אילוסטרירטן העברייאישן זשורנאַל פון תל־אביב, דאָ האָט ער אַריינגעבראַכט אַ געפּעפּערט שטיקל גמרא, אַז ביידע האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער. און אַז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער זיך נישט איינמאָל אַ רייץ געטאָן מיטן ראַבאַי, זיך צערעדט אַף אַ ליטווישן יידיש:

— זאָגט אַקאָרסט, אַמעריקאַנער רב: „במה סעדת היום? בפת עמילה או בפת שאינה עמילה?" האַ, האַ, האַ! איך טראַכט עס נישט אויס! דאָס איז אַ גמרא!

דאָס אַלץ איז געווען אויבנאויף. אין דער אמתן אָבער איז משה־בער געשטאַנען ווי אַן איבערגעגעבענער הונט, האָט אויפגעכאַפּט נישט בלויז מיט די אויגן, נאָר מיטן ניוך דער רביצנס מינדסטן פאַרלאַנג:

— איר ווילט אפשר אַ היינטיקע צייטונג?

— איר— איר ווילט אַ קאַלטן טרונק?

— איר ווילט זיך שפּילען?

משה־בער האָט געוואוסט, אַז די רביצן וויל דאָס אַלץ נישט, געוואוסט,

אז זי קוקט זיך די אויגן אויס דער זונטיק זאָל וואָס גיכער אוועק, דער ראַבאַי זאָל קריקפאָרן אין שטאָט אַריין.

און דעמאָלט?

דעמאָלט וועט זי אַראָפּוואַרפן די שוואַרצע, זיידענע קליידער, וועט זיך אָנטאָן זומערדיק, די פיס זאָלן זיך אַרויסזען, די מאַנצבילן זאָלן די נכפּה פאַר איר קריגן. און אַז דער פּיאַניסט וועט אַ הויב טאָן זיינע פינגער איבער די קלאַווישן וועט זי אים איינרוימען:

— אָן אַ פּליכט איז גאָר קיין לעבן נישט.

אַזוי האָבן די זומער־טעג זיך געצויגן אין „בלו־רידזש". ס'איז געווען זונטיק — דער פערטער זונטיק ווי דער ראַבאַי איז אַרויסגעקומען צום ווייב קיין „בלו־רידזש".

צום מיטאָג איז די רביצן געקומען, ווי יעדן זונטיק, געשלייערט אין שוואַרצן. נאָך איר — דער רב. דער עולם אַרום די געגרייטע טישן האָט געשמאַק געגעסן, געשמאַק געשמועסט, נישט באַמערקט די רביצן. אָנגעפירט דעם שמועס האָט דער פּיאַניסט.

משה־בער, וואָס האָט זיך דאָס מאָל געהאַט פאַרשפּעטיקט, איז אַריינגע־קומען מיט גרויס חידוש, נישט געוואוסט וואָס איז די שמחה, נישט גע־וואוסט פאַרוואָס דער עולם איז אַזוי אויפגעלייגט. אפילו די רביצן, וואָס איז אין מאַגם געגנוואַרט געווען די רואיקייט אַליין, איז דאָס מאָל געווען אומרואיק. זי האָט יעדע ווייל אַ הויב געטאָן די אויגן, געכאַפּט אַ קוק אָפּן עולם. ס'איז אָבער נישט געווען קענטיק ווי אירע מאַטע באַקן פלעמלען זיך הינטער דער הויט. אַזוי איז זי געזעסן מיט דריי וואָכן קריק, מיט צוויי וואָכן קריק. און אַז דער עולם איז גאָר געוואָרן אויפגערוימט האָט דער רביצנס בליק זיך אָפּגעשטעלט אַף משה־בערן:

— וואָס טוט זיך דאָ?

משה־בער האָט מיט דער דאַרער נאָז דערשנאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר און ס'פּנים זיינס איז געוואָרן בלויז רוגזה. דער איבערגעוואַקסענער גוף, וואָס האָט זיך אַ בויג געטאָן איבערן טיש ווי אַ קלינג פון אַ צעעפנט מעסער, איז גרייט געווען זיך איינצושניידן אינעם עולם, אויב ער וועט נישט פאַר־שטומט ווערן. איצט איז געקומען די צייט צו ווייזן ווי איבערגעגעבן ער איז דער רביצן. און אַז ס'איז אַראָפּגעקומען קיין „בלו־רידזש" אַ טענצערן, איז וואָס? דאַרף מען פאַרלירן די קעפּ ווי ייִנגלעך? משה־בער האָט זי נאָך נישט געהאַט געזען טאַנצן. ער איז אָבער זיכער געווען, אַז זי קומט

נישט צו דער רביצן. ווער, ווער, דער פּיאַניסט, וואָס האָט מער האָר אויפן קאָפּ ווי שׂכל, האָט אודאי נישט געדאַרפט ווערן אַזוי צעגאַרטלט, נישט געדאַרפט אַריינרעדן אינעם אַקטיאָר, אַז אַלע זאָלן הערן:

— הערסט, יאַשאַ, נעמט זי טאַנצן, איז עס אַ פּלאַם!

נאָכן עסן האָט דער עולם זיך גענומען שאַרן אין זאַל אַריין, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פונעם עס־צימער מיט געשניצטע, הילצערנע קאָלאָנעס. די געפּאָלדעוועטע פּאָרהאַנגען צערוקט. דורך די קאָלאָנעס האָט זיך געזען אַ שטיק צעעפנטע פּיאַנאָ. לעבן דער פּיאַנאָ — דער פּיאַניסט, דער קאָפּ צעשויבערטע האָר פאַרריסן. די אויגן האַלב פאַרמאַכט. איבער די קלאַווישן זיינען געהאַנגען ווייסע, פאַרחלשטע פינגער.

ס'עס־צימער איז כמעט געוואָרן ליידיק. דער עולם האָט זיך געקליבן אַרום דער פּיאַנאָ. ווער אויף אַ שטול, ווער אויף אַ טאַבורעטקע, ווער אויפן דיל. בלויז דריי אירע זיינען געבליבן אין עס־צימער. דער ראַבאַי מיט דער רביצן בײַ איין טיש, משה־בער — בײַ אַ צווייטן.

פון אַ זייטיקער טיר איז אָנגעלאָפן אויף די שפּיץ פינגער די טענצערן. נישט קיין הויכע, אַ באָרוועסע. די צעלאָזטע האָר — אי בלאָנד, אי רויט. ס'פּוינלשע פּנים — אי שיין, אי נישט שיין. דער גאַנג — געזאַנג.

פינגער האָבן זיך אָפּגעריסן פון די גלעקלעך, זיך געטראָגן איבער די קלאַווישן, ווי אַ משוגעת.

די נישט־געוויקסיקע טענצערן האָט אָנגעהויבן וואַקסן — העכער, העכער. די אויגן — שׂרפות. די פּיס, די הענט — ווינטן.

דער ראַבאַי האָט פאַרגעסן אָן דער רביצן. ער האָט זיך געלאָזט מיט די הילצערנע קאָלאָנעס, איז אַריין אין זאַל.

די טענצערן האָט מיטגעריסן, נישט געלאָזט איינזיצן, נישט געלאָזט איינשטיין אויף קיין אָרט.

די רביצן איז זיבער געווען, אַז זי איז איינע אַליין אין עס־צימער. זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן הינטער אַ קאָלאָנע, פאַרבויגן אַ שפּיץ פּאָרהאַנג, געקוקט און געליטן וואָס די טענצערן האָט בײַ איר צוגענומען דעם עולם. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שפּיץ פּאָרהאַנג און דערזען הינטער זיך דעם איבערגעוואַקסענעם ליטוואַק. דער שמייכל איז בײַ איר אַרויסגעקומען אַ פאַרלוירענער, אַ צעקרימטער:

— זעט ווי שיין זי טאַנצט.

— וויים איך וואָס! — איז משה־בער אויסגעוואַקסן לעבן דער רביצן.

ער איז נישט געווען געריררט פונעם טאַנץ, פון דער טענצערן. דער איבערשטער האַלבער גוף האָט זיך נאָך מער געבויגן, געהאַלטן, דאַכט זיך, באַם צונויפליייגן זיך מיטן אונטערשטן. ס'פּנים — ביטול. פון גרויס פּאַרדרוס, וואָס דער עולם און דער אייגענער מאַן, דער ראַבאַי, האָבן פאַרגעסן אָן דער רביצן און קוויקן זיך מיט עפּעס אַ טענצערן — פון גרויס פּאַרדרוס האָט משה־בער אויפגעהערט צו רעדן ענגליש און גענומען טרייסטן די רביצן אין אַ ליטווישן יידיש:

— ס'איז נישט דאָס! ס'איז קיי און ספּיי! נישט דאָס, זאָג איך!

דער רביצנס טרויעריק פּנים האָט אויפגעלויכטן. זי האָט זיך געלאָזט מיט דער אָפּענער טיר אויף דער וועראַנדע. משה־בער, ווי אַן איבערגעגעבענער ריטער, איז איר נאָכגעגאַנגען.

1936.

אַ וואַרשעווער מעשה

ס'איז געווען אַ נאָכמיטאָג אין אויגוסט.

וואָס האָט שוין אַדוואָקאַט פּיגוט נישט געהאַט אָפּגעטאָן אינעם נאָכ־מיטאָג? ער האָט זיך גוט דורכגעדרימלט, איבערגעליענט די צייטונגען, זיך געמאַכט אַ קאַלטן שפּריץ און אויפגענומען קליענטן. נאָכן אָוונט־ברויט האָט ער זיך געשאַרט פון איין צימער אין צווייטן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער פרייער צייט.

שוין איבער אַ חודש, ווי ס'ווייב מיט די קינדער, מיט די אייניקלעך, זיינען געווען אין די קאַרפּאַטן־בערג אויף זומער־וואוינונג. ווי אַדוואָקאַט פּיגוט האָט דאָס געוואָרט דער עולם זאָל שוין אוועקפאָרן, ער זאָל בלייבן אַליין אין הויז, און ווען פּיגוט איז געבליבן אָן דער משפּחה, האָט ער זיך גענומען לאַנגווייליקן, נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט דער לידיקער צייט.

דורך די אָפענע פענצטער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין די לאַזשענ־קעס, האָט געשמעקט מיט פריש־געשניטן גראָז, מיטן קילן טייך. עס האָבן זיך געטראָגן ריחות פון פרישע וועלשענע ניס, פון צייטיקע קאַשטאַנעס. די ריחות האָבן יינגער געמאַכט דאָס געמיט און פּיגוטס פינף־און־פופציק יאָר האָבן זיך געריסן אַ שטיף צו טאָן. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג — און ער וועט זיין מיט דער משפּחה אין די קאַרפּאַטן־בערג.

דאָס טעלעפאָן־גלעקל האָט גענומען קלינגען. פּיגוט האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט מיט צוויי פינגער אָפּגעריסן אַ פאַרשפּיצטן נוס־בלאַט, אים צעריבן און פון די פינגער האָט געשמעקט מיט וועלשענע ניס. הינטער אים איז אויסגעוואַקסן די דינסט.

— מ'פרעגט אײַך פּאַן.

— ווייסט דאָך, אַז כ'נעם אַזוי שפּעט קיינעם נישט אויף.

— ס'פרעגט עפּעס אַ דאַמע.

— אַ דאַמע? — האָט פּיגוט זיך אַ וויש געטאָן מיט די פינגער איבער די צוויי גרויזלעכע וואָנסן, וואָס זיינען געוואַקסן אַראָפּ, האָבן כמעט צוגע־דעקט דאָס מויל, — וואָס פאַר אַ דאַמע קלינגט אַזוי שפּעט?

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל צום אויער און עטלעכע מאָל איבער־געזאָגט „האַלאָ" מיטן אַקצענט אַפן „האַ". געהייסן האָט עס — אין אַזאַ שפּעטער שעה דאַרף מען דעם אַדוואָקאַט פיגוט נישט דרייען קיין קאָפּ. דערצו האָט ער גלייך נישט געכאַפּט, וואָס מען וויל פון אים. עס האָט אים אָבער דאָס מאָל נישט געאַרט. דאָס קול, אַ יונגס, אַ דורכזיכטיקס, האָט זיך ווי צעשאָטן אין אים. די גלייכגילטיקייט איז אַפן אָרט פאַרשוואונדן און אַן אומרו, וואָס הייטערט אויף, האָט גענומען אויפגיין אין אים.

פיגוט האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עס רעדט אַ לערערן, וויל אַ שטעל אין די גמינע־שולן. ער, פיגוט, דאָזער פון דער וואַרשעווער גמינע, האָט געהאַט צו זאָגן איבער די שולן. די לערערן וויל מיט אים רעדן. וואָס האָט זי מיט אים צו רעדן, ווען אַלע לערער־שטעלעס זיינען פאַרנומען? וואָס זאָגט זי? זי קומט פון פּלאָצק, פון וואַנען ער, פיגוט, קומט? פיגוט וועט קיין לערערן נישט אָוועקשיקן בלויז דערפאַר, וואָס זי, די פרעמדע, קומט מיט אים פון איין שטאָט. איז וואָס זאָל ער איר זאָגן? אַז ס'איז נישטאָ קיין וואַקאַנץ? אַז אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן סוף זומער, אַז זי זאָל אַ קלונג טאָן דעם פּופּצנטן סעפּטעמבער? ער האָט פעסטער אַ קוועטש געטאָן דאָס טרייבל צום אויער, זיך אַ ווייל געקווענקלט, זיך געווישט די וואָנסן מיט די צוויי פינגער, וואָס האָבן נאָך אַלץ געשמעקט מיט וועלשענע נים. איז וואָס זאָל ער איר זאָגן?

— ס'וועט אייך לאַנג נישט נעמען אהער צו קומען? אַ צוויי־דריי מינוט? גוט!

פיגוט איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט צעעפנט די פענצטער. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן די לאָמפּ אַפן שרייב־טיש און זיך אַריינגעזעצט אין דער ווייכער שטול, וואָס איז געווען באַצויגן מיט שוואַרץ לעדער. ער האָט זיך גלייך אַ הויב געטאָן, גענומען שפּרייזן איבערן קאַבינעט. די מיד־קייט, וואָס איז געקומען מיט די יאָרן, האָט אָנגעהויבן אויסצורינען.

מען האָט אָנגעקלונגען. ס'איז אַריינגעקומען ניט קיין דאַמע, נאָר אַ יונג מיידל, נאָך גאָר אַ יונגע, אַפן אויסזען זיבעצן־אַכצן און אפשר ניינצן יאָר אַלט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— פלאָם — ערנעסטינע פלאָם.

דער אַדוואָקאַט האָט איר געגעבן די האַנט, זי געבעטן זיצן. עס איז אים געפעלן, וואָס ערנעסטינע זאָגט אַרויס פלאָם מיט אַ ווייכן „למד", וואָס זי איז אַזוי באַהאַוונט אין דער כראָנאָלאָגיע פון זיין גאַנצער משפחה. עס

האָט אים געחידושט, וואָס אַזאַ יונג מיידל האָט שוין אַ מאַן. אויך אַ פּלאַצקער, שמעון „פּויערס" און אייניקל. שמעון פּויער איז געווען דער איינציקער ייד אין פּלאַצק, וואָס האָט געשלאָגן ס'וויב. און דער יונגער „פּויער", דאָס אייניקל, דערגייט ערנעסטינען די יאָרן. ער איז אייפער־זיכטיק, לאָזט זי מיט קיין מאַנצביל קיין וואָרט נישט אויסרעדן. קומט אַרויף אַ קאָלעגע פון דער שול, פון דער גימנאַזיע, פונעם סעמינאַר — ער איז גלייך עפּעס חושד. דערצו קוועלט ער זי מיט געלט, ציילט איר צו דעם גראָשן. ערנעסטינע מוז קריגן אַ לערער־שטעל. זי מוז ווערן זעלבסטשטענדיק.

פיגוט איז געווען אַזוי גערירט פון ערנעסטינעס רייד, פון אירע טונקעלע קאָרע אויגן, אַז ער וואָלט איר איצט אַלץ צוגעזאָגט. ווער רעדט וועגן אַזאַ קלייניקייט, ווי אַ שטעל אין אַ גמינע־שול. ער האָט זי באַגלייט צום טראַמוואַי. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען די קאַפע „באַגאַטעלאַ", וואו מוזיק האָט געשפּילט, גערופן. דער אַדוואָקאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוויזן אויף דער קאַפע:

— אַריינגיין?

זיי זיינען אַריין אינעם גאָרטן. ביימער, טישלעך, לעמפּלעך. הינטער די קוים־באַלויכטענע ביימער — פּאָרלעך. און איבער די פּאָרלעך — אַ ווינער וואַלץ.

ערנעסטינע האָט באַשטעלט אַן אייז־קאַווע. פיגוט — אויך. ביידע האָבן געזופט די קאַלטע קאַווע דורך ווייסע שטרויען. ביידע זיינען געווען צופרידן מיט דער באַקאַנטשאַפט, מיטן אָוונט, מיט דער לייכטער מוזיק.

בײַ ערנעסטינען האָט זיך מיטאַמאָל געטומען בייטן די מראה אין פּנים. זי האָט געוויזן אויפן טעלעפאָן, וואָס איז געהאַנגען אונטער אַ דעבל בײַם אַריינגאַנג אין גאָרטן:

— איר זעט? דאָס איז ער — מיין מאַן. דאָס שפּירט ער מיר נאָך, טעלעפאָנירט מן־הסתם צו אייך, וויל וויסן צי כ'האָב אים אַמאָל נישט אָפּגענאַרט.

מיטן פּנים צום טעלעפאָן איז געשטאַנען אַ שמאָלער געוויקסיקער פאַר־שוין אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש. פיגוט האָט אויף גיך באַצאָלט פאַר די קאַוועס און געפרעגט:

— כ'גלויב נישט, ער זאָל אונדז האָבן באַמערקט.

— ניין, — האָט זי אַ בלייכע צוגעגעבן.

— דאָ איז אויך אַן אַרויסגאַנג, — האָט פיגוט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ

פערטל יאָרהונדערט און אַ רירעוודיקער זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, — קומט.

לעבן ארויסגאַנג איז געשטאַנען אַ דראָזשקע. ביידע זיינען אריין. פיגוט האָט אַ געשריי געטאָן:

— אַלט־שטאָט.

— פיר גילדן, פּאַניע, — האָט דער אָנטרייבער אַ זינג געטאָן און בשעת מעשה געהאַט אַ מינע, ווי ער וואָלט אַליין נישט געגלויבט, אַז מען וועט אים אַזוי פיל געבן.

— פאָר! — האָט אים פיגוט אַ שטופּ געטאָן אין פּלייצע.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס, זיך אריינגעשניטן אין דער פינצטערער אַלעע. עס איז געווען אַ ווייל שטיל. באַלד האָט זיך געהערט, ווי עמיצער פאָרט נאָך.

— ס'זאָל זיין ער? — האָט פיגוט געפרעגט.

— כ'וויים? — האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער דראָזשקע, געוואָלט זען, ווער ס'פאָרט נאָך, — פון אים קאָן מען אַלץ דערוואַרטן.

באַם סוף אַלעע, וואו אַ שורה טעקסים זיינען געשטאַנען, האָט פיגוט אָפּגעשטעלט דעם אָנטרייבער. ער האָט אים באַצאָלט. דער אָנטרייבער האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף דעם פינף גילדן שטיק, געקוקט אויפן פּאָרל. פיגוט מיט ערנעסטינען זיינען אריין אין דער ערשטער טעקסי. דער שאָפער האָט געפרעגט:

— וואוהין?

— קיין ווילאַנואוו.

— דער וועג איז צעבראָכן, — האָט דער שאָפער געזאָגט.

— איז קיין אַלט־שטאָט.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. ביידע האָבן זיך גענומען פאַר די הענט. עס איז מער נישט געפאָרן דער פינף־און־פופציק יאָריקער פיגוט. דאָס האָט אַ יונג בחורל ארויסגעגנבעט אַ מיידל, זי צוגענומען באַ טאַטע־מאַמע און אַנטלויפט מיט איר. וואוהין? צוויי פאָר אויגן האָבן דורכגעריסן דאָס פינצטערניש פון דער טעקסי, זיך אָנגעקוקט און זיך ווידער צעלאַכט.

— איז וואוהין פאָרן מיר, ערנעסטינע — ערנעסטושע? — האָט פיגוט אַ נעם געטאָן איר האַנט צו זיינע ליפּן, — לאָמיר גאָר אַנטלויפן. און מיט אַזאַ אייפערזיכטיקן מאַן, וואָס ציילט נאָך צו דעם גראָשן, שלאָגט מען גאָר כפרות! איך בין אַן אַדוואָקאַט. איך וועל דיר העלפן. וואָס

שווייגסטו, ערנעסטושע, דו קליין מיידל מיינס? ווילסט מיט מיר אַנטלויפן? מיט מיר דאַרפסטו נישט מורא האָבן. און אויב אפילו ער האָט אונדז געזען און איז נאָכגעפאָרן, האָט ער פאַרלוירן יעדן שפור, ווער אונדז נישט געפינען. און וואָס טראָגט אונדז אַזוי אַף אַלט־שטאָט? איר, ערנעסטושע, האָט עמיצן אַף אַלט־שטאָט?

— איך? — האָט זי קוים אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון פיגוטס אַקסל,

— איך — קיינעם נישט.

— איך אויך נישט.

ביידע האָבן זיך צעקושט. איין מאָל, נאָכאַמאָל, א דריט מאָל. ביידע האָבן זיך געפרעגט:

— איז וואוהין פאָרן מיר?

— אין דער קאַסינאָ, וואָס בא דער ווייסל? — האָבן אירע קאַרע אויגן זיך א צינד געטאָן.

— גוט.

פיגוט האָט אויפגערוקט דאָס פענצטערל, א זאָג געטאָן צום שאָפער:

— אין דער קאַסינאָ, וואָס בא דער ווייסל.

1936.

גענעזן געוואָרן

רעכטס — בערג, לינקס — בערג און צווישן די בערג, אין טאָל — א הינער־פאַרם. דער פאַרמער, איציק העכט, א יונג מיט א צו־רויטן קאַרק, האָט צו פינף־און־דרייסיק יאָר גענומען שלעפּן א פוס. דערנאָך איז ער אינגאַנצן געליימט געוואָרן.

ס'ווייב, די שוואַרצע אסתר, וואָס האָט שטענדיק געאַרבעט פאַר צווייען, געקינדלט און געאַרבעט, האָט נאָכן אומגליק גענומען אַרבעטן פאַר דרייען. צום קראַנקן און צו די דריי פּיצעלעך קינדער האָט זי צוגענומען אַן עלטערע נעגערטע. מיטן הינער־פאַרם האָט זי זיך אַליין באַטאָן. פיר־פינף מאָל א וואָך האָט זי איינגעשפּאַנט דאָס פערד, אָנגעלאָדן א וועגעלע אייער און זיי אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין צום הורטאָווניק. אַזוי א גאַנצן זומער.

אַרום פיר נאָכמיטאָג איז אסתר אָנגעפאָרן פון שטאָט מיטן וועגעלע. צווישן די בערג האָט דער אָוונט גענומען צופאַלן. ס'איז געווען סוף אָקטאָבער. אסתר האָט אויסגעשפּאַנט ס'פערד, עס געפירט אין שייער אַריין. דער ברוינער הונט, מיט די שוואַרצע אויערן, וואָס איז געשפּרונגען אַף אַפריער, האָט זיך מיטאַמאָל א דריי־אַרום געטאָן. ער האָט א שמעק געטאָן מיט דער וואַכער, פייכטער נאָז און זיך צעבילט. דאָס האָט ער אָנגעזאָגט, אַז פרעמדע זיינען אָנגעפאָרן. אסתר האָט אָפּגעשטעלט ס'פערד און זיך איינגעקוקט. דער הונט האָט איבערגעלאָזט די באַלעבאָסטע און זיך א יאָג געטאָן נאָכן אָפּגעריבענעם אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרפאָרן פאַרן הויז מיט א סקריפּעריי. און אַז קיינער איז פונעם אויטאָמאָביל נישט אַרויס, האָט אסתר אַריינגעפירט ס'פערד אין שייער, עס צוגעבונדן צו דער קאָרעטע עסן און אַליין זיך געחידושט:

— ווער קאָן עס זיין?

דאָס בילעריי איז געוואָרן שטאַרקער און בייזער. אסתר האָט פאַרמאַכט נאָך זיך דעם שייער און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צום הויז. דער הונט איז שוין געשטאַנען אַף דער וועראַנדע. די הינטערשטע פיס צוגעזעצט, די פאָדערשטע אויסגעצויגן. ער איז גרייט געווען א שפּרונג צו טאָן אַפן פרעמדן, וואָס האָט אויסגעזען אי ווי א רבֿ, אי ווי א משולח.

דער פּרעמדער, אַ רויטער געוויקסיקער ייִד, אין אַ שוואַרצן רבנישן קאַפּעליוש, האָט געשטופּט אַ קליינע וואַליז דעם הונט אין פּיסק אַריין.

— וואָס בילסטו, כּלב?

דער הונט האָט זיך געריסן, געוואָלט, דאַכט זיך, אַרויסשפּרינגען פון דער פעל און איז געבליבן שטיין אויף דער וועראַנדע.

אסתר איז אָנגעלאָפן. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הונט פאַר די אויערן, אים אַריינגעשפּאַרט אין אַ פּעדערהויז און פאַרמאַכט הינטער אים די טיר. זי האָט באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן פאַרשוין מיטן רבנישן קאַפּעליוש און אַ געפּלעפּטע זיך גענומען אַנטשולדיקן:

— ער בילט נאָר, ער בייסט נישט.

דער פרעמדער האָט קונציק אָן עפּן געטאָן די וואַליז, וואו עס זיינען געלעגן בלעכענע צדקה־פּושקעלעך, און געלאָזט וויסן:

— כ'קום פון ירושלים.

— פון ירושלים? — זיינען אסתרס שוואַרצע אויגן פאַר אַ ווייל געוואָרן בלויז חידוש און זי האָט אויף דאָס ניי גענומען באַטראַכטן דעם רויטן ייִד, ווי אַ פרומער באַטראַכט אַן אתרוג.

— כ'פאָר פון אַ ירושלימער בית יתומים, — האָט דער משולח אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, וואו אַ דריי־שטאָקיק הויז איז געווען אָפּגעפאָטאָגראַפירט, — אין דעם הויז האַלטן זיך אויף איבער טויזנט יתומים. מ'זאָרגט ס'קליינוואַרג זאָל גאָרנישט פעלן. און וויסן זאָלט איר, מיסעם העכט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע מצוה, ווי צו שטיצן יתומים. שטיצט מען מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ ברייטער האַנט, איז מען פאַרזאָרגט מיט לאַנגע יאָרן, מיט געזונט, מיט פּרנסה.

אין דער שוואַרצער אסתר איז אויפגעגאַנגען אַ ליכטיקייט. וואו אַ גוטער דאָקטאָר אין דער געגנט, וואו אַ כּשוף־מאַכער — איז זי געפאָרן מיט איר געליימטן מאַן. און דאָ אַ משולח אַזש פון ירושלים. און ער האָט זי אָנגערופן באַם נאָמען. אודאי וועט אסתר שטיצן דאָס בית יתומים. אי זי וועט געבן אַ שיינע נדבה, אי זי וועט לאָזן אויפהענגען באַ זיך אַ צדקה־פּושקע. אָבער וואָס שטייט זי אויף דער וועראַנדע? פאַרוואָס פאַרבעט זי נישט דעם ירושלימער ייִד אין שטוב אַריין? און אָט איז דאָך פּנחסל, איר פינף־יאָריקער בכור, און אָט איז די דריי־יאָריקע פּעסעלע. די קינדער האָבן פאַרריסן די קעפּלעך, אַרויפגעקוקט צום פרעמדן. און דער פרעמדער?

ער האט א גלעט געטאן איין קינד, א צווייטס, צוגעטוליעט דאס יינגל צו זיך, אים גוטמוטיק און חבריש געפרעגט:

— און אן אלף, פנחסל, קענסטו שוין?

— אוי, אוי, קען איך, — איז פנחסל געווען גרייט צום פארהער.

— לאמיר טאקע זען.

דער משולח האט ארויסגענומען פון א זייטיקער קעשענע א קאפל, אנ־געטאן דעם יינגל. דערנאך האט ער אים ארויפגעשטעלט אף א בענקל, אויפ־געמישט א בענטשערל און א זאג געטאן:

— אצינד, פנחסל, געפין אן אלף.

וואס אלף? ווען אלף? דער פינף־יאריקער פנחס האט געזאגט עברי, ווי א וואסער. די דרייסיק־יאריקע מאמע האט אנגעקוואלן, איז געווארן העכער און ברייטער פון נחת. דאס לערנט זי מיט פנחסן. דאס איז איר ארבעט. און דער משולח? דער משולח האט א קוש געטאן פנחסן אין קעפל:

— ביסט דאך טאקע א וואויל יינגל! ס'בענטשערל נעם דיר, כ'שענק עס דיר א מתנה.

די פרעמדקייט און דער חידוש זיינען ווי מיטאמאל אויסגערונען. אוים משולח. עפעס א פעטער איז אנגעקומען פון גאר ווייטע מקומות, אזש פון ירושלים. פנחסל און פעסעלע זיינען נישט אפגעטראטן פון אים. און דאס יינגסטע, ס'אנדערהאלבן־יאריקע מיידעלע, וואס די אלטע נעגערטע האט גע־האלטן אף דער האנט, האט זיך אויך געריסן צו דער רויטער בארד.

— וואס שטייען מיר אין דרויסן? — האט אסתר ברייט אן עפן געטאן די טיר — אז גאט האט אונדז יא צוגעשיקט אן אורח אזש פון ירושלים, וועט איר מיט אונדז האלטן נאכטמאל.

אף אפריער איז געגאנגען אסתר. נאך איר — דער משולח, נאכן משולח — ס'קליינווארג. אסתר האט דעם משולח צוגעפירט צו דער קאנאפע, וואו איציק איז געלעגן. ער האט זיך קיין ריר נישט געטאן. ס'אנגעלאפענע פנים איז געווען רויט, שטארק רויט. ס'האט אויסגעזען, אז ס'איז גענוג א שטאך צו טאן אין פנים אריין מיט א נאדל און ס'וועט נעמען שפריצן בלוט. ס'מויל האט ער געהאלטן עטוואס אפן, ווי בא א חסר־דעה. אפילו די אויגן, גרויסע, וואסערדיקע אויגן, האבן זיך נישט גערירט, בלויז געגלאצט אין חלל אריין.

אסתר האט פריער א קוק געטאן אף איר איציקן, דערנאך אפן גאסט, אזוי א קוק געטאן, ווי זי וואלט נישט געשטאנען פאר קיין מאנצביל, נאר פאר אן אפענעם ארון־קודש, איז גרייט געווען שטיל „איינצורייסן".

— וואָס זאָל איך זינדיקן, ביזן אומגליק האָב איך זיך נישט געהאַט אַף וואָס צו באַקלאָגן. געראָטענע קינדער, אַ וואוילער מאַן, פּרנסה. וואָס דאַרף מען נאָך? ווער זאָל זיך ריכטן אַף אַזאַ גזר, אַף אַזאַ פינצטערן גזר. אַ יינגער מענטש, נאָך קיין פינף־און־דרייסיק יאָר נישט אַלט, דערצו אַ גבר . . . און דאָס ליגט שוין אַזוי אַ שלאַקריריקער, אָן לשון, איבער זעקס חדשים.

— אודאי דאַרף מען נישט זינדיקן, — איז דער משולח געוואָרן היימיש, האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּירענע קמיע און זי גענומען אַנקלאַפּן אַף דער וואַנט איבערן חולה. — כ'האָב שוין געזען ערגערע חולאים און זיי זיינען גענעזן געוואָרן. בא גאָט איז אַלץ מעגלעך.

אין דער מיט פונעם מגן־דוד, וואָס אַפן פּאַפּיר, איז געשטאַנען: „חותם אלהי ישראל" און אין אַלע זעקס שפּיצן: „קרע שטן".

אַ צווייטע קמיע, וואָס איז געלעגן אין אַ וויים זעקעלע, האָט ער אָנגעטאָן דעם חולה אַפן האַלדז. אָפּגעטאָן די אַרבעט, האָט ער זיך צערעדט מיט אסתרן:

— און דאָס איז נישט אַלץ. מען דאַרף שחטן צוויי יעריקע קעלבער, אָפּשינדן די פעל און ווי די פעל זיינען נאָך וואַרעם, וויקלען אין זיי דעם חולהס פיס, דעם חולהס הענט. און בשעת איר וועט עס טאָן, זאָלט איר מיט גרויס כונה אָראַפּלייענען פון דער וואַנט־קמיע „קרע שטן".

די שוואַרצע אסתר האָט שוין נישט געהערט, וואָס דער משולח רעדט. אַ באַהאַלטענע פרייד איז אין איר אויפגעגאַנגען. גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר ביטער געמיט, צו איר שווער האַרץ. ער האָט איר צוגעשיקט דעם ירושלימער ייד און מיטן ייד וועט קומען די רפואה־שלימה. איציק וועט געזונט ווערן. זי וועט דעם ייד נישט אָפּלאָזן. ער וועט מיט איר פאָרן קויפן די יעריקע קעלבער, ער וועט וויקלען איציקס הענט און פיס אין די וואַרעמע פעל, ער וועט זאָגן, וואָס מען דאַרף זאָגן. דערוויל וועט זי גרייטן אַ נאַכטמאָל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געהויבענעם גאַסט. זי האָט ערגעץ שטיין אַ פלאַש ווישניאַק, אַ פלאַש וויין. זי וועט פאַרהאַלטן דעם גאַסט אַף איבער שבת, און ווי זי האָט געוואָלט אַריין אין קיך, האָט דער גאַסט זי אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט, אַזוי היימיש אַ נעם געטאָן, ווי איציק פלעגט עס טאָן:

— ווען איר האָט אַ שוואַרצן האָן . . .

אסתר האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער און זיך צעפינקלט:

— אַ שוואַרצן האָן? מען קאָן אַ זוך טאָן. צו וואָס אָבער דאַרפט איר אַ שוואַרצן האָן?

איידער דער משולח האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט פּנחסל זיך צעשריגן:

— זע נאָר, מאַמע!

דאָס בלוט פון איציקס פּנים איז אָפּגערונען. די באַקן — בלאַסע שטיקער טייג. די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן — פאַרגלייזט.

דער משולח האָט געאַרבעט מעשים. ער האָט צוגעלייגט פּוך־פעדערן דעם חולה צו דער נאָז, האָט אים געלאָזט אָדער, געברענט מיט אַ ליכט. און אַז קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אַ דערשוויצטער, אָן אָפּגעאַרבעטער צענומען אומבאַהאָלפן די הענט:

— מען דאַרף דאָס מת אָפּהויבן.

דער משולח איז געבליבן אויפן פאַרם.

1937

אין אַ שטורעם

איבער צוויי יאָר האָט לייזער געקליבן אַ סענט צו אַ סענט. ער, דאָס ווייב, דאָס דרייצן־יאָריקע יינגל — קיינער האָט זיך נישט פאַרגונען קיין איי, וואָס די הינער האָבן געלייגט, קיין גלאָז מילך, וואָס די קי האָבן געגעבן. די אייער, די מילך האָט אַ האָטעל באַ זיי צוגענומען פאַר חצי־חנם. דער־נערט האָט מען זיך מיטן אַלטן ברויט, מיט די אַלטע זעמל, וואָס לייזער האָט פאַר אַ שיבוש אויפגעקויפט אין אַ בעקעריי פאַר די עופות. דאָס געבעקס האָט מען געבראָקט אין הייס וואַסער, עס פאַרשמאַלצן מיט אַ קריש פּוטער און מען האָט זיך דריי מאָל אַ טאָג געקוויקט מיטן מאכל, וואָס מען האָט גערופן אויפבריעבץ. פון דעם אויפבריעבץ האָבן באַ לייזערס ווייב די ציין זיך גענומען שאָקלען און די יאַסלעס — געשווילן.

לייזער, דאָס ווייב, דאָס יינגל — זייער אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַ שווייסיקע, אַ פּאַרעקשנטע. דער אַרבעטס־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם באַגינען. מען האָט געדאַרפט מעלקן די קי, געדאַרפט אַרויסוואַרפן דאָס בהמה־מיסט. מען האָט געדאַרפט מיט די אייגענע הענט צעגראָבן אַן אַקער לאַנד פאַר קאַרטאָפל, אַ צווייטן — פאַר גרינצייג. מען האָט גע־דאַרפט צעטראָגן אין האָטעל אַריין די מילך, די אייער.

אינעם ווירטשאַפט האָט געפעלט אַ פערד, האָט געפעלט אַ שטיקל אויטאָ־מאָביל. מיט אַ פערד, מיט אַן אויטאָמאָביל וואָלט די אַרבעט לייכטער געוואָרן. די מילך, די אייער וואָלט מען געפירט אין שטאָט אַריין, נישט אַוועקגעבן די אייגענע פּראַצע בחצי־חנם.

אָנפאַנג אַפּריל האָבן פאַרמערס זיך געלאָזט איבער די פעלדער. מען האָט געאַקערט, מען האָט געזייט. אַקעראייזנס געשפּאַנט צו צוויי פערד, צו פיר פערד, צו זעקס פערד, האָבן זיך געגראָבן אין די פעלדער, האָבן איבער־געדרייט די פייכטע שטיקער ערד מיט די בייכער אַרויף.

לייזער איז אָנגעפאָרן מיט אַ טאַטשקע בהמה־מיסט. ער האָט צעוואָרפן דאָס מיסט אין בערגלעך. צוויי פערד, צעוואַקסענע, האַריקע, געשפּאַנט צו אַן אַקעראייזן, זיינען אָנגעקומען מיטן שכנישן פעלד. הינטערן אַקעראייזן

איז נאָכגעגאַנגען מאַיק, אַ דינער, אָפּגעברענטער פאַרמער, וואָס האָט גע־וואוינט אַ מייל פון לייזערן. דערצו האָט לייזער באַ אים געוואָלט קויפן אַ פערד.

די שכנים האָבן זיך באַגריסט. מאַיק האָט מיט אַ פייף אָפּגעשטעלט די פערד. ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַן אָנגעשטאָפּטע פייף און זיך געפרעגט באַ לייזערן:

— האָסט אפשר אַ שוועבעלע, שכן?

און אַז מאַיק האָט פאַררויכערט, האָט עס לייזערן אַ ציִ געטאָן צו די פערד. אַ שאַרפער געזונטער ריח האָט געשלאָגן פון די פערד, וואָס זיינען נישט איינגעשטאַנען, האָבן געוואָרפן מיט די פיס, מיט די קעפּ. מאַיק האָט געטאָן עטלעכע ציִ פון דער פייף, געשמאַק אויסגעשפּיגן און זיך געפרעגט:

— איז וואָס בלייבט, לייזער, וועסט קויפן באַ מיר דעם רויטן?

לייזער האָט זיך געיִשובֿט, — זאָל ער קויפן אַ פערד, צי אַ גענוצטן לאַסט־אויטאָמאָביל? געדאַרפט האָט ער ביידע זאַכן. ער האָט פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג און מיטן רעכטן האָט ער געקוקט, ווי די צעאַקערטע פעלדער ציִען זיך, ווי אַ צעוויגטער ים, ציִען זיך אָן אַ ברעג. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ ווייל. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ווי נאָך קאָן איך קויפן דעם רויטן, אַז דו האָסט פאַר אים אַ זינג געטאָן אַ גאַנצן הונדערטער?

— האַלט נאָר באַם קויפן, וועלן מיר שוין מושווה ווערן, — איז שווער געווען צו כאַפּן צי מאַיק מיינט עס ערנסט, צי ער טרייבט שפּאַס.

לייזער האָט אַ רוק אַרויף געטאָן די צו־לאַנגע אַרבל פונעם אָפּגע־טראָגענעם רעקל, ווי זיי וואָלטן אים געשטערט. ער האָט אַ גלעט געטאָן דעם רויטן איבערן רוקן, איבער דער צעכוואַליעטער גריווע. דערנאָך האָט ער אַרייַנגעקוקט דעם פערד אין פּיסק אַריין, איבערגעציילט די ציין, איבער־געציילט די רינגען אַרום די ביים־ציין. ער האָט געקוועטשט דאָס פערד באַם האַלדז, געוואָלט וויסן צי עס ליידט נישט אויף אַסטמע, געפּאַכעט מיט די פינגער פאַר די אויגן, געקוקט אונטערן ווידל. פון דער אונטערזוכונג האָט דאָס פערד אויפגעשטעלט די אויערן, אָפּגעוואָרפן דאָ אַ הינטערשטן פוס, דאָ אַ פעדערשטן, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט פאַרמעסטן אויף לייזערן.

ס'איז אָנגעקומען לייזערס דרייצן־יאָריק יינגל. דער פאָטער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיטן זון, ווי דאָס יינגל וואָלט געווען דער איינציקער מיט

ווענען ער דאַרף זיך שואל־עצה זיין. לייזער האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד פונעם אַקעראייזן און געזאָגט צום יינגל:

— וואָס זאָגסטו, סעם, קויפן דעם קאַשטן?

סעם האָט זיך דערפילט געהויבן. ער האָט אַ גלעט געטאָן דאָס פערד איבער די הינטערשטע פיס, איבער די פאָדערשטע פיס, און געזאָגט מעשה' מבין:

— האָסט אים שוין אויסגעפּרובירט? אין לויפן דערקענט מען לייכטער אַ שטייפן פוס.

— וואַרף אַריבער ס'געשפּאַן, — איז לייזער געוועען צופרידן מיטן יינגלס עצה, — און נעם דעם קאַשטן פאַר אַ שפּאַציר.

סעם האָט אַ נעם געטאָן דאָס פערד פאַר דער צוים. לייזער האָט גע־פּאַכעט מיטביידע הענט. מאַיק האָט צוגעפייפט. סעם האָט זיך געטראָגן אַף אַפריער, ס'פערד נאָך אים. די פיס האָבן זיך לייכט געהויבן, נאָך לייכטער געבויגן. לייזער האָט קאָמאַנדעוועט — רעכטס, לינקס, אין אַ ראָד. ס'פערד האָט אין מיטן לויפן געהויבן דעם ווידל, די גריווע, ברייטער געעפנט די נאָזלעכער און געהירזשעט.

— איז וואָס זאָגסטו, סעם? — האָט דער פאָטער ווידער אַ פרעג געטאָן באַם יינגל אַף יידיש, — זאָל איך אים קויפן?

— וויפיל בעט ער?

— אַ הונדערטער.

— און אַראָפּקוועטשן קאָן מען גאָרנישט?

לייזער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן באַם וועסטל, וואו הונדערט און צען דאָלער זיינען געלעגן אין אַ טאָרבקע. שווער פאַרהאָרעוועט געלט, קישקע־געלט. יאָ קויפן, נישט קויפן — לייזער האָט געמאַכט אַ מינע, אַז עס איז אים אַלץ איינס. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַ זייט צו מאַיקן און סתם זיך געפרעגט:

— הייסט עס, ווילסט פאַרקויפן דעם רויטן?

— אַז מען וועט מיר געבן מיין פּרייז, — איז מאַיק אויך געוואָרן שטייף.

— און וויפיל איז דיין פּרייז, שכן?

— אַ גאַנצן הונדערטער.

— פאַר אַ הונדערטער קריגט מען דאָך היינטיקע צייטן אַ גוטע געניצטע „מאַשין".

— מען קאָן אויך קריגן פאַר אַ הונדערטער צוויי און דריי פגירות, — האָט מאַיק אַרויסגענומען פון מויל די פּיפּקע און אַ בייזער אַ שפּיי געטאָן.

ס'האָט אויסגעזען, אַז פון דעם געשעפט וועט גאָרנישט ווערן. ערשט דעמאָלט האָבן די ביידע שכנים זיך גענומען דינגען. לייזער האָט באַטראָטן, מאַיק האָט אַראָפּגעלאָזט און נאָך אַ האַלבער שעה זיך דינגען, איז מען מושווה געוואָרן אַף ניינציק דאָלער.

מען איז געווען אַזוי פאַרטאָן אינעם מסחר, אַז קיינער פון די דריי מאַנצ־בילן האָט נישט באַמערקט, ווי איבערן הימל, וואָס איז געווען אי טיף בלוי, אי טיף גרין, האָבן זיך גענומען שפּרייטן וואָלקנס.

לייזער האָט געעפנט די וועסט, דאָס העמד. דאָס טאָרבקעלע געלט, וואָס איז געהאַנגען אַף אַ שטריקל אַרום האַלדז, האָט לייזער אויסגעטאָן דורכן קאָפּ. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אויפגעצווינגן דאָס פעלדל פונעם טאָרבקעלע. ער האָט אַריינגעציילט אין מאַיקס צעעפנטער האַנט אַריין צו צען־דאָלערדיקע, פינף־דאָלערדיקע, געציילט מיט אַ קרעכץ, ווי מען וואָלט פון אים געשניטן פּאַסן. און אַז ער האָט אָפּגעציילט דאָס געלט און איז געבליבן שטיין מיט אַ הוילקייט אַרום האַרץ, האָט מאַיק זיך אָנגערופן:

— נעם דעם רויטן, לייזער, און אײַל זיך אַהיים. ס'קלייבט זיך אַף רעגן.

לייזער האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. בשעת סעם האָט אויסגעבונדן אַ צוימל פון שטריק, איז די הוילקייט אַרום לייזערס האַרץ פול געוואָרן מיט פרייד. ער האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ צום פערדס האַלדז. די גלידער אין אים האָבן דערציילט, אַז פון היינט אָן וועט דאָס לעבן גרינגער ווערן. מען וועט מער נישט דאַרפן אָפּשפּאָרן פון מויל, אָפּשפּאָרן פון דער קישקע.

די וואָלקנס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרנאַכט, זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צו דער ערד. לייזער האָט פון גרויס פרייד געגלעט דאָס פערד, געגלעט סעמען, געוואָלט וואָס גיכער אַריינפירן דעם רויטן אין שטאַל אַריין. ווען ער שעמט זיך נישט פאַרן יינגל וואָלט ער אַ געשריי געטאָן. ער האָט אַרומגענומען סעמען פאַרן קאַרק, ווי מען נעמט אַרום אַ חבר און נישט געוואוסט, וואָס ער רעדט:

— איז וואָס זאָגסטו, סעם, מיר האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט?

— גוט געקויפט, טאַטע, — האָט דאָס יינגל זיך אַרויסגעדרייט פונעם פאָטערס הענט און זיך צעשריגן אַפן פערד, — גיט־אַפּ! גיט־אַפּ!

דאָס פערד מיטן יינגל האָבן זיך אָפּגעריסן פון לייזערן, זיינען אוועק מיט אַ גאַלאָפּ אַף אַ פריער, זיך געריי‌צט מיט אים:

—כאַפּ אונדז! כאַפּ אונדז!

ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער. דער הימל האָט זיך אָנגעצונדן, גע־נומען פלאַצן איבער לייזערס קאָפּ, אויסגעזען ער צערייסט זיך — איין גוואַלד־רים נאָבן צוויטן.

אַ שטיק פייער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אַרומגעכאַפּט די פעלדער און לייזער האָט דערזען, ווי דאָס פערד, אַ צעווילדעוועטס, רייסט זיך פון סעמס הענט. באַלד האָט זיך אַלץ אויסגעלאָשן. עס איז געוואָרן נאָך פינצטערער. און מיט די בליצן, מיט די דונערן, האָט גענומען גיסן אין צעבערן.

לייזער האָט גערופן:

— סעם! וואו ביסטו, סעם?

קיינער האָט נישט געענטפערט. לייזער האָט זיך צעשריגן:

— סעם! וואו ביסטו, סעם?!

קיינער האָט נישט געענטפערט. לייזער האָט זיך געלאָזט לויפן. דער רעגן האָט געפּאַטשט אין פּנים, זיך געלייגט איבער די פּלייצעס. דערנאָך האָט גענומען שוואַכער ווערן, דער הימל — ליכטיקער.

דאָס פערד איז געלעגן מיט פאַרוואָרפענע פיס, מיט אָפּגעדעקטע ציין. קיין שניר'ל בלוט. אַרום קאָפּ — אַ פאַרגליווערט געשריי. סעם אַ צעווייקטער, ס'פּנים צעקרימט, איז אונטערגעלאָפן:

— גיי נישט צו, טאַטע. ווען דער דונער זיצט נאָך אין פערד, איז עס געפערלעך. גיי נישט צו.

די אויגן האָבן זיך באַ לייזערן געשפּאַרט אין קאָפּ. אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק האָט אים געטראָפן. יאָרן נישט דערעסן — נישט ער, נישט דאָס ווייב, נישט דאָס יינגל — קומט אַ דונער און מאַכט פונעם קישקע־געלט אַ שיינעם תּכלית. לייזער האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אָפן יינגל, זיך צעשריגן:

— ממזר!

דאָס יינגל האָט אָפּגעצויגן. לייזער האָט זיך צעוויינט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט. און איבער די פעלדער איז דער הימל, אַ פרישער, אַ בלויער, נאָך טיפער געוואָרן.

1936.

לעבן

רחל האָט זיך געאײַלט.

פּאַסמעס האָר, ליכטיקע, זײַנען געפֿאַלן איבערן שטערן, איבער די גע־בױגענע אַקסלען. ס'לײַכטע קלײד האָט זיך געהױבן, זיך געװוּנטשלט אַרום די פֿיס. זי איז נישט געגאַנגען מיטן שמאָלן װעגל, װאָס האָט זיך געװיקלט אַרום און אַרום װאַלד. זי האָט געשניטן דעם װאַלד אין דער ברײט.

רחל האָט נישט געקוקט װאו זי גײט, כאָטש די טונקעלע אױגן זײַנען געװען ברײט צעעפֿנט. זי האָט געשפּרײזט איבער נאָדל־בײמלעך. קלײנע — האָט זי געטראָטן מיט די פֿיס, גרעסערע — האָט זי צענומען מיט די הענט. און פֿון די צעטראָטענע בײמלעך, פֿון די אָפּגעריסענע צװײַגלעך, האָט גע־טריפֿט מיט שאַרפֿן, יאַלאָװעץ־ריח, מיט פּעך, מיט צײַטיקע יאַגדעס.

רחל האָט געװאָלט װאָס גיכער אַרױס פֿונעם שטיק װאַלד, װאו די זון האָט שױן לאַנג זיך געהאַט געזעצט און דער אָװנט האָט גענומען צופֿאַלן. הימל, בײמער, ריחות — האָבן זי איצט געשראָקן. פֿון שרעק איז דער טראָט געװאָרן װילדער, װי מען װאָלט זיך געיאָגט נאָך איר. האָט מען זיך טאָקע געיאָגט נאָך איר? רחל האָט זיך אױף א רגע אָפּגעשטעלט. זי האָט אָנגעשפּיצט די אױערן, אױפֿגעכאַפּט טריט. זי איז געװען זיכער, אַז דער מאַן יאָגט זיך נאָך איר און האָט נאָך שנעלער גענומען שפּרײַזן צװישן די נאָדל־בײמלעך.

רחל איז געלאָפֿן אַהײם צו טאַטע־מאַמע, װאָס האָבן געװױנט אַנדער־האַלבן מײל פֿון איר. מיטן שנײַדן דעם װאַלד אין דער ברײט האָט זי זיך געװאָלט אײַנבערעננען אַ האַלבע מײל. זי איז געלאָפֿן און זיך נישט אױפֿ־געהערט צו באַשװערן, אַז צוריקגײן צום מאַן װעט זי נישט. און דאָס איז זעקס װאָכן נאָך דער חתונה. רחל האָט זיך געבעטן בײַ טאַטע־מאַמע, אַז הערשל איז איר נישט צום האַרץ, אַז זי װיל דעם שידוך נישט און טאַטע־מאַמע זײַנען באַשטאַנען אױף זײערס:

— האָסט צוגעזאָגט דער שװעסטער דײַנער פֿאַרן טױט, אַז װעסט זײַן אַ מאַמע צו איר קינד? האָסט צוגעזאָגט? האַלט זשע װאָרט!

דאָס שטיק וואַלד האָט אָנגעהויבן צו ווערן שיטערער. דער טאָג האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ שעה, אַנדערהאַלבן, און ס'איז ליכטיקער געוואָרן. פון די אַרומיקע פעלדער האָט אַ בלאָז געטאָן מיט רומיאַנעק־בליעכץ. פאַראַיאָרן יוני איז רחלס עלטערע שוועסטער, אסתר, פאַרגאַנגען אין טראָגן. אַ גאַנצן חודש האָט רחל געריסן רומיאַנעק־בלימלעך. אסתר האָט געווייקט די בלימלעך אין וואַסער, זיי צוגעלייגט צום בויך — אַ סגולה פאַר אַ גרינג האָבן. צום יאָר האָט אסתר געבוירן אַ יינגל און איז אין קימפּעט געשטאָרבן. טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואָלט וויסן, וואָס רחל וויינט זיך אויס די אויגן. זיי האָבן זי פאַרשלייערט פאַרן שוואָגער, אַבי ס'קינד נאָך אסתרן זאָל האָבן אַ „לייבלעכע" מאַמע. זעקס וואָכן נאָך דער חתונה האָט רחל זיך געבאָפּט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. פון שרעק, אַז זי וועט אויך שטאַרבן אין דער קימפּעט, האָט רחל זיך צעקריגט מיט הערשלען, זיך אַזוי צעקריגט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיטן קינד און זיך געלאָזט מיטן וואַלד צו טאַטע־מאַמע.

רחל האָט געשפּרייזט מיט דער לאָנקע. אין וואַלד האָט זיך צעשריגן אַ הערש, לאַנג געשריגן. רחל האָט געגלויבט, אַז איר לעבן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן, האָט זיך שוין געענדיקט. זי האָט באַוויינט די יונגע יאָרן און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך געבויגן צווישן די גראָזן, געריסן רומיאַנעק־בלימלעך — אַ סגולה פאַר גרינג האָבן — און זיי אַפּן אָרט געוואָרפן פון זיך.

טאַטע־מאַמע האָבן באַגעגנט די טאָכטער מיט גרויס חידוש:

— וואָס אַזוי שפּעט, רחל? און איינע אַליין, אָן הערשלען? און וואו האָסטו געלאָזט ס'קינד?

רחל האָט זיך צעוויינט:

— אַזוי און אַזוי, מאַמע, אַזוי און אַזוי, טאַטע . . . איר, איר, אַלץ איר! מיין געביין וועט מער נישט אַריינשמעקן אַהין! און ס'קינד קען איך דאָ, בא אייך, אויך האָדעווען!

רחל האָט געטופּעט מיט די פיס, זיך געקלאַפּט קאָפּ אָן וואַנט, געריסן פון זיך שטיקער:

— איר, איר, אַלץ איר!

דער פאָטער, אַ פאַרמער, אין די פופציקער, האָט מיט רוגזה אַ קלאַפּ געטאָן נאָך זיך די טיר און איז, אָן אַ וואָרט, אַרויס פון שטוב. די מוטער,

א באליבטע, האט געווינקט מיטן קאפ הין און קריק און דאס שטיקל שמייכל ארום די ברוינע אויגן האט געהאט צו זאגן:

— וועסט זיך אויסשרייען, טאכטער, אויסשרייען און בעסער ווערן.

די מוטער האט זיך אויך נישט אנגערופן מיט קיין ווארט. און אז רחל איז אנטשוויגן געווארן, האט די מוטער צעשטעלט א טיש מילכיקע מאכלים:

— האסט דאך אודאי נאך קיין אָנבייסן נישט געגעסן.

רחל האט געפילט, ווי פארדרוס און צער רינען ערגעץ אפ. ס'בלייבט בלויז שרעק — די שרעק וואס פלאטערט ארום נאך אסתרן. א פארלאנג צו דערציילן דער מוטער, אלץ צו דערציילן, איז אויפגעגאנגען אין רחלען. זי האט זיך אבער געשעמט. און נישט אזוי זיך געשעמט, ווי זיך געשראקן. פון גרויס אומבאהאלפנקייט האט רחל זיך געזעצט עסן.

די שויבן אין די פענצטער־ראמען האבן אויפגעציטערט. ס'איז אנגעפארן אן אויטאמאביל און האט זיך אפגעשטעלט. די מוטער איז צו צום פענצטער:

— ס'איז דאך הערשל! און אט איז מיין אייניקל!

אף א פריער איז אריין רחלס פאטער, נאך אים — הערשל מיטן קינד. די באבע איז אנטקעגנגעגאנגען ס'אייניקל:

— א גאסט, א גאסט, — האט זי א נעם געטאן פון הערשלען ס'קינד און עס געגומען האצקען אין דער לופטן, — האלא וועלוועלע, האלא אייניקל, טיו־טיו־טיו!

איבערן קינדישן פנים האט זיך צעגאסן א שמייכל, וואס האט אנגעשטעקט דעם ציידן, די באבע, דעם פאטער און אפילו רחלען. הערשל האט זיך צוגעזעצט צום געדעקטן טיש, וואו אין דער מיט איז געשטאנען א נאפט־לאמפ:

— שווינגער, איר האט אפשר פאר מיר אויך א בים?

— שטייט אלץ אפן טיש, מיין איידעם, נעם, עס געזונטערהייט.

רחלס טונקעלע אויגן זיינען פארוואנדלט געווארן אין טיפע, קאלטע ברונימער. זי האט פון דער זייט א קוק געטאן אפן מאן מיט ביטול און איז אוועק פון טיש. הערשל האט געקייט מיט ביידע באקן. באלד האט זיך דער שווער צו אים צוגעזעצט און ס'איז אוועק א שמועס וועגן תבואה־פעלדער, וועגן גרינס, וועגן קאנען מילך, וואס מען שטעלט צו יעדן פרימארגן צו דער באן.

רחל איז געזעסן אף דער סאפע מיט דער מוטער. ביידע האבן זיך

געשפּילט מיט וועלוועלען, וואָס איז נאָך קיין פינף חדשים נישט אַלט געווען, זיך צוגעהערט ווי ס'קינד גודערט. רחל האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז די מורא איז פון איר אוועק, אַליין נישט געגלויבט, אַז זי טראָגט. און אַז זי טראָגט, איז וואָס? האָט זי געדאַרפט אָפּשפּילן הערשלען אַזאַ חתונה? פלאַמען זיינען אין איר אויפגעגאַנגען, האָבן איבערגעלאָזט צייכנס אָפן האַלדז, אויף די באַקן. און מיט די פלאַמען איז געקומען אַ הונגער — דער הונגער צו געבוירן, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן יונגן, צייטיקן לייב.

רחל האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קינד. וועלוול האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ ווייך הענטעלע רחלס נאָז, געשאַרט מיט די פינגערלעך איבער איר פּנים, ווי אַ יונג פייגעלע שאַרט מיט די פליגעלעך. פון פרייד האָט רחל זיך צעלאַכט און גענומען רעדן צום קינד נישט בלויז מיט דער באָבעס ווערטער, נאָר אויך מיט דער באָבעס קול:

— מיין וועלוועלע, מיין קינדעלע — — — טיו־טיו־טיו!

וועלוועלע האָט נאָכגעזאָגט:

— טיו־טיו־טיו!

— זיידע, טאַטע, — האָט די באָבע אַ פּאַטש געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט און זיך אויפגעשטעלט, — הער זיך באַטש איין, ווי דאָס מענטשעלע, קיין עין־הרע, רעדט שוין! אַזאַ פייגעלע, אַזאַ זיס שפּילפייגעלע!

פיר פּאָר אויגן, אויפגעהייטערטע, האָבן געקוקט אויף וועלוועלען, וואָס האָט פּאַרריסן די פּוכלע הענטלעך, די נאָך פּוכלערע פיסלעך, געלאַכט און געגודערט, וואָס ער איז זאַט, וואָס ס'איז אים טרוקן, וואָס ער זעט אַרום זיך באַקאַנטע פּנימער. און אין דער גילדענער מיט האָט וועלוול צעשפּרייט די פיסלעך. ס'האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ צווייגל וואַסער, זיך אויפגעהויבן אין אַ האַלבן קרייז און איז מיט אַ קלימפּער געפאַלן אָפן דיל. זיידע, באָבע, טאַטע, מאַמע — אַלע האָבן געגאַפט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַ ברכה מאַכן איבער אַ רעגנבויגן.

— דערפאַר האָב איך ליב אַ יונג, — איז די באָבע די ערשטע אַרויס־געפאַלן אָפן אייניקל, — ער מאַכט זיך קיינמאָל נישט נאַס, — און זי האָט אים גענומען אויסקושן די פיסלעך, ס'בייכל, ס'פּנימל.

— מאַמע, — האָט רחל אָוועקגעשטופּט די מוטער פונעם קינד, — וועסט דאָך אים דערשטיקן!

— טאָ נעם אים פון מיר צו, — האָט די מוטער אַ שטעק געטאָן

ס'אייניקל דער טאַכטער אין די הענט אריין, — אזא באַטעמטער, אזא באַ־שמעקטער יונג! כ'וועל אים צעבייסן!

אין שטוב איז מיטאמאָל געוואָרן שטיל, אומהיימלעך שטיל. אַלע האָבן געוואָלט דערשטיקן די פרייד, ווי מען וואָלט דערמיט באַגאַנגען אַ זינד נעגן דער געשטאָרבענער טאָכטער, נעגן אסתרן.

ווי פון זיך אַליין איז רחל אויסגעוואַקסן מיטן קינד באַ דער טיר. די באָבע האָט איינגעוויקלט ס'פּיצעלע אין אַ קאָלדרע און איז נעגאַנגען מיט דער טאָכטער צום אויטאָמאָביל.

דער יוני־אָוונט האָט געשמעקט מיט קילער לאָנקע, מיט רומיאַנעק־בליעכץ. אינעם טונקל־בלויען הימל האָט אַ שטיקל לבנה געבלישטשעט, ווי אַ קינדעריש טראָמפּייטל. און אַז דער איידעם מיט דער טאָכטער מיטן אייניקל זיינען אריין אינעם אויטאָמאָביל און די מאַשין האָט אַוועקגערעדלט, האָט די באָבע אַ זאָג געטאָן צום זיידע:

— ביסט אַ מבין, ווי זי האָט אָפּגעגוואַלדעוועט אַ פאַרנאַכט? אין אַזאַ פאַל איז די קליגסטע זאַך זיך נישט צו מישן. שריי אָפּ, שריי אָפּ, שים אויס דעם פּולווער און ס'ביקסל וועט זיך אַליין אויסלאָדענען.

די באָבע האָט נישט דערזאָגט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער זיידע האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן. ער האָט געזוכט עפּעס אַ שטערן אין הימל.ביידע האָבן געטראַכט וועגן דער פאַרשטאָרבענער טאָכטער. ביידע האָבן אָפּגעזיפצט. דערנאָך האָבן זיי אריינגעקוקט צו די קי, צו די פערד, און שטומע זיינען זיי געגאַנגען מאַכן נאַכט.

.1936

אין אַ שול

די שול „שארית־ישראל" האָט געהאַלטן באַם באַנקראָט. דעם רב איז מען שולדיק געווען פאַר אַ האַלב יאָר שכירות, דעם חזן — פאַר אַ יאָר, און אַפן שמש האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט. שטייערן, פּראָצענט פאַרן ערשטן „מאָרגעדזש", פאַרן צווייטן — אַלע זיינען צוגעשטאַנען, אַלע האָבן געמאָנט, האָבן געסטראַשעט צוצונעמען די שול. און דאָ האָט שוין ס'דריטע יאָר געבושעוועט דער קריזיס, זיך איינגעגעסן יעדן איינעם אין די ביינער. אַ טייל רייכע באַלעבאַטים זיינען פאַראָרעמט געוואָרן, אַ טייל זיינען אַוועק פונעם געגנט, און די רעשט זיינען אַזוי שווער געוואָרן אַפן בייטל, אַז מען האָט פון זיי נישט געקענט אַרויסרייסן קיין סענט. ס'אָרעמפאָלק — הענדלערס, בעל־מלאכות, זקנים־זקנות, וואָס זיינען געווען אַף קעסט באַ קינדער — זיי זיינען געוואָרן די געבערס, זיי האָבן אויסגעהאַלטן די שול.

דאָס ביסל הענדלערס, דאָס ביסל בעל־מלאכות, און דער עיקר ס'אַלט־ווארג, וואָס איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אַף יענער וועלט — זיי אַלע האָבן געשוואוירן צו בלייבן מיט דער שול, פאַר קיין געלט זי נישט איבער־צוגעבן דעם נעגער־פאָלק, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע זייטן אַפן יידישן ישוב.

דערצו האָט די יידישע געגנט געהאַלטן אין איין ווערן שיטערער. יידן האָבן זיך געצויגן אַלץ טיפער אין דער בראָנקס, זיינען פאַרקראָכן אַזש צו דער צוויי הונדערט און פערציקסטער גאַס. וואו יידן האָבן אָפּגעליידיקט אַ שטיקל ישוב, האָבן עס נעגערס גלייך פאַרנומען. זיי זיינען אָנגעקומען מיט די שכנישע גאַסן און עוועניוס, אָנגעקומען ווי אַ פינצטערע כמאַרע. אַרבעטס־לאָזע, אויסגעהונגערטע. די מאַנצבילן — שיך־פוצער, פענצטער־פוצער. די ווייבער — וועשערנס, דינסטן, דיל־פוצערנס. די אָפענע פענצטער, די טרעפּ־לעך — אַלץ איז געוואָרן באַזעצט מיט לאַכנדיקע אויגן, מיט לאַכנדיקע ציין. שוואַרץ און ווייס, שוואַרץ און רויט. און איבער די שרייענדיקע פאַרבן — הענט און פיס, וואָס רוען נישט, וואָס שטייען נישט איין, וואָס הויבן זיך,

ווערן איינס מיטן פּיפּערייַ, מיטן גראַגעריי פון די נאָך שרייענדיקערע, פאַרביקערע קלאַנגען.

„קליין אַפריקע" האָט געוואָלט אָפּקויפן די שול, געטענהט — אויב די שול איז גוט פאַר די קינדער פון ישראל, איז זי אויך גוט פאַר די נעגערס.

ס'הענדלער־פאָלק, ס'בעל־מלאכה־פאָלק, האָבן נישט געוואָלט הערן. מען האָט זיך אַליין באַשטייערט, מען האָט גענומען גיין פון טיר צו טיר, מען איז אַפילו איינגעגאַנגען אױף „ברידזש־פּאַרטיס", אַבי אָפּצוראַטעווען די שול.

ס'איז געווען אַ שטילער נאָכמיטאָג. אין דער פעדערשול זיינען געזעסן זעקס פאַרשוין — פיר מאַנצבילן און צוויי ווייבער — און מען האָט גע־שפּילט פּאָוקער. דאָס געווינס האָט געדאַרפט גיין פאַר אַ חזן אױף ימים־נוראים. פון דער פעדערשול האָבן צוויי געשניצטע טירן געפירט אין שול אַריין. די טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן. אין מזרח פון דער פעדערשול איז געשטאַנען אַן עמוד, וואו אַ מנין האָט אינדערוואָכנס אַריינגעכאַפּט אַ מנחה, אַ מעריב. אױפן עמוד האָבן געפלעמלט צוויי יאָרצייטן.

די שפּילערס זיינען געזעסן אַרום אַ לאַנגן, נישט געפאַרבטן טיש, גע־זעסן מיט פאַרחלשטע פּנימער, אָן כחות. דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך געפּאַקט אַן אויגוסט־חמימה, וואָס האָט געסאָפּעט מיט פייער. די פיר מענער האָבן איינציקווייז אַראָפּגעוואָרפן די רעק, די וועסטן. איינער האָט אַפילו אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, איז געבליבן זיצן אין פּעדערשול אין בלויזן קאָפּ. די פרויען — צוויי קרעמערקעס, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די מענער אין די געוועלבער, און אַליין זיינען זיי געלאָפן אין שול אַריין, ווי מען לויפט צו אַ דבר־מצוה — זיינען געזעסן מיט די קאָרטן אין די הענט און געפּרייכט פון דער היץ.

דער עולם האָט כמעט ווי נישט גערעדט. מען האָט קונציק טאַלירט די קאָרטן, זיי אויסגעוואָרפן, און אױפן לאַנגן, הילצערנעם טיש האָבן „טשיפּס" געקלימפּערט, ווי ביינערנע קנאָכן. אַ קרעמערקע האָט מיט איין אויג קוים אָפּגעדעקט די פאַרמאַכטע קאָרטן. ס'פּנים האָט זיך באַ איר נישט געביטן. זי האָט כלאחר־יד אַ זאָג געטאָן:

— די צוואַנציק סענט מיט נאָך צוואַנציק.

— מיט נאָך דרייסיק! — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפן דריי „טשיפּס".

מיט פערציק!

— מיט פופציק!

„טשיפּס״ האָבן געקלימפּערט, זיך געלייגט אין א בערגל — פּלים־פּלאָם, פּלים־פּלאָם. דער עולם האָט פאַרגעסן, אַז ס'געווינס גייט פאַר א חזן, וואָס וועט דאָ דאַוונען ימים־נוראים. די שפּיל האָט געצויגן, האָט אריינגעצויגן. די רואיקע, קאַלטבלוטיקע קרעמערקע האָט געהאַלטן אין איין קויפן „טשיפּס״, געהאַלטן אין איין שלעפּן קליינגעלט פונעם לייוונטענעם בייטל. און אַז ס'איז דורך א שעה און זי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרלירן, האָט די רואיקייט אין איר זיך א וואַקל געטאָן:

— ס'גייט נישט.

א הערינג־הענדלער, אין א ווייס רעקל באַלייגט מיט שיפּן, האָט גע־האַלטן אין איין געווינען. ער האָט געלייגט די „טשיפּס״ אין קלעצלעך, צו צען אין א קלעצל, צו דאָלער אין א קלעצל, און געציילט אפן קול — דריי דאָלער, פינף דאָלער, זיבן דאָלער, עלף דאָלער. די עלף געוואונענע דאָלער האָבן זיך א הויב געטאָן, זיך געטראָגן פאַרן פּנים, ווי א פּעבער, געקילט. ס'איז אים גוט געווען, דעם הערינג־הענדלער. און אַז ער האָט דערהערט, ווי די קרעמערקע זאָגט מיט א קרעכץ: „ס'גייט נישט״ — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א פראַגע:

— און אין ליבע?

— אַזאַ מזל אַף דיר!

— און אין מצוות? — האָט דער הענדלער זיך געוויצלט.

— דאָס, זעסטו, יאָ, — האָט די קרעמערקע צוגענומען דעם ערשטן קאָן און דריי מאָל אויסגעשפּיגן אַף מזל, — מצוות קאָן איך דיר פאַרקויפן און שפּאָט ביליק!

א פּעדלער מיט א קאַשיקל זאַכן האָט פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט מיט גרויס ביטול א קוק געטאָן אַפן עולם, אַף די קאָרטן. דערנאָך האָט ער איבער־געציילט די מאַנצבילן און בא זיך געטראַכט, אַז ס'וועט שוין היינט צו מנחה קיין מנין נישט זיין.

דער פּעדלער האָט זיך אוועקגעשטעלט באַם עמוד. ער האָט געקוקט אַף די יאָרצייט־לעמפּלעך און געדאַוונט מנחה. נאָך מנחה האָט ער א דריי געטאָן א פאַרוויטיקט פּנים צו די שפּילערס, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זאָגן. ער איז אָפּגעקומען מיט א טיפן זיפץ. דער פּעדלער האָט אָפּגעזאָגט קדיש, גע־נומען ס'קאַשיקל זאַכן און באַם ארויסגיין האָט ער פון געוואוינהייט א זאָג געטאָן צו די שפּילערס:

— זעקס סענט א פּאָר זאָקן. צוויי פּאָר פאַר צען.

קיינער פון די שפּילערס האָט זיך נישט אומגעקוקט אָפן פּעדלער, אַפילו נישט געהערט וואָס ער זאָגט. אין קאָן זיינען געלעגן צען דאָלער. די שפּיל איז געווען אַ היציקע, אַז אַזאַרטנע. פון צען סענט „סטאַווקע" איז מען איבערגעגאַנגען אַף פינף־און־צוואַנציק. די איבעריקע דריי שפּילערס זיינען שוין אויך געזעסן אָן די קאַפּעליושן, האָבן זיך געוויגט איבער די קאָרטן, ווי מען וויגט זיך איבער אַ שווער שטיקל גמרא. דער הערינג־הענדלער האָט אויסגעזונגען:

— נאָך עטלעכע אַזוינע קאָנען און מיר האָבן ס'געלט פאַרן חזן.

— יאָ, פאַרן חזן, — האָט די באַלייבטע קרעמערקע אונטערגעכאַפּט און זיך געשוּבעט, — אויב ער רייסט אַזוי, איז איינס פון די ביידע: אָדער ער „בלאָפט", אָדער ער האָט אַ „סטרייט".

— ער בלאָפט! — האָט דער דריטער אַרויסגעהאָלפן.

אַ פּופּצניאַריק בחורל איז אַריין אין פּעדערשול. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף די שפּילערס און ס'אויסגעדאַרטע, בלאַסע פּנים איז רויט געוואָרן, באַלד ווידער בלייך. ער האָט מיט אַ טענה צענומען די הענט:

— כ'דאַרף זאָגן קדיש!

— טאָ זאָג!

— ווי קען איך זאָגן, אַז איר זיצט אין די בלויזע קעפּ?

— טוט טאַקע אָן די קאַפּעליושן, — האָבן די ווייבער זיך אַריינגעמישט, — נישט געפערלעך, איר וועט נישט צעשמאָלצן ווערן.

ס'בחורל האָט געקוקט אַף די שפּילערס מיט אַזאַ שנאה און מיט אַזאַ עקל, אַז די שפּילערס האָבן זיך גענומען פאַרענטפערן צווישן זיך:

— דער „באָי" מיינט אודאי, אַז מיר זיינען שטענדיקע קאָרטן־שפּילער.

ס'בחורל איז צוגעגאַנגען צום עמוד. ער האָט געוואַרט, אַז אין פּעדערשול זאָל פאַר אַ ווײַלע ווערן שטיל. די „טשיפּס" האָבן געקלימפּערט. די ווערטער: „סטרייט", „פול־הויז", האָבן געשטערט, האָבן זיך אַריינגעגאָסן אינעם יינגלס קדיש.

מיטאַמאָל האָט זיך ס'בחורל אָפּגעריסן פונעם עמוד. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די שפּילערס מיט אַזאַ אימפּעט, אַז יעדער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אַף זיין ביסל געלט און געגלאָצט מיט די אויגן. ס'בחורל האָט זיך צעשריען מיט אַן אומגעהאַריש קול:

— הערט אויף צו קלימפּערן מיט די „טשיפּס", הערט אויף צו שפּילן אין קאָרטן. מיין טאַטע איז די וואָך געשטאָרבן און כ'וויל זאָגן קדיש.

— דאָס שפּילן איז פאַר דער שול, — האָט זיך איינער אָפּגערופן.

— ווען מיר שפּילן נישט, וואָלסטו נישט געהאַט וואו צו זאָגן קדיש, — האָט א צווייטער א זאָג געטאָן.

— קענט איר נישט אויפהערן צו שפּילן ביז כ'וועל אָפּזאָגן דעם קדיש? — איז ס'קול באַם בחורל געוואָרן ווייכער, — מיין טאַטע איז די וואָך געשטאָרבן.

— גיי זאָג קדיש, גיי זאָג, — האָט א קרעמערקע א הויב געטאָן מיט דער האַנט אַלע זאָלן זיך אויפשטעלן.

די מאַנצבילן — די קאַפּעליושן פאַרדרייט, די קאָרטן אין די הענט — זיינען געשטאַנען מיט נאַרישע פּנימער, געשטאַנען און געוואַרט זיי זאָלן קענען נאָכזאָגן אָמן.

1935.

יחוס

זלמן האָט צוגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל צום אויער און זיך איינגע־הערט. און אַז אַ מיידל האָט געלאָזט וויסן: „מאַטראַץ קאָמפּאַני" — האָט דאָס קול באַ זלמנען אַ ציטער געטאָן:

— זייט אַזוי גוט און פאַרבינדט מיך מיט מיסטער דייוו פייגין.

— ווער רעדט?

— מיסטער פייגינס אַ שוועסטערקינד.

ס'איז אַ ווייל געוואָרן שטיל. די שטילקייט וואָס נעמט־צו דעם אָטעם. דערנאָך האָט דאָס מיידל געלאָזט וויסן:

— מיסטער פייגין איז איצט נישטאָ.

איבער אַ וואָך האָט זלמן דריי־פיר מאָל אַ טאָג געקלונגען צום שוועסטערקינד אין פאַבריק אַריין, און אים אַלץ נישט געקאָנט כאַפּן. יעדעס מאָל דאָס זעלבע מיידל, דאָס זעלבע קול, די זעלבע פראַגעס, ווי אַף יענער זייט טעלעפאָן וואָלט נישט געשטאַנען קיין מענטש, נאָר אַן אויטאָמאַט. נאָך יעדן טעלעפאָנירן האָט זלמן געשאָלטן, זיך געוואונטשן נישט צו האָבן מער מיטן שוועסטערקינד קיין מגע ומשא. ער איז געווען זיכער, אַז דייוו וויל אים נישט זען, קוועטשט אודאי מיט די פּלייצעס, וואָס אַ שוועסטערקינד, אַ קבצן האָט זיך אָנגעזעצט אַף אים. און וואָס לענגער דער פאַבריקאַנט האָט אים אויסגעמיטן, אַלץ שטאַרקער איז אין זלמנען געוואַקסן די עקשנות. ער האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרטן פייגינען אין גאַס, לעבן דער פאַבריק, געפילט אַז ניט בלויז ער, זלמן, נאָר יעדער אַרבעטער האָט אַ חלק אין דייווס עשירות.

פאַר די צוועלף יאָר, וואָס זלמן איז געווען אין ניו יאָרק, האָט ער זיך מיטן רייכן שוועסטערקינד געזען בלויז אַף חתונות און לויות. און דאָס אויך נאָר עטלעכע מאָל. און אַז פייגין, דער גביר, האָט פאַררייסן דעם קאָפּ, האָט זלמן, דער אַרבעטער, העכער פאַררייסן דעם קאָפּ, געוויזן אַז ער האָט דעם רייכן פאַבריקאַנט אין דער אַדמה. און די שוועסטערקינדער וואָלטן מן הסתם אַזוי זיך אויסגעלעבט די פאַר יאָר, האָט זיך אָבער אונטערגערוקט דער קריזיס. וואו אַ סענט, וואו דעם ווייבס אַ שטיקל צירונג, אַלץ איז שוין

לאַנג געפּטרט, פאַרזעצט. די אַכט חדשים, וואָס זלמן האָט נישט געאַרבעט, האָבן זיך שווער געלייגט אַף אים. דער פאַרריסענער קאָפּ האָט זיך גענומען בויגן און די נויט האָט אים געטריבן צום רייכן שוועסטערקינד.

ס׳איז געווען זיבן אינדערפרי. די פאַבריק איז נאָך געווען פאַרמאַכט. זלמן האָט זיך געדרייט איבער פּאַרק עוועניו, וואו פון איין זייט האָבן זיך געצויגן פאַבריקן, גאַראַדזשן, אַ שפּיטאָל פאַר פערד און הינט, און פון דער צווייטער זייט, צווישן אייזערנע צוימען, האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן באַנען.

ער איז געבליבן שטיין. האָט נאָכגעקוקט ווי אַ באַן אַנטלויפט, לאָזט נאָך זיך איבער דעם קלימפּער פון רעדער און שינעס. קיין גראָז, קיין ביימער. פאַרשטויבטער זשוויר אָן אַ גלאַנץ, און איבערן זשוויר אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט, „פּייער-עסקייפּס", פאַרמאַזשעטע שויבן. טעלעגראַף-דראָטן האָבן גע-זשומט, זיך אויסגעמישט מיטן קלאַפּעריי פון מילך- און ברויט-וועגעלעך. און איבער די מויערן, איבער דער עוועניו, האָט זיך דאָ און דאָרט געהויבן אַ פאַבריק-קוימען, געשפּריצט קייטעלעך רויך.

זלמן האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, ארומגענומען דעם טיפן בלויען הימל און זיך אָנגעכמורעט:

— שוין ווידער מאַי.

דאָס בלויזע וואָרט האָט געווירקט אַף אים. ער האָט זיך אַ צי געטאָן, געוואָלט ארויס פון זיך, געוואָלט אריין אין אַ לעבן, וואָס איז געווען ווייט פון אים. ער האָט געזוכט מיט די אויגן צווישן די געפּלאַסטערטע שטיינער. דאָ אַ יונג גרעזל, דאָרט אַ יונג גרעזל. דערצו איז די פרימאָרגן-לופט פול געווען מיט אומרו, מיט פרילינג, מיט ריחות וואָס צענעמען.

אין זלמנען, איבער זלמנען, האָט אַ בלאָז געטאָן מיט אַ שטיק לעבן פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

ס׳איז געווען מאַי. זלמן און דוד, צען-יאָריקע יינגלעך, זיינען אוועק מיטן באַגינען אַף אַ „מאַיעווקע" צו דער באַן, וואָס איז געלעגן אַף יענער זייט וועלדל. דער פרימאָרגן האָט געשמעקט מיט טוי, מיט בעז, מיט צע-בליטע בעריאָזעס. בא דער באַן-בודקע האָבן זיי געטרונקען פריש געמאָלקענע מילך, געגעסן ראָזעווע ברויט מיט פּוטער, געגלויבט דעם „דרוזשניק", אַז מאַיאָווע פרימאָרגנס ברענגען פרייד, ברענגען גליק, פאַרטרייבן פון מענטשן יעדן טרויער.

די ריחות, מענטשלעכע ריחות, פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט זלמן איצט געטראָגן צו דודן, צום שוועסטערקינד זיינעם. זיי זיינען דאָך

צוזאמען געוואקסן. אויב נישט קיין ליבלעכע ברידער, זיינען זיי דאך אלץ ברידער, און א ברודער לאזט מען נישט פאלן.

אן אויפגעהייטערטער איז זלמן אריין אין דער פאבריק. ער האט זיך בא קיינעם גארנישט געפרעגט און זיך געלאזט צום אפיס. אן אנגעשטעלטער איז אים פארלאפן דעם וועג:

— וועמען דארפט איר?

— מיסטער פייגין.

— ער איז נאך נישטא.

— קענט איר מיר נישט זאגן ווען ער קומט?

— וואס דארפט איר פון אים?

— מיר זיינען קאזינס.

— קאזינס? — האט דער אנגעשטעלטער אים אפגעמאסטן מיט א פארדעכטיק אויג און זיך אנגערופן, — איר קענט צוואווארטן. מיסטער פייגין דארף יעדע מינוט אריינקומען.

די פארשטיקטע פאבריק, די שורות ארבעטער, וואס זיינען געשטאנען איבער אנגעצויגענע מאטראצן, אלץ האט זיך שווער געלייגט אפן אויפגעהייטערטן זלמנען. ער האט זיך א לאז געטאן צום ארויסגאנג, געוואלט באגעגענען דייוון אף דער גאס.

אן אויטאמאביל האט זיך אפגעשטעלט פאר דער פאבריק. פייגין, א געוויקסיקער, אין א ליכטיקן אנצוג, איז ארויס פון דער מאשין. זלמן האט געזוכט אין זיך, ארום זיך, דאס שטיק לעבן פון א פערטל יארהונדערט צוריק, עס געוואלט אונטערטראגן דייוון. דאס שטיק לעבן איז שוין געהאט אויסגערונען. אן אויסגעלאשענער איז זלמן אונטערגעגאנגען:

— האלא, דייוו.

דייוו האט פון דער זייט א דריי געטאן דעם קאפ, א קוק געטאן אף זלמנען און גענומען ציען דעם ציגאר, וואס האט נאכלעסיק געשטעקט אין מויל-ווינקל. ער האט זיך א ווײלע געקווענקלט און מעשה באלעבאס א זאג געטאן:

— וואס הערט זיך, זלמן?

— נישט פריילעך.

— וואס, ארבעטסט נישט?

— שוין אכט חדשים ווי כ׳גיי ארום ליידיק.

— איז טאקע נישט פריילעך.

דייוו פייגין האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם אויטאָמאָביל־שלאָס. זלמן האָט זיך געערגערט, חושד געווען, אַז דייוו האָט קיין חשק נישט, ער, זלמן, זאָל מיטגיין אין אָפּיס אַריין. וואָס שווייגט ער? פאַרוואָס זאָגט ער עס אים נישט? ער האָט דערפילט ווי דייוו נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט:

— זלמן, דאַרפסט אפשר עטלעכע דאָלער?

— וואָס וועל איך זיין געהאָלפן מיט עטלעכע דאָלער?

ביידע האָבן געשוויגן. פּנימער ענלעכע, ווי בא ליבלעכע ברידער, האָבן זיך אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן אַריין. זלמן האָט נישט געבעטן, געפּאָדערט:

— כ'וויל בא דיר אַ שטעל.

— בא מיר? — האָט דייוו פאַרצויגן דעם ציגאַר, גיכער גענומען לאָזן בלעזלעך רויך און יעדער קנייטש אין פּנים האָט זיך געישובט. — וואָס שטייען מיר דאָ? קום אַרויף!

אין אָפּיס האָט דייוו אויסגעטאָן דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש און אַז ער האָט שטייענדיקערהייט געהאַט דורכגעקוקט די בריוו, וואָס דאָס אָפּיס־מיידל האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר:

— מיס ראָוז, לאָזט אונדז אַ ווײַלע אַליין.

ווען זיי זיינען געבליבן אַליין, זיך אַוועקגעזעצט פון ביידע זייטן טיש, האָט דייוו אַוועקגעלייגט דעם ציגאַר אָפן אַש־טעצל. ער האָט גענומען אַ בלייפעדער און זיך צערעדט:

— ווייסט אודאי נישט וויפיל אַן אַרבעטער פאַרדינט בא די מאַטראַצן. אַ גוטע „האַנט" אַרבעט אויס אַכצן, צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. דער דורכשניט אָבער איז פערצן, זעכצן דאָלער. דו וועסט אָבער דאָס אויך נישט אויסאַרבעטן, ביסט אַ „גרינער" אינעם פאַך, דאַרפסט ערשט אָנקומען אַף דער לער.

— איז וואָס? — האָט זלמן צונישט געמאַכט די אַלע שוועריקייטן, — וועט נעמען אַ וואָך, וועט נעמען צוויי וואָכן, און כ'וועל זיך אויסלערנען די תורה. זאָגסט, מען פאַרדינט ווייניק? און אַז כ'דריי זיך שוין אַרום איבער אַ האַלב יאָר ליידיק איז בעסער?

בשעת זלמן האָט גערעדט, האָט דייוו מיט דער בלייפעדער אויסגעשטעלט אַף אַ קאָנווערט שורות ציפערן און אָפן אָרט זיי אויסגעשטראָכן. ער האָט מיטאַמאָל אַ בויג געטאָן איבערן טיש דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער:

— הער, זלמן, אויב דו וועסט איינגיין צו בייטן דעם נאָמען דיינעם, וועסטו בא מיר קריגן אַרבעט.

— פאַרוואָס עפּעס בייטן דעם נאָמען ? — זיינען די אָנגעכמורעטע אויגן בא זלמנען געוואָרן גרעסער.

— שטייט מיר נישט אָן, אַז מיינס אַ שוועסטערקינד . . .

— אַז ס'שטייט מיר אָן, דייוו, — האָט זלמן אים איבערגעריסן, — מעג דיר אודאי אָנשטיין.

— דיר מעג אָנשטיין, — האָט דייוו אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער בלייפעדער אין טיש, — און מיר שטייט נישט אָן. איך, דער אייגנטימער פון דער פעקטאָרי, הייס פייגין, און דו . . . מיינס אַ שוועסטערקינד, וואָס איז אָנגעקומען אַף דער לער, הייסט אויך „מיסטער פייגין”. ס'איז דאָך אַן אומזין!

— קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז מיר זיינען שוועסטערקינדער, — האָט ס'בלוט אַ שלאָג געטאָן זלמנען אין די שלייפן.

— אודאי דאַרף עס קיינער אין דער פעקטאָרי נישט וויסן, — האָבן דייווס געקנייטשטע מויל־ווינקלען זיך גענומען אויסגלייכן, — און זיי נישט קיין יאָלד און בייט דעם נאָמען.

— דאָס נישט, דייוו.

— וועסט בא מיר נישט קענען אַרבעטן.

— האָב איך דיך אין דר'ערד! — האָט זלמן זיך אַ הויב געטאָן.

— אויב דו האָסט מיך יאָ אין דר'ערד, — האָט דייוו אַ בלאַסער זיך אויך אַ שטעל געטאָן און געוויזן אַף דער טיר, — זיינען מיר קוויט. גוד־באַי!

— הערסט, מיסטער פייגין, — האָט זלמן, מיט רציחה אין די הענט, אין די אויגן, זיך אַ לאָז געטאָן צום שוועסטערקינד, וואָס איז געשטאַנען אָן מראה אין פּנים און געדריקט אַן עלעקטריש קנעפּל, — הערסט, מיסטער פייגין, כ'האָב דיך טיף אין דר'ערד מיט דיין געלט, מיט דיינע מאַטראַצן!

ס'זיינען אָנגעלאָפן צוויי אָנגעשטעלטע, גענומען אַרויספירן זלמנען.

.1934

אין שאָדן

אַ פּאָר פערד, געשפּאַנט אין אַ לײַכטער ברישקע, זײַנען אַרום האַלבער נאַכט אַרויס פֿונעם סאָסנאָוון װאַלד. די פערד האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, געדרייט די קעפּ דאָ רעכטס, דאָ לינקס, ווי זיי וואָלטן זיך געישובט — פֿאַרנעמען זיך מיטן שאָסיי, צי מיטן זאַמדיקן וועג? מיטן שאָסיי אין שררהשן הויף אַריין איז געווען איבער צוויי וויאָרסט און מיטן שמאָלן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן פֿעלדער — אַ קנאַפּע וויאָרסט.

דער עקאָנאָם האָט מיט ביידע הענט אַזאַ צי געטאָן די לעדערנע לייצעס, אַז די פערד מיט דער ברישקע האָבן גענומען גיין אַף קריק. דער עקאָנאָם האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיטן זאַמדיקן וועג. ער האָט אָבער געוואַרט, וואָס דער שררה וועט זאָגן. דער יונגער בליאַש, וואָס האָט נישט לאַנג געהאַט איבערגענומען בײַ זײַן פֿאָטער דאָס גוט, האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿאַרנעם זיך מיט די פֿעלדער.

די פערד האָבן אַ ריס געטאָן די ברישקע, זײַנען אַרײַן אין די אויסגעפֿאָרענע זאַמדן. ס'איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן. אַ האַלבע לבנה מיט אַ פֿינקלדיקן שטערן זײַנען נאָכגעלאָפֿן דער ברישקע. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס קרעכצן פֿון די רעדער אַף די אַקסן. באַרגאַרויף האָבן די פערד גענומען גיין פּאַמעלעכער, געשמיסן מיט די ווײַדלען איבער די זײַטן. רעכטס — קאָרן. די הויכע זאַנגען האָבן זיך געבויגן אונטער די שווערע קעפּלעך. לינקס — אַ פֿעלד האָבער. פֿונעם האָבער איז אויפֿגעגאַנגען אַ ליכטיקייט, אַ לבנה־ליכטיקייט. די צעוואָרפֿענע סאָסנעס האָבן געפֿינקלט מיט בלוילעכן זילבער, און די צווײַגן, די נאָדלען, האָבן געטריפֿט מיט נאַכט־טוי, געטריפֿט מיט ריחות, וואָס צענעמען, וועקן אומרו און פֿאַרשיכורן.

צוויי געפּענטעטע פערד, וואָס זײַנען פֿאַרקראָכן אינעם האָבער, האָבן אוועקגעלייגט הינטער זיך די זאַנגען, ווי ס'ליגט זיי אַוועק אַ שלאַקס־רעגן.

— פֿאַרנעם די פערד, — האָט בליאַש אַרויסגעכאַפּט באַם עקאָנאָם די

לייצעס, — כ'וועל זיי אָנלערנען, די כאַמעס, ווי מען לאָזט אריין פערד אין שאָדן!

דער עקאָנאָם איז אראָפּ פון דער בריטשקע. נאָך אים בליאַש. דער יונגער בליאַש האָט מיטגענומען אַן אייזערנעם שטעקל. ס'האָט זיך געהערט ווי ער פּאָכעט דערמיט אין דער לופט.

דער פּויער, וואָס האָט אריינגעלאָזט די פערד אינעם שאָדן, איז געלעגן אויף דער מעזשע, וואָס האָט אָפּגעטיילט ס'קאָרענע פעלד פונעם ווייצענעם. דער פּויער איז געשלאָפן אָפן בויך. לעבן אים איז געלעגן אַ הונט. דער הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, איז אַ שפּרונג געטאָן אָפן עקאָנאָם. דער עקאָנאָם האָט אַזאַ זעץ געטאָן מיטן שטיוול דעם הונט אין בויך אריין, אַז ס'האָט אָפּגעשלאָגן ווי אין אַ פּויק. דער הונט איז אַ פאַל געטאָן אין גראָז אריין. דער יונגער בליאַש האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער האָט אַ הויב געטאָן דעם אייזערנעם שטעקן, אָפּגעמאָסטן דעם פּויער איבער די פּלייצעס, איבערן געזעס. דער פּויער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן געזעס, פאַר די פּלייצעס, זיך איבערגעקייקלט מיט אַ פאַרשטיקט געשריי, און איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך געדרייט אַ וויילע אין אַ רעדל, ווי ער וואָלט געזוכט דעם הונט, און גענומען רופן:

— בורעק! וואו ביסטו, בורעק? מען שלאָגט דיין באַלעבאָס, אַ דונער זאָל דיך דערשלאָגן!

דער הונט האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פאָדערשטע פיס, אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, זיך צעהיילט אויסגעצויגן און שפּיציק, און נישט געקענט זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס.

— אַזוי, רופסט דעם הונט, ווילסט אים נאָך אָנרייצן אויף מיר, דו חזיריש אויער?! — איז דער עקאָנאָם פאַרפאָרן דעם פּויער אין די ציין אריין איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַז דער פּויער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז קוים געבליבן שטיין אויף די פיס, — פאַרוואָס האָסטו אריינגעלאָזט די פערד אין שאָדן אריין?

דער פּויער האָט גלייך נישט געענטפערט. זיינע קליינע, גרויע צע־שראָקענע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן גרעסער, זיינען פול געוואָרן מיט רציחה.

מיט אַ צען יאָר צוריק זיינען ביידע — אי דער פּויער, אי דער עקאָנאָם — געווען האָלצהעקער. ביידע האָבן געלעבט אינעם ליפּאָווצער וואַלד. ווי די ניטער און דער וואַלד זיינען איבערגעגאַנגען צו די בליאַשעס, האָט דוכנאָ

(אזוי האָט געהייסן דער עקאָנאָם) גענומען וואקסן. ער האָט ביסלעכווייז איבערגעריסן מיט די אַמאָליקע באַקאַנטע, זיך אויפגעהערט גריסן מיט זיי, געפאָדערט מען זאָל אים רופן „פּאַניע עקאָנאָם". און אַז מען האָט אים נישט אָפּגעגעבן כבוד, פלעגט ער פאַרפאָרן אין די ציין, פלעגט אונטערהאַקן אַ זייט.

דער פויער האָט עס איצט דערפילט אויף זיך. פון פאַרדראָס האָט ער אזוי צונויפגעקוועטשט די ציין, אַז עס איז אים געוואָרן געזאַלצן אין מויל. בלוט איז בײַ אים געגאַנגען פון די יאַסלעס. דאָס האָט דעם פויער אַרייַנ־געוואָרפן אין אַזאַ רציחה, אַז אָנשטאָט צו פאַרענטפערן זיך, האָט ער אַ שליידער געטאָן דעם עקאָנאָם אין פּנים אַרײַן:

— און דו, דוכנאַ, האָלט בעסער דײַנע חזירשע הענט אין די קעשענעס, אַז נישט וועט מען זיי דיר אויסדרייען ווי פּיילנבויגנס!

— ווער, דו?

דער פויער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו ענטפערן. דער עקאָנאָם האָט אַ הויב געטאָן בליאַשעס אייזערנעם שטעקן און גענומען שלאָגן דעם פויער. ער האָט געשלאָגן מיטן שטעקן, מיט די פויסטן, מיט די שטיוול, לאַנג געשלאָגן, וואָס אַמאָל שטאַרקער, אויסגערעכנטער, געוואָלט, דאַכט זיך, מיט די קלעפּ איבערשרייען דעם פויערס קולות, דעם הונטס בילן. און אַז דער עקאָנאָם איז בײַ זיך שוין געוואָרן זיכער, אַז ער האָט איבערצייגט דעם יונגן באַלעבאָס, ווי געטריי ער איז אים, האָט דער כעס זיך בײַ אים גענומען טאַמעווען. דער עקאָנאָם האָט אויפגעהערט שלאָגן. און אַז בליאַש האָט זיך געלאָזט צו דער בריטשקע, האָט דער עקאָנאָם זיך אַ בויג געטאָן איבערן פויער, גערעדט מיט אַן אַנדער קול, מיט אַ שטילערס, ווי ער וואָלט געוואָלט אימעצן איבערבעטן:

— נו, יאַן, הויב זיך אויף, הויב זיך אויף, יאַן. און דו מיינסט איך האָב דיך געוואָלט שלאָגן? און דו מיינסט, אַז דוכנאַ איז געוואָרן אַ היצעל, אַ הונטשלעגער? ס'האַרץ מיינסטו טוט מיר נישט וויי, וואָס איך האָב אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ ברודער, אויף אַ לייבלעכן ברודער? גיי און פאַל דעם פּאַן באַלעבאָס צו די פיס, בעט אים איבער, וועט ער די פערד דײַנע נישט פאַרנעמען. נו גיי, זאָגט מען דיר!

דער פויער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, ווי דער הונט זײַנער — אַ הונדערט פּוס ווייטער — אָנגעקוקט דעם עקאָנאָם און גאָרנישט געענטפערט. דער עקאָנאָם האָט זיך געפרעגט בײַם באַלעבאָס:

— און מיט די פערד, פּאַניע באַלעבאָס, וואָס זאָל מען טאָן ? זיי פאַר־נעמען ?

— ניין, — איז בליאש אריין אין דער בריטשקע.

— וועט ער דאָך מאָרגן ווידער אַריינלאָזן די פערד אין שאָדן, — האָט דער עקאָנאָם מיטן אייזערנעם שטעקן אַרויסגעטריבן די פערד פון דעם ווייץ.

— ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, — האָט בליאש אַ נעם געטאָן די לייצעס אין ביידע הענט און געזאָגט צום עקאָנאָם — שפּרינג אַריין !

ווי די פערד זיינען אַוועק מיט דער בריטשקע, האָט זיך יאַן אויפגעשטעלט. אַלץ האָט ווי געטאָן — דער קאָפּ, די פּלייצעס, די הענט, די פיס. פון די יאַסלעס איז געגאַנגען בלוט. יאַן האָט זיך דערשלעפּט צום הונט. דער הונט האָט אים אויסגעלעקט די הענט, דאָס פּנים. דער פויער האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט טרערן. די האַלבע לבנה, אַ בלאַסערע, האָט זיך געררוקט קיין מערב. דער פינקלדיקער שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן. ס'איז געוואָרן טונקעלער.

יאַן, דער הונט, די פערד — אַלע האָבן זיך געשלעפּט אַהיים. די פערד האָט יאַן אַריינגעפירט אין שטאַל אַריין, דעם הונט — אין שטוב אַריין. ס'ווייב האָט זיך איבערגעוועקט, זיך געפרעגט : „וואָס שלעפּסטו זיך אַרום ווי אַ נישט־גוטער, יאַנעק ?" — און זי איז קריק איינגעשלאָפן.

יאַנעק איז קריק אַרויס אָפן הויף. ער האָט זיך געישובט — זאָל ער גיין אין הויף אַריין, צי זאָל ער פאַרקערעווען צו דובנאָן, דעם עקאָנאָם ?

ער האָט נאָך איצט שטאַרקער צונויפגעקוועטשט די ציין, געפילט ווי ס'בלוט רינט פון די יאַסלעס. ער האָט אַריינגעלייגט אין זיין קעשענע אַ פּעקל שוועבעלעך, אין דער צווייטער — אַ פלעשל נאַפט און אַ צעווייטיקטער, אַ צעשלאָגענער, האָט ער זיך געלאָזט מיט די פעלדער צום עקאָנאָם.

.1936

אף רעליף

אין דער קעלער־שטוב, וואו די פענצטער זיינען ארויס אין הויף, איז דער אוונט צוגעפאלן מיט א שעה פריער. מיטן אוונט האבן טרויער און שרעק זיך פארקליבן אין די צוויי צימערלעך מיט דער קיך, וואו די קאלטנס האבן געוואוינט.

איבערן גאז־אויוון האט זיך געבויגן מיסעס קאלטן, א שמאלע, אן איבערגעוואקסענע, מיט א צעווייטיקט פנים. זי האט געריבן שוועבעלעך, געוואלט אנצינדן די גאז און געליטן וואס די שוועבעלעך ברענען זיך אויס און דער גאז ברענט נישט. ארום די דארע פיס האבן די אויסגעברענטע שוועבעלעך זיך געליגט, ווי א קרענצל. מיט יעדן רייב פון א שוועבעלע — א פלעמל, מיט יעדן פלעמל — א שפרוך:

— וואס טוט מען, אז ס'וויל נישט ברענען? — פישעלע ווינט עסן, וועלוועלע וויינט עסן און חיים וועט באלד אויך אנלויפן פון גאס א הונגעריקער. וואס טוט מען, אז ס'וויל נישט ברענען?

דאס דריי־יאריקע פישעלע האט אן אויטאמאביל איבערגעפארן אף טויט. דאס איז געווען מיט פינף יאר צוריק. בא דער מוטער מיטן מיש אין קאפ האט פישעלע געלעבט. זי האט אים אויסגעוויקלט מיט שמאטעס, ווי מען וויקלט אוים א גרויסע ליאלקע, און האט זיך ארומגעטראגן מיט אים.

דער פופצן־יאריקער וועלוול, העכער און דארער, ווי די מוטער, האט כמעט מיט איר ווי נישט גערעדט. ער האט זיך אי געשראקן פאר איר, אי געהאט תרעומות צו דער וועלט, וואס דוקא אים קומט א מאמע מיט א מיש אין קאפ. קליינערהייט די ענגלישע קרענק. פישלען האט אן אויטאמאביל דערהרגעט, און דער טאטע ארבעט קיינמאל נישט — פלאגט זיך און הונגערט. און די קינדער בא איין פעטער, בא א צווייטן, בא א דריטן — האבן צופיל. וועלוול האט זיי אלעמען פיינט געהאט. די שנאה האט אין אים געוועקט א ליבע צו געלט, צו עשירות. וועט ער האבן געלט — וועט ער נקמה נעמען פון די פעטערס, פון די געשוועסטערקינדער. פון קליינערהייט אן האט ער געהאלטן אין זאמלען. פריער פענעס, ניקלס, איצט

צו פופצן יאָר — דאָלאַרן. די קינדער וואָס הונגערן צו אין דער היים, שטיצט די היי־סקול מיט זעקס דאָלער אַ חודש. שוין דעם דריטן חודש, ווי וועלוול קריגט צו זעקס דאָלער. ער גיט עס נישט אַוועק די עלטערן. דער פֿאָטער האָט אים שוין געמאַכט סקאַנדאַלן, זיך שוין געשלאָגן מיטן זון און וועלוול האַלט זיך באַ זיינס — ניין, ניין און ניין! ער וועט נישט געבן. דערעסט ער נישט אַ טאָג אין שטוב, כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ קאַפעטעריע. ס'גלעט זאַמלט ער אין אַ באַנק. און מיטן זאַמלען וואַקסן חלומות — ער וועט זיך קויפן אַ ראַדיאָ, ער וועט פאַרבעטן די רויטע בעסי אין אַ „מואווי" און ער וועט מאַכן פאַר זיינע חברים באַ זיך אין צימער אַ „פּאַרטי".

און חיים? חיים איז טאַקע אָנגעלאָפן פון גאַס. אַ שטיק אומרו פון הויט און ביינער. ער איז אַריין אָן אַ ראָק, אָן אַ היטל, איז אַריין ווי אַן אויסגעשאָסענער. ער איז צו צום ווייב און האָט אַ כאַפּ געטאָן פון איר ס'שאַכטל שוועבעלעך:

— וואָס צינדסטו, וואָס? ווייסט דאָך, אַז די גאַז איז נישט אָפן!

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו דער טיר, וואו ס'איז געשטאַנען אַ יונגער־מאַן אין ברילן, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם. חיים האָט געוויזן דעם יונגנ־מאַן אָפן ווייב, אַפן קרענצל שוועבעלעך, וואָס זיינען געלעגן ווי אַ כשוף־קרייז אַרום אירע פיס און צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן:

— זי האָט אַ ריס אין קאָפּ.

— נאָך נישט געעפנט? — האָבן די אויגן באַ מיסעם קאָלטן אומ־היימלעך אויפגעלויכטן.

זי איז מיט דראָבנע טריט אַוועק פון אויוון און האָט זיך צוגעזעצט באַם פענצטער, וואו איר פּישעלע איז געלעגן אַן אויסגעוויקלטער פון שמאַטעס.

דער פּאַרשוין אין די ברילן און מיט דער טעקע איז געווען אַ „רעליף"־אָנגעשטעלטער, וואָס פלעגט פון מאָל צו מאָל אַריינפאַלן צו חיימען. די שטאָט האָט חיימען געשטיצט מיט אַכט דאָלער אַ וואָך, וואָס זיינען געווען נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן. דער רעליף־אָנגעשטעלטער האָט געדאַרפט אויסגעפינען, צי אַזאַ היים נאַרט אַמאָל נישט אָפּ די שטאָט, צי ער האָט נישט אַ זייטיק פאַרדינסטל. דאָ האָט חיים געכאַפּט דעם פּאַרשוין און אָפּדערציילט פאַר אים זיין ביטער האַרץ — אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי — ס'ווייב איז משוגע, דער זון וואַקסט אַ פרעמדער, גיט דעם פאָטער

קיין גוט וואָרט נישט. פון דער פריערדיקער דירה, וואו חיים איז שולדיק געבליבן פאַר דריי חדשים, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן. צוויי מעת־לעת האָט ער מיטן ווייב, מיטן זון, מיטן ביסל בעבעבעס זיך געוואַלגערט אַף דער גאַס. קרובים האָבן צונויפגעקלאַפּט פאַר אַ חודש דירה־געלט און מען איז אַריין אין דער קעלער־שטוב. ס׳גרעסטע צימער האָט פאַרכאַפּט וועלוול. פאַרוואָס קומט אים ס׳גרעסטע צימער, ווען טאַטע־מאַמע דאַרפן זיך שטיקן אין אַ קלענער צימער? ווער אָבער וויל זיך דאָס אַרומרייסן, אַרומשלאָגן מיט וועלוולען? און דאָ זיצן מיר שוין באַלד אַ וואָך אָן גאַז. כ׳רעד שוין נישט פון אַ לעפל געקעכץ. אַ גלאָז טיי קען מען נישט אויפקאָכן. און פון דעם טרוקענעם עסן האַלט מען אין איין שלוקערצן. דערצו זיצט מען אין דער פינצטער. בעט איך זיך באַ וועלוולען — האָסט אין באַנק אַכצן דאָלער — באָרג מיר צען. כ׳וועל לאָזן עפענען די גאַז. און ער — ניין און ניין און ניין! בעט איך אייך, רעדט איר מיט אים, פאַר אַ שטאָט־אָנגעשטעלטן וועט ער אפשר מער דרך־ארץ האָבן, ווי פאַרן טאַטן.

דער שטאָט־אָנגעשטעלטער האָט זיך אויסגעווישט די ברילן און איז נאָכגעגאַנגען חיימען. זיי זיינען אַריין צו וועלוולען אין צימער. באַם אַריינקומען האָט וועלוול אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ פון בעטל, וואו ער איז געלעגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן פאָטער, דערנאָך אַפן פרעמדן. וועלוול האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס פונעם בעטל און איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— האַלאָ, ווילי, — האָט דער פרעמדער אים באַגריסט, — ווייסט ווער איך בין?

— אַ רעליף־אָנגעשטעלטער, — האָט וועלוול נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ געענטפערט.

ס׳איז געוואָרן אַ ווייליע שטיל. דער פרעמדער האָט אַ וואונק געטאָן צום פאָטער, ער זאָל אַרויס, און אַז חיים איז אַרויס פון צימער, האָט דער רעליף־אָנגעשטעלטער זיך צוגעזעצט האַרט לעבן וועלוולען:

— ווילסט מיר זאָגן, ווילי, אַז דו האָסט פיינט דיין פאָטער?

וועלוול האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אַפן פרעמדן, געקוקט ווי אַ היימלאָזער הונט, וואָס געטרויט קיינעם נישט. דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— ניין, כ׳האָב נישט פיינט מיין פאָטער.

— און די מוטער?

— כ׳האָב זי אויך נישט פיינט.

— ווייסט אז דיין מאמע הונגערט?

— כ'ווייס נישט, — און די אויבערשטע ליפּ האָט אָפּגעדעקט ווערוולס לאַנגע, שאַרפע ציין, — און אויב דו ווייסט אז מיין מאמע הונגערט, פאַר־וואָס לאָזט די „שטאַט" זי הונגערן?

— דאָס, וועלוול, איז טאַקע אַן עולה, — האָט דער אָנגעשטעלטער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף וועלוולס קני, — ס'איז אָבער אַ גרעסערע עולה, ווען אַ לייבלעכער זון האָט געלט אין דער באַנק און לאָזט אַ מאַמע הונגערן.

וועלוול האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם בעטל, אַ הויכער, אַ דינער, און איז געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעשאָסענע פייל. ווען ער וואָלט געהאַט ווערטער פאַר דער שנאה, וואָס האָט געבלעזלט אין אים, די שנאה צו די פּעטערס, צו די געשוועסטערקינדער, די שנאה צו די שטאַט־טאַטעס, וואָס גיבן הונגער־רעליף, די שנאה צו דעם פרעמדן אין דער ברילן, וואָס איז נישט־געבעטענערהייט געקומען צו אים אין צימער אריין, און וויל בא אים צונעמען די לעצטע פרייד — די אַכצן דאָלער, וואָס ער האָט אין באַנק. ווען ער וואָלט געהאַט ווערטער . . .

צי וועלוולס שפּרונג פון בעטל, צי די שטילקייט נאָכן שפּרונג — דער פּאַטער האָט מער נישט געקאָנט בלייבן אין צווייטן צימער. אין דער טיר איז געשטאַנען אַ ביינערדיק פּנים מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן, וואָס מען זעט בא בהמות פאַר דער שחיטה. הינטערן פּאַטער — די משוגענע מאַמע. אירע אויגן, שוואַרצע אויגן, האָבן זיך געריסן פון די לעכער, ווי צעווילדעוועטע פערד. דעם דריי־יאָריקן פישל, אויסגעשטאָפּט פון שמאַטעס, האָט זי פעסט געהאַלטן אין אָרעם.

וועלוול האָט אַ קוק געטאָן אויף טאַטע־מאַמע, און די שנאה וואָס האָט געבלעזלט אין אים, האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אריין. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן צום פּאַטער, געפרעגט מער מיט די אויגן ווי מיט ווערטער:

— וויפיל?

— צו עפענען די גאַז דאַרף מען צען דאָלער.

— און דער מאַמען שיך?

— ווילסט קויפן דער מאַמען שיך? זי גייט טאַקע אָן שיך, — האָט חיים מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן דאָס באַנק־ביכל, וואָס וועלוול האָט אים געגעבן. — וואו לויפסטו, וועלוול?

און אַז וועלוול איז אַרויס פון שטוב, האָט חיים אַ צעגאַרטלטער זיך אויסגעדרייט צום רעליף־אָנגעשטעלטן:

— האַ, וואָס זאָגט איר, בלוט איז קיין וואַסער!

און די מוטער מיטן מיש אין קאָפּ האָט מיט איין האַנט פעסטער גע־קוועטשט צו זיך פּישלען און די צווייטע האַנט האָט זי אָנגעשטעלט אַזוי, ווי זי וואָלט אויפגעהויבן ס'קלייד צום טאַנץ:

— וועלוועלע? מיין וועלוועלע? ס'איז דאָך אַ דימענט.

.1936

אַן אַמעריקאַנער

אינעם וואָרט־זאָל פון דעם קיעווער האָטעל „קאָנטינענטאַל" האָבן זעקס אין אָוונט זיך שוין געהאַלטן אין צונויפקומען די מאַגידסאָנס. געקומען זיינען זיי פון קיעוו, פון די שטעטלעך אַרום קיעוו, געקומען איבער הונדערט. כמעט אַלע מאַגידסאָנס, געוועזענע גאַרבערס, זיינען געווען נישט אַזוי הויך, ווי ברייט אין די פּלייצעס, ברייט אין די געזעסן. געהאַלטן האָט מען שטאָט. די ערשטע איז פאַרפאָרן אין האָטעל די מוטער, אַ זקנה אין די הויכע אַכציקער. זי איז פאַרפאָרן אין אַ סאָוועטיש „פאָרדל". מיט איר — די עלטסטע טאָכטער און די עלטסטע שנור, שוין אויך זקנות. די מוטער — ברייטער ווי העכער. אַפן קאָפּ, ווייס ווי קנאָבל, אַ געבלימלט זיידן טיכל, וואָס האָט זיך פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע אין אַ קנופּ. ס'קיילעכדיקע פּנים, כמעט אַן קנייטשן, ווי בײַ אַ יאָריק קינד. אַכט זין און דריי טעכטער האָבן אַרומגערינגלט די מוטער. די זין — שווערע יידן מיט לאַנגע בערד, מיט געשווירענע בערד און אָן בערד. די טעכטער האָבן אויסגעזען עלטער פון דער מוטער. נאָך די עלף קינדער — אייניקלעך: אַרבעטער, אָנגע־שטעלטע, אַ לופט־פּליער אין אַ ווייסן, געפּרעסטן מונדיר, צוויי קאָמאַנדירן אין געפּאַסטע, מיליטערישע קליידער. נאָך די אייניקלעך — אַ מחנה אור־אייניקלעך, וואָס האָבן גערעדט רוסיש, אוקראַיניש, יידיש — מער געלאַכט, ווי גערעדט.

דאָס האָט דער יינגסטער פון די ברידער מאַגידסאָנס, אַ רייכער קליידער־פאַבריקאַנט פון ניו יאָרק, צונויפגערופן די גאַנצע משפּחה קיין קיעוו, זיי צונויפגערופן אין האָטעל אַריין, וואו ער איז איינגעשטאַנען.

נאָכן פאָטערס טויט, מיט פיר און דרייסיק יאָר צוריק, האָט שמחה מאַגידסאָן איבערגעלאָזט די גאַרבעריי אַף הפקר און איז אַוועק קיין ניו יאָרק. די מוטער האָט נישט געוואָלט שמחה זאָל אַוועקפאָרן. ברידער און שוועסטער האָבן נישט געוואָלט שמחה זאָל אַוועקפאָרן. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט און איז פאַרשוואונדן. די פיר און דרייסיק יאָר אין ניו יאָרק האָבן כמעט איינגעשלונגען די זעכצן יאָר, וואָס שמחה האָט פאַרבראַכט אין

פּערעיאָסלעוו. געבליבן זיינען ריחות, ווייטע ריחות פון צייטיקע אוגערקעס אינעם גאָרטן, וואָס הינטערן הויז, ריחות פון יונגע מייערלעך, שווערע גארבער־גערוכן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער גאַרבעריי, פון טאַטן, פון די ברידער, אפילו פון דער שטוב. דערנאָך זיינען אין קאָפּ געשטאַנען פּאַסירונגען, איינצלנע פּאַסירונגען, ווי איינגעהאַקטע קלינעס. די בר־מצוה אין בית־המדרש, ווען שמחה האָט פאַרגעסן די צווייטע ברכה. דעם טאַטנס טויט. דאָס אַנטלויפן און „שוואַרצן" די גרענעץ. און דערנאָך? דערנאָך — שעפּער, שעפּער, שעפּער. ער האָט געשטעפּט הויזן, געשטעפּט וועסטלעך, געשטעפּט רעקלעך. ער האָט זיך אָבער מער אָרומגעדרייט ליידיק, ווי ער האָט געשטעפּט. דערצו האָט מען געהאַלטן אין איין סטרייקן. ס'האָבן זיך גע־צויגן יאָרן — גרויע, איין יאָר ענלעך צום צווייטן. די מיינסטע יאָרן האָבן אין זכרון בא שמחהן גאָרנישט איבערגעלאָזט. און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ שפּיל געטאָן, איז אַליין געוואָרן אַ קאָנטראַקטאָר און האָט גענומען שטייגן, גענומען גיין באַרג־אַרויף. און אין זכרון איז אויך פאַרבליבן שמחהס חתונה, ס'איז פאַרבליבן זיין בכורס בר־מצוה, וואו הערי האָט געהאַלטן אַ דרשה אין ענגליש און העברייאיש. פאַר די יאָרן פונעם שטייגן איז שמחה רייך געוואָרן, שטאַרק רייך געוואָרן, און ער האָט אָפּגעמאַכט בא זיך צו פּראַוועו זיין פופציק־יאָריקן געבורטסטאָג אין קיעוו, אינעם רייכן האָטעל, אָף קאַרל מאַרקס גאַס, וואו מאַמע, ברידער, שוועסטער און קרובים וועלן זיין.

די משפּחה האָט חדשים לאַנג זיך געפּאָרעט מיט שמחהס קומען. יעדער האָט געהאָפט אויפגעריכט צו ווערן. יעדער איז געווען זיכער, אַז שמחה וועט אים און נאָר אים העלפן.

שמחה האָט געדאַרפט אָנקומען פאַרטאָג קיין קיעוו. די משפּחה איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אַלע זיינען געווען בא דער באַן. פריער די מוטער. הינטער דער מוטער — די זין. די טעכטער זיינען געווען צעשטעלט לויט די יאָרן. און שמחה אינעם געפּרעסטן אויסלענדישן אָנצוג, אינעם זיידענעם העמד, דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט אין האַנט, איז געלאָפן פון איינעם צום צווייטן:

— האַלאָ, מאַמע! האַלאָ, משהקע! האַלאָ, אסתר!

ער האָט אַ נעם געטאָן ס'ווייב, אַ נעם געטאָן די צוויי איבערגעוואַקסענע זין, הערין און בענין, זיך מיט זיי אַוועקגעשטעלט, ווי מען שטעלט זיך נעמען אַ פאָטאָגראַפיע, און האָט זיך פאַרנייגט:

— און דאָס איז מיין משפּחה!

בא הערין און בענין, וואס האבן קיין צוויי ווערטער יידיש נישט געקענט אויסרעדן, איז געווען אן אפקומעניש, וואס יעדעס מאל האט אן אנדער פעטער, אן אנדער מומע, זיך געכאפט מיט זיי קושן און וואס די „ראשענס" האבן זיך דוקא געקושט אין די מיילער אריין.

און שמחה האט אנגעקוואלן. ער האט צוגעפירט פעטערס און עלטער־פעטערס, שוועסטערקינדער און גלידשוועסטערקינדער, זיי געוויזן אף הערין און בענין און געשעפטשעט:

— ווי געפעלן אייך עפעס מיינע בנים?

— וואס שייך געפעלן? „אמעריקאנצעס", אמתע „אמעריקאנצעס"!

און דער חידוש בא די קרובים איז געווען אזוי גרויס, וואס שמחה, שוין איבער דריי צענדליק יאר פון דער היים, געדענקט אלעמען, רופט נישט בלויז אן יעדן באם נאמען, נאר אויך באם צונאמען, דערמאנט זיך זאכן, וואס אלע האבן שוין פארגעסן!

— ווי א זכרון דאס האט!

— געראטן אין אונדזער „שלאגלערן"!

— אין וועמען? — האט שמחה זיך איבערגעפרעגט.

— אין דער מאמען.

— פארוואס עפעס „שלאגלערן"?

— ווייל זי האט, קיין עין־הרע, געהאט עלף קינדער! — האט א שנור זיך אנגערופן.

— לאז דאס א היינטיקע „קאמסאמאלקע" באווייזן? — האט די אלטיטשקע א נעם געטאן די הענט פארדבאקעס און זיך שטארק איבערגענומען מיט איר „זיצל" קינדער.

צומארגנס, ווען די גאנצע משפחה איז זיך צונויפגעקומען אינעם ווארט־צימער פונעם האטעל „קאנטינענטאל", איז דער טיש, וואס האט זיך געצויגן איבער דער גאנצער לענג פונעם שפיגל־זאל, שוין געווען געדעקט.

שמחה מיטן ווייב האבן א נעם געטאן די אלטיטשקע מאמע אונטער די הענט און דער „מארש" אין שפיגל־זאל האט זיך אנגעהויבן. געגאנגען איז מען לויט דעם עלטער און זיך געזעצט ארום טיש לויט דעם עלטער. שמחה אליין איז נישט איינגעזעסן. ער האט אראפגעווארפן דעם ראק, די וועסט, זיך געטראגן אינעם ברוינעם, זיידענעם העמד, וואס איז געווען צע־קנעפלט ארום האלדז, פון איין עק טיש צום צווייטן. דא האט ער אנגעשטעלט

דעם אַפּאַראַט, פאָטאָגראַפירט דעם גאַנצן עולם אַרום טיש, דאָ האָט ער פאָטאָגראַפירט די מוטער מיט אַן אייניקל, דאָ די מוטער מיט זײַנע צוויי זין. און אַז שמחה האָט אַלעמען אָפּגעפּאָרטרעטלט, האָט ער זיך געזעצט לעבן דער מאַמען און די אמתע סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט דערלאַנגט שטיקער פיש, שטיקער פלייש. מען האָט צעשטעלט סאַלאַטן. מען האָט געעפנט פלעשער ביר, פלעשער ווײַן, פלעשער קאָניאַק. און אַז דער עולם האָט איבערגעכאַפּט דעם ערשטן הונגער, איז געוואָרן אויפגערוימטער, האָט דער עלטסטער מאַגידסאָן זיך אויפגעשטעלט און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— כ'בעט מפסיק צו זײַן פאַר אַ ווײַל מיט דער אכילה. שמחה וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער!

שמחה האָט געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן אים אויפגעהייטערט אַף זײַן רייזע פון ניו יאָרק קיין קיעוו. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז יעדער מענטש האָט איבערלעבונגען, וואָס קריצן זיך אַזוי אײַן, אַז ער געדענקט זיי אַף זײַן גאַנץ לעבן. אַזוינע איבערלעבונגען זײַנען שמחהס בר־מצוה, דעם פאָטערס טויט, דאָס אַנטלויפן פון דער היים. איצט וועט אין שמחהס לעבן צוקומען נאָך אַ פּאַסירונג — די גאַנצע משפחה גיט אָפּ כבוד דער מאַמען, וואָס איז אַכט און אַכציק יאָר אַלט.

אַז שמחה האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם, האָט ער זיך געטראָפן מיט איציקס, מיטן שוועסטערקינדס, בליק. איציק, אין די אָפּגעטראָגענע קליידער, מיטן סאָוועטישן מעדאַל אַף דעם רעכטן לאַץ, האָט געקוקט אַפן אַמעריקאַנעם פעטער, אַפן גאַנצן פּאַראַד, מיט ביטול און חוזק. דאָס האָט שמחהן אינגאַנצן צעטומלט. די דרשה איז באַ אים געבליבן אין גרגרת, נישט אַראָפּצושלינגען און נישט אַרויסצושפּײַען. שמחה האָט עטלעכע צי געטאָן מיטן האַלדז, געכאַפּט לופט, ווי אַ גאַנדז שלינגט וואַסער, און געמאַכט עטלעכע טריט צו איציקן:

— און אַז כ'בין יאָ אַ בורזשוי, טאָ צו וואָס, איציקל, ביסטו געקומען אַף דעם באַנקעט, וואָס איך גיב מײַן אַלטער מאַמען און דײַן באָבען? און נעם זיך נישט אַזוי איבער מיט דײַן סאָציאַליזם, ווײַל דעם אמתן סאָציאַליזם וועלן מיר האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען די קאָמוניסטן וועלן איבערנעמען די מאַכט. איר האָט לאָקאָמאָטיוון, טראַקטאָרס, אויטאָמאָבילן. איר האָט אָבער קיין הויזן נישט, קיין זייף נישט, קיין אַספּירין נישט. מיר,

בורזשויען, האָבן פאַר אייך אַלץ צוגעגרייט — פון אַ וואָלקנקראַצער, פון אַ „פרידזשידעיר", ביז אַן עלעקטרישן גאַל־מעסער. פאַרוואָס קומט איר נישט? קומט און נעמט!

— מיר וועלן קומען! — האָבן די אייניקלעך און אוראייניקלעך זיך אָנגערופן.

בשעת שמחה האָט גערעדט, האָט דער עלטסטער ברודער ארויסגענומען פון אַ פּאָרטפעל אַ הונדערט „טאַרגסין"־ביכלעך. די ביכלעך האָט ער סאָר־טירט, זיי אויסגעלייגט לויט דעם עלטער פון די מענטשן, אויף וועמעס נאָמען זיי זיינען געווען אויסגעשטעלט. ער האָט גענומען אויסרופן מיט אַ ניגון, ווי מען רופט אוים הקפות:

— שמחה שענקט יוספן הונדערט דאָלער!

— שמחה שענקט בערלען הונדערט דאָלער!

— שמחה שענקט אסתרן הונדערט דאָלער!

יעדער, וועמען דער עלטסטער ברודער האָט אויסגערופן, איז ארוים פון הינטערן טיש, צוגענומען דאָס ביכל, געדריקט די האַנט שמחהן און פון גרוים פרייד זיך צוגעזעצט נישט אויף זיין פּלאַץ.

דער פעטער האָט אויסגערופן:

— שמחה שענקט זיין שוועסטערס זון, איציקן, פופציק דאָלער!

— איך נעם נישט! — האָבן איציקס אויגן געחוזקט.

— וואָס, וויניק? — האָט שמחה זיך אַ שטעל געטאָן, — כ'גיב אים נאָך פופציק.

— ניין, — האָט זיך איציק פאַרלוירן, — כ'דאַרף קיין געלט נישט.

— וואָס הייסט, דו דאַרפסט נישט? — איז שמחה שוין געשטאַנען לעבן איציקן, — פון אַ בורזשוי איז דאָך אַ מצוה צו נעמען!

איציק האָט נישט געענטפערט. זיין מוטער איז אויסגעוואַקסן לעבן שמחהן:

— שמחה, דו דאַרפסט זיך בעטן באַ אים, באַ דעם משוגענעם? דו וועסט מער מצוה טאָן, ווען דו וועסט די פופציק דאָלער געבן מיר.

— פאַרוואָס עפּעס איר? — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטע שוועסטער.

— טאַקע, פאַרוואָס איר? — האָט אריינגעוואָרפן אַ ברודער.

שמחהן איז מער נישט איינגעגאַנגען דער יום־טוב. ער האָט זיך געפילט

באַליידיקט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו די זין, וואָס האָבן אים אַרומגעכאַפּט
פון ביידע זייטן, אים געפרעגט אַף ענגליש :

— וואָס שרייען זיי, די אָנקלס, די טאַנטעס ?

— זיי ווילן געלט.

— געלט ?

און דער עלטסטער ברודער האָט אַלץ געהאַלטן אין רופן :

— שמחה שענקט יאַשען צוואַנציק דאָלער !

.1934

מפטיר

ס׳איז געווען אָנהויב אַפּריל. די נעכט האָבן געהאַלטן אין איינלויפן און מיט די באַגינענס האָט איבער די טיף־בלויע הימלען שוין געפּראַלט די זון.

ס׳איז געווען שבת. אינעם אַלטן בית־המדרש האָט מען געשמאַק גע־דאַוונט פון פּאָרנט. דורך די אָפענע פענצטער, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין טעפּער־געסל, אין שול־געסל, וואו ס׳איז קיין ביימל נישט געווען, אפילו דאָרט האָט געשמעקט מיט לאָנקע, מיט טייך. צווישן די הויכע, פּירעקיקע בית־המדרש באַלקנס האָט ס׳לעבן געטאָן זיינס — שפּערלס האָבן גע־צווייטערט, זיך געגעסן פון די פּיסקלעך, זיך געפּאָרט.

אַרום אויוון, וואו באַלעגאַלעס און סתם יונגען האָבן געדאַוונט, האָט זיך געטומלט. און געטומלט האָט זיך איבער וועלוול זאַמדפּירער — אַ דאַר, גרוי מענטשל, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט געפּאָדערט, אַלץ צוגענומען באהבה, אבי מען האָט אים געלאָזט צו־רו. אַ באַלעגאַלע האָט קיינמאָל נישט פאַרשווינגן, קיינמאָל זיך נישט געלאָזט פאַרטיילן, איז געקראָכן דעם גבאי־ראשון אין די אויגן אַריין, אויב מען האָט בא אים געוואָלט אַרויסרייסן אַ „שלישי״, צי אַ מפטיר. וועלוול זאַמדפּירער האָט אַלץ מוחל געווען, אפילו די עליה שמחת־תורה, אבי מען זאָל אים געבן מפטיר, ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט. דער מפטיר איז וועלוולען אויך שווער אָנגעקומען. וואָכן פריער האָט ער אָפּגעלייגט דעם שמש אַן איבעריק קאָשיקל זאַמד, בשעת־מעשה נענעבן אָנצוהערן, מען זאָל אים למען־השם נישט פאַרטיילן, געטענהט:

— ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן וועלוול זאַמדפּירער, וואָלט איך מוחל געווען דעם מפטיר. אין שטאָט זיינען שטענדיק פאַראַן בילכערע יידן פון מיר. ס׳האַנדלט זיך אָבער אינעם כבוד פון אַ מת.

און די שטאָט האָט כמעט שטענדיק געהאַט בילכערע יידן פון דעם זאַמדפּירער. האָט אַ גביר פּונקט דעמאָלט געהאַט יאָרצייט, האָט אַ צווייטער גביר פּונקט דעמאָלט זיך אַראָפּגעבראַכט אַ חתן צו־גאַסט. וועלוול האָט אַריבערגערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ און האָט געשוויגן. געשוויגן האָבן נישט די באַלעגאַלעס, געשוויגן האָבן נישט די יונגען. זי האָט די נכפּה געגעסן.

— מיר ווע‏לן נישט דערלאָזן!
— מיר ווע‏לן די זיידענע קעסט־קינדער אונטערהאַקן די זייטן!
— מיר ווע‏לן זען ווער ס'וועט קריגן מפטיר!
— וועלוול וועט קריגן מפטיר!

וואו א באַלעגאָלע, וואו א יונג, וואו א שמייסער — אַלע האָבן זיך דאָס מאָל געפעדערט, אַלע זיינען דאָס מאָל גרייט געווען אָפּצושלאָגן בא די שיינע באַלעבאַטים פונעם „מזרח" דעם מפטיר. און אַז מען האָט שוין געהאַט אַ שפּאָר שטיק אריינגעדאַוונט און דער זאַמדפּירער איז נאָך אַלץ אין בית־המדרש נישט געווען, האָבן פריער די יונגען, דערנאָך די באַלעגאָלעס זיך גענומען טומלען. איינער האָט געפרעגט בא דעם אַנדערן:

— וואו איז וועלוול?
— וואו איז טאַקע וועלוול?
— ער איז שטענדיק פון די ערשטע אין בית־המדרש.
— ס'איז נישט גלאַט.

לייזער וואַסערטרעגער האָט אַ רוק געטאָן דעם טלית איבער די שטייפע מלבושים, ווי מען וואָלט זיי נאָר וואָס אויסגעטריקנט. ער האָט זיך אַ שאַר געטאָן צו בערקען און אים איינגערוימט:

— דער רייכער פּנחס האָט אים פאַרשטאָפּט ס'מויל. אַזוי בין איך מיר משער, ווייל נעכטן נאָכן דאַווענען האָט דער רייכער פּנחס איינגעטענהט מיט וועלוולען, און וואָס האָט ער מיט אים איינצוטענהן? באַשטעלט בא אים אַ וואָגאָן זאַמד? ער האָט אים מן הסתם צוגעזאָגט אַ דרייערל, גע־הייסן זיצן אינדערהיים און מפטיר וועט קריגן דעם רייכן פּנחסעס חתן.

בערקע מיט די שיקלדיקע אויגן איז געווען ברייטער ווי העכער. דאָס צעשמיסענע פּנים, באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ קורצע, אַ געדיכטע. אָפן גרויסן קאָפּ — אַ קליין שוואַרץ היטל מיט אַ שמאָלער דענקע, וואָס האָט אויסגעזען ווי חוזק. די שיקלדיקע אויגן האָבן זיך בא בערקען צע־פינטלט, ווי בא אַ גזלן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דער חברה:

— וואָס, דעם רייכן פּנחסעס חתן וועט קריגן מפטיר? אַ לופט אין די אויגן וועט ער קריגן! ס'זאָל זיך טאָן כ'ווייס וואָס, גיי איך און כ'ברענג גלייך אַהער דעם זאַמדפירער. וועלוול האָט יאָרצייט — קומט אים מפטיר!

— אודאי קומט אים! — האָט זיך אַ צווייטער באַלעגאָלע אָנגערופן.

— זיי, די ווייצענע הינטנס, ווירטשאַפטן שוין צופיל אַרום מיט די

עליות, — איז א דריטער באַלעגאָלע אַריין אין דער מיט, — א נאַש־בראַט וואַרפט מען צו א ביינדל, ווידער הגבה, ווידער גלילה.

— קוקט צו ס׳גרייטע, — האָט בערקע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טלית, — ווער פון אייך, חברה, גייט מיט מיר נאָך וועלוולען?

— איך! — האָט א יונג מיט באַטשקעס זיך אַרויסגערוקט.

— איך אויך! — האָט א צווייטער יונג מיט באַטשקעס זיך אַרויס־גערוקט.

בערקע מיט די מיטהעלפערס האָבן זיך אַרויסגעשאַרט פון בית־המדרש. זיי האָבן נישט געהאַט ווייט צו גיין. סוף טעפּער־געסל, אין אן איינגעהויקערט שטיבל, וואו דער דאַך האָט זיך כמעט אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האָט דער זאַמדפירער געוואוינט.

וועלוולס ווייב, אַלט פאַר די יאָרן, די ווייעס אַרום די רויטע אויגן אויסגעפאַלן, איז זיי אַנטקעגנגעקומען. זי האָט צנועהדיק א רוק געטאָן ס׳געבלימלטע טיכל איבער דעם שטערן און זיך געפרעגט:

— גוט־שבת, בערקע, זוכסט עמיצן?

— מיר זוכן וועלוולען.

— ער איז אוועק דאַווענען אין „הכנסת־אורחים“.

— וואָס עפּעס?

— כ׳ווייס...

בשעת די יידענע האָט גערעדט, איז אָנגעלאָפן איר פינף־יאָריק מיידעלע מיט א בשורה:

— ניין, מאַמע, דער טאַטע איז נישט געגאַנגען דאַווענען. ער דאַוונט אין שטוב.

בערקע האָט א שאר געטאָן די יידענע פון וועג און איז אַריין צום זאַמד־פירער. די יונגען נאָך אים.

— וועלוול, טו אויס דעם טלית און קום מיט אונדז! נישט גערעדט, וועלוול! נו, נו, נו!

— ווי קען איך, אן אָרעם מענטשל, זיך איינרייסן מיט דער גאַנצער שטאָט? — האָט וועלוול זיך געבעטן און בשעת מעשה אויסגעטאָן דעם טלית.

— מיר, וועלוול, זיינען אויך די שטאָט!

— איר פירט מיך אָפּן פייער, חברה! — איז די מראה אין וועלוולס בלאַסן פּנים אין גאַנצן אָפּגערונען, — איר קוילעט מיך אָן א מעסער.

— איר נעמט בא אונדז צו ס׳אָרעמע שטיקל ברויט, — האָט וועלוולס

ווייב זיך אריינגעמישט און א כאפ געטאן דעם מאן פאר דער האנט, — וואו גייסטו, בהמה דו? זיץ, אז ס'איז דיר גוט!

וועלוול האט זיך ארויסגעדרייט פון דעם ווייבס הענט, ווי ס'וואלט אים נישט אנגעשטאנען, וואס זי מישט זיך אריין. און כאטש ער איז קלענער געווארן, האבן די צעוואקסענע יונגען אים צוגעגעבן זיכערקייט, אים גער שטארקט, און דער פארדרוס, וואס מען האט בא אים צוגענומען דעם מפטיר, האט ווידער אין אים אויפגעטוקט. ס'קליינע מענטשל האט מער נישט געהערט, וואס ס'ווייב שרייט אין אים אריין. ער האט זיך אויסגעגלייכט און א מאך געטאן צו די יונגען מיט דער האנט:

— קומט.

אין בית־המדרש האט מען געהאלטן באם „אויסהייבנס”. די באלער גאלעם און סתם יונגען, וואס האבן זיך אויסגעקוקט די אויגן, האבן מיט גרוים שמחה באגעגנט וועלוולען. זיי האבן אים א נעם געטאן, ווי מען כאפט א חתן, און זיך געלאזט מיט אים צו דער מזרח־וואנט. בערקע האט געלאזט וויסן דעם גבאי־ראשון, אז מפטיר קומט וועלוולען, נישט דעם רייכן פנחסעם חתן.

— אזוי? — האט דער גבאי געוואלט זיין רואיק און ס'קול האט בא אים געציטערט, — דערוויל, בערקע, בין איך גבאי אין בית־המדרש און מפטיר וועט קריגן ר' פנחסעם חתן, נישט וועלוול זאמדפירער.

— און בערקע זאגט, — האט דער באלעגאלע א קלאפ געטאן מיט דער פויסט אין שולחן אריין, — אז וועלוול קריגט מפטיר. און אויב וועלוול וועט נישט קריגן קיין מפטיר, וועט זיך בלוט דא גיסן, וועט מען אייך, שיינע, שמייליקע יידן, ארויסטראגן פון בית־המדרש אין פלאכטעס!

— דרך־ארץ, פערד־יונג! — האט דער גבאי מיטן שמש געוואלט ארויספירן בערקען פון באלעמער, — דרך־ארץ!

בערקע האט אויסגעהאקט דעם גבאי אזא פאטש, אז ס'רעכטע אויג איז בא אים אפן ארט אויפגעלאפן. דערנאך האט ער א שטופ געטאן דעם שמש פון אלע טרעפלעך. ס'איז געווארן א טומל. פויסטן האבן זיך געביילט. דער בית־המדרש חלל איז פול געווארן מיט גוואלד־ריסן פון טליתים. יונגען האבן געשלעפט העלצער פון הינטערן אויוון, געהויבן שטענדערס, געשריגן:

— א בראנד זיי אין די געדערים!

— א לופט אין די אויגן!

— קומט, יידן! — האט דער גבאי מיטן אונטערגעשלאגענעם אויג

גערופן דעם עולם, — מיט די פערד־יונגען, מיט די מחללי־שבת וועלן מיר נישט דאוונען! קומט!

דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן צום ארויסגאַנג. די יונגען האָבן נאָכגעשריגן:

— מיר האָבן אייך, גנבים, אין דר'ערד! גייט! גייט!

— טיף אין דר'ערד!

— און עליות וועלן מיר זיך אַליין נעמען!

— וועלוול!

— וואו איז וועלוול?

— וועלוול קריגט מפטיר! — האָט א יונג זיך צעזונגען מיט א ניגון.

1936.

שכנים

דער צוואַנציק־יאָריקער סעם האָט מיטן שטאָלענעם גאָפּל אַ הויב געטאָן די לעצטע קופּע היי, זי אַרויפגעשליידערט אויפן אָנגעלאָדענעם וואָגן. לייזער, סעמס פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן וואָגן, האָט קונציק אַ כאַפּ געטאָן די קופּע היי, זי צעשפּרייט און אַ זאָג געטאָן צום זון:

— פאָרוואָרף דעם דראָנג.

סעם האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער אַקס פון דעם פאָדערשטן ראָד און אַריבערגעוואָרפן אַ דעמבענעם דראָנג איבער דער לענג פונעם וואָגן היי. לייזער האָט זיך גענומען אַראָפּגליטשן פונעם וואָגן. ער איז אַ ווייל געבליבן שטיין אויפן דישל, האָט אַ גלעט געטאָן איין פערד, אַ צווייטס און איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע. דערנאָך האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן באַ איין זייט דראָנג, דער זון — באַ דער צווייטער. מיט אַלע כחות האָבן טאַטע־זון געשלעפּט די שטריק, איינגעפּרעסט מיטן דראָנג ס'היי, עס זאָל באַם פאָרן נישט אַראָפּפאַלן. און אַז מען האָט גוט פאַרקניפּט די שטריק האָבן ביידע זיך גענומען ווישן די ברוינע, צעפּאַרעטע פּנימער. און די פאַרע האָט נישט בלויז געשלאָגן פון די פּנימער. אויך פון די קנאָכיקע, באַוואַקסענע הענט, אויך פון די לייבער, וואו די העמדער, פּיטש־נאַסע, האָבן זיך געצויגן איבער די פּלייצעס, ווי הויט.

און די שווערע אַרבעט איז ליב געוואָרן. רעגנס, שטורעמס האָבן מער נישט געשראָקן. מיט דער אַרבעט איז אויך געקומען די פרייד, וואָס ס'היי ליגט שוין אין שייער.

טאַטע־זון, ביידע שוויגערס, האָבן דאָס נישט געזאָגט. דער פעסטער, זיכערער טראָט, די אָפענע פּנימער, אַלץ האָט דערציילט, אַז די פאַרם איז אויסגעצאָלט. לייזער, אַ היימישער דאָרפסמאַן, האָט נישט פאַרטראָגן ניו יאָרק. ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו טויזנט דאָלער, האָט ער געקויפט אַ פאַרם פאַר פינף טויזנט. צען יאָר האָט ער שווער געאַרבעט — ער, ס'ווייב און דער בן־יחיד, סעם. מען האָט געאַרבעט צו זעכצן, צו אַכצן שעה אַ מעת־לעת. זומער — אין פעלד, אויף דער לאָנקע, אין שייער. ווינטער — אין

וואלד. עס האט גענומען דריי־פיר יאר ביז לייזער האט זיך איינגעלעבט מיט די קאטוילישע שכנים, ביז זיי האבן מיט אים א ווארט אויסגערעדט. דאס, וואס לייזער איז געווען א ייד, וואס ער איז געווען א פרעמדער, וואס ער איז געווען א שווייגער — דאס אלץ איז געשטאנען, ווי א וואנט צווישן אים און די שכנים. און אז מען האט זיך איינגעלעבט, איז מען אויך נישט געקומען איינער צום אנדערן. מען האט געכאפט א שמועס אין פעלד, אף דער לאנקע, אין וואלד. בלויז ווען א שכן איז אוועקגעפאלן און ס'איז געווען ארבעט אין פעלד צי אין קו־שטאל, האט לייזער פריער אפגעטאן דעם שכנס ארבעט. די שכנים האבן זיך איינגעלעבט מיטן שווייגנדיקן יידן, אים געוואלט אפדינען און נישט געהאט מיט וואס. לייזער האט זיי קיין געלעגנהייט נישט געגעבן. פאר די צען יאר, וואס ער האט באארבעט די פארם, איז ער קיין איין טאג נישט שלאף געווען. די שווערע ערד־ארבעט האט נישט בלויז אפגעצויגן פון אים אן איבעריק לויט פלייש, די ארבעט האט אים אויסגעקוואלט. פון דעם ציען זיך איבער די פעלדער, איבער די לאנקעס, איז דער טראט געווארן א געבויגענער, א שווערער. ער איז געווארן עלטער נישט מיט צען יאר, נאר מיט צוואנציק. עס איז אבער געווען א טרייסט — סעם וועט נאך די יום־טובים חתונה האבן. אין ווירטשאפט וועלן צוקומען נאך א פאר הענט. דער קאפ דארף מער נישט דארן אפצוצאלן חובות. דאס היי, וואס זיי פירן שוין א וואך צייט אין שייער אריין, וועט זיין כולו ריוח. פאר דעם געלט וועט ער איבערפארבן דאס הויז, איבערשינדלען דעם דאך, איינקויפן עטלעכע הונדערט הינער אף צו לייגן אייער.

דאס אלץ האט זיך געדרייט אין לייזערן, געדרייט אן א סדר. ער האט דאס אלץ געוואלט איבעררעדן מיט סעמען. ארבעט דאך דער יונג מיט אים האנט־אין־האנט פון זעכצן יאר אן. זיינען די שטיקלעך מחשבות בלויז דערגאנגען ביז צו דער צונג. פון דער צונג — א שטומעניש.

און דא איז שוין סעם געזעסן אף דעם אנגעלאדענעם וואגן, ווי אף א צוויי־שטאקיק הויז, אלץ געווארט דער פאטער זאל זיך ארויפכאפן. און אז דער פאטער האט געפירט מיט די פינגער איבער דער געגאלטער געמבע ווי עס וואלט אים געוואקסן א באָרד, און פון גרויס תענוג אזש פארזשמורעט די אויגן, פארגעסן, אז מען ווארט אף אים, האט סעם אים א מינטער געטאן:

— טאטע.

— נו, פאר, פאר, — האט ער פון געוואוינהייט אונטערגעשפארט אן

אקסל, געהאָלפֿן די פֿערד אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פֿון דער ווייכער לאַנקע, — איך וועל שוין נאָכקומען.

ווי דער וואָגן האָט זיך אַריינגעדרייט אַף אַ זייטיקן וועג, אָנגעשיט מיט זשוויר, האָבן שווערע וואָלקנס פֿאַרשטעלט די זון. די וואָלקנס זיינען געוואָרן געדיכטער, זיך געלייגט איבערן הימל ווי בערג. אַ ווינט האָט גענומען בלאָזן. לייזערס דורכגעשוויצט העמד האָט געקילט די פּלייצעס. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן צום פֿערד און וואָגן, וואָס זיינען געווען אַ פֿינף הונדערט פֿוס פֿון אים, געשריגן צום זון:

— סעם, ס'קלייבט זיך אַ שטורעם, פֿאָר גיכער!

ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן פֿינצטער. אָפּגעריסענע ווינטן האָבן פֿאַרשטעלט דעם וועג, אָפּגענומען באַ לייזערן דעם אָטעם, זיך געדרייט ווי ריזיקע לייקעס. דאָ און דאָרט זיינען געפֿאַלן דיקע טראָפּנס, געפּאַלן מיט אַ טעמפּן קלימפּער אַף די טרוקענע בלעטער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפֿן וועג. אַ בליץ האָט דורכגעשניטן די פֿינצטערניש, אַ דונער האָט צעריסן דעם הימל אין צווייען. און איידער דער דונער האָט אויפֿגעהערט, האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ שטיק פֿייער האַרט לעבן לייזערן, באַ אים אָפּגענומען העגט און פֿיס, אים צוריקגעגעבן ס'לשון. עס האָט געצעבערט. אויס העמד, אויס הויזן, אויס שיך. אַ וואַרעמער רעגן האָט געבייטשט די פּלייצעס, דעם קאַרק, ס'פּנים, געשוואָנקען ס'ליב פֿון קאָפּ ביז צו די זוילן.

לייזער איז געלאָפֿן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, געלאָפֿן, ווי אַ געיאָגטע חיה און אַפֿן קול געוואָלט טרעפֿן באַ וואָס פֿאַר אַ שכן דער דונער איז אַריין. די לופֿט איז פֿול געווען מיט שוועבל, מיט סמאָלינעס. דער רעגן האָט גענומען נאָכלאָזן, עס האָבן זיך דערזען פֿאַרשטיקטע פֿלאַמען.

וואו האָט געברענט?

באַ לייזערן אַפֿן הויז זיינען שוין געשטאַנען שכנים און האָבן מיט העק געריסן דעם דאַך פֿון שייער. און וואו אַ האַק האָט זיך איינגעגעבן אין אַ שינדל, האָט זיך דורכגעריסן אַ פֿלאַם, ווי אַ ראַקעטע.

פֿון גרויס צעטומלעניש איז לייזערס ווייב אַנטקעגנגעלאָפֿן דעם מאַן מיט פֿאַרבראָכענע הענט, מיט טרערן:

— מ'דאַרף אַרויסראַטעווען דאָס ביסל בהמות.

לייזער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿונעם וואָגן היי, זיי געטריבן מיט שטיינער, מיט דרענגער פֿונעם הויף. דערנאָך

האט ער אנגעשעפט אן עמער וואסער און זיך געלאזט צום שייער. די שכנים האבן אים צוריקגעהאלטן, אים גענומען געבן צו פארשטיין, אז קיין וואסער וועט שוין דא נישט העלפן. דער גאנצער שייער איז געווען איין פלאם. נאך גוט, וואס דער רעגן האט אויפגעהערט, וואס עס איז נישטא קיין ווינט. די פונקען צעשפרייטן זיך נישט, פאלן אין פייער אריין. טייל שכנים האבן זיך איינגעשפאנט אינעם וואגן היי, אים ארויסגעשלעפט פון הויף. אנדערע זיינען ארויפגעקראכן אפן דאך פונעם הויז, האבן געהאלטן עמערס וואסער, זיינען געווען גרייט אויסצולעשן יעדן פונק, וואס וועט אהער פארבלאנדזשען.

און אז די הילצערנע ווענט פונעם שייער האבן גענומען איינפאלן, פון דעם היי איז שוין קיין זכר נישט געווען, זיינען די שכנים, אכצן פארמערס, געשטאנען אומבאהאלפענע, ווי זיי פלעגן שטיין, ווען ס'איז בא איינעם געפאלן א קו צי א פערד. צווישן זיי זיינען אויך געשטאנען לייזער מיט דעם זון. א שכן האט זיך א בויג געטאן צו לייזערן:

— ווי גרויס איז די אינשורענס?

— צען פראצענט.

ס'איז ווידער געווארן שטיל. פון די אפגעארבעטע הענט, פון די גע־בויגענע פלייצעס, פון די אומבאהאלפענע פנימער, האט זיך געטראגן א פארדרוס. אפגעארבעט א זומער אין זיבן שווייסן, טיפער געבויגן די פלייצעס. א מענטש האט צען יאר אפגעצאלט א חוב, אפגעצאלט מיט שווערער פראצע, מיטן ביסן פונעם מויל, געהאפט אפצואטעמען, קומט אזא גזר, א ביטערער גזר, און אלץ גייט אוועק מיטן רויך.

דער שכן נעלסאן, א זעכציק־יאריקער פארמער, האט זיך ארויסגערוקט און אפגעהוסט:

— שכנים, אזא אומגליק קאן יעדן איינעם פון אונדז טרעפן. און טרעפט וועמען אזא אומגליק, טאר מען אים נישט לאזן פאלן. ס'איז אונדזער חוב אים צוריקצושטעלן אף די פיס. איך, נעלסאן, גיב דעם ערשטן וואגן היי.

— איך אויך.

— איך אויך.

די פינצטערע, אנגעכמורעטע פנימער האבן זיך גענומען אויסלייטערן. מען האט זיך צעזעצט ארום הויז, ווער אף דער וועראנדע, ווער אף בענקלעך,

ווער אפֿן גראָז. לייזער, אַ גערירטער פֿון דער שכנים׳ס גוטסקייט, האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט אוועקגעשטעלט אַ גאַלאָן שנאַפּס צום סעמס חתונה. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם גאַלאָן, געגאָסן אין טעפּלעך, מכבד געווען די שכנים. מען האָט גערעדט וועגן דונערן, וואָס האָבן דערהרגעט מענטשן, בהמות, האָבן אומגעוואָרפֿן ביימער, אָנגעצונדן הייזער, גערעדט ביז שפּעט אין אָוונט אַריין און זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען.

.1936

אַ געבראָטענע הון

צווישן פינף און זעקס פאַרנאַכט זײַנען די שנײַדערנס שוין נישט אײַנ־געזעסן אין שאַפּ. דאָס איז געווען די לענגסטע שעה פון טאָג. צוואַנציק מינוט צו זעקס איז אַפּילו די שטילע בעסי געוואָרן אומגעדולדיק. זי האָט האַסטיקער זיך אַ בויג געטאָן איבער דער ניי־מאַשין, געהאַלטן צוויי זײַדענע פּאָלעס אין בײַדע הענט, ווי מען האַלט לייצעס. זי האָט געדרוקט די פּאָלעס אונטער דער אײַנגעפּעדעמטער נאָדל. און אַז די נאָדל האָט זיך אײַנגעביסן אינעם זײַד, האָט אַלץ גענומען אַוועקפּאַטשן, — די מאַשין, די זײַדענע פּאָלעס, בעסי אַליין.

עס איז געווען מיטוואָך און מעק האָט צוגעזאָגט בעסין צו קומען נאָך איר אין שאַפּ אַרײַן. בעסי האָט זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען. יעדן מיטוואָך קומען אין שאַפּ אַרײַן ייִנגלעך, וואַרטן, ווער אויף ראָזען, ווער אויף בעקין, ווער אויף אסתּרן. פון הײַנט אָן וועט מען יעדן מיטוואָך אויך וואַרטן אויף בעסין. מעק איז טאַקע מער קיין ייִנגל נישט, נאָר אַזאַ געוויקסיקן, אַזאַ גלײַכן מאַנצביל, זעט מען זעלטן צווישן ייִדן.

אַ וואָך, אָנדערהאַלבן, ווי בעסי קען זיך מיט מעקן. זיי האָבן זיך באַ־קענט אין קראָטאָנאַ פּאַרק. בעסי איז געזעסן אויף אַ באַנק, האָט געלייענט אַ בוך. מעק איז אײַנמאָל פאַרבײַגעגאַנגען, אַ צווייט מאָל. דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט, גענומען מיט איר רעדן, זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער אַרבעט פאַר דער שטאָט, איז אַן אינספּעקטאָר, טוט אַכטונג די גאַסן זאָלן זײַן ריין. זי האָט זיך געחידושט, וואָס אַן אינספּעקטאָר רעדט אַ שלעכטן ענגליש. זיך געטרייסט, וואָס מעק איז אַ בחור און דערצו נאָך אַ נישט־יונגער בחור.

און זי, בעסי?

בעסי איז אַ יונגע אַלמנה. זי האָט אַראָפּגענומען פון אירע דרײַ און פערציק גאַנצע צען יאָר. מעק האָט נישט געגלויבט, אַז בעסי איז דרײַ און דרײַסיק יאָר אַלט. אַזאַ טאַליע, אַזוינע שיינע פיס, נאָך שענערע הענט, וואָס דאַרפן ליגן אויף זײַדענע קישעלעך, — ניין, ער, מעק, וועט שווערן, אַז בעסי איז צוואַנציק יאָר אַלט, העכסטנס דרײַ און צוואַנציק.

פונעם בלויזן געדאַנק האָט זיך איבער בעסיס לענגלעך פּנים, טעמפּ ווי

באַ אַן אָפּגעאַרבעט פערד, צעליינט אַ שמייכל. זי האָט איבערגעדרייט די זיידענע פּאָלעס, זיך אַ צי געטאָן איבער דער מאַשין און אַוועקגערעדלט.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען מעק האָט בעסין אָפּגעפירט אַהיים. ער איז צוגעשטאַנען, האָט געוואָלט מיט איר אַרויפגיין. זי האָט זיך גע־קווענקלט, — וואָס קאָן זי דאָ דערליינגען? ער איז מיט איר אַרויפגעגאַנגען. מען קאָן נישט זאָגן, בעסי זאָל האָבן געהאַט צופיל מזל באַ יונגעלייט. ביז פערציק יאָר איז זי געווען אַ גרויסע איבערקלייבערן. זי האָט זיך איבער־גענומען מיט צוויי זאַכן, — איז געווען אַ מיידל און האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט דריי טויזנט דאָלער. אַ חודש נאָך דער חתונה איז זי זיך צעגאַנגען מיטן מאַן, וואָס האָט שוין געהאַט צעטרענצלט אירע פינף הונדערט דאָלער. בעסי איז געבליבן באַ צוויי טויזנט דאָלער. קיינער פון די מאַנצבילן, וואָס בעסי האָט געקענט, האָט אַזוי נישט געברענט, ווי מעק. ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל פון איר צימער, האָט ער שוין געוואָלט שטעלן אַ חופּה מיט איר.

בעסי האָט זיך געהאַנדלט און זיך געבעטן באַם יונג:

— פּליז, מיסטער מעק . . . פון ערשטן קוק . . . איך קען אייך נישט, איר קענט מיך נישט . . . מען דאַרף נישט אַזוי ברענען . . . דערצו, — האָט זי זיך צעלאַכט, — בין איך נישט קיין אויפגעוועלטע מילך, כ'וועל ביז איבעראַכטאָג מיטוואָך אויך נישט אויסלויפן.

און ער — זיינס:

— כ'האָב שטענדיק געזוכט אַ פּויליש מיידל, וואָס זאָל זיין מיין וואוקס, מיין הייך. ווער האָט נאָך אַזוינע שיינע פיס, אַזוינע שיינע הענט, ווי אַ פּויליש מיידל.

בעסי האָט אים קוים אַרויסבאַגלייט פון צימער, פון קאָרידאָר, אָפּגע־מאַכט ער זאָל זי קומען אָפּנעמען מיטוואָך אין שאָפּ. זיי וועלן עסן צוזאַמען נאַכטמאָל. דערנאָך וועלן זיי גיין אין „ראַדיאָ־סיטי", דערנאָך . . . ס'האַרץ האָט באַ איר אַ צאַפּל געטאָן. אַ פּאַרדרוס האָט אויפגעבלעזלט, — איז מעק דאָך אָפּגעזעסן מיט איר אַ גאַנצן אָוונט, פאַרוואָס האָט ער זי נישט קיין פרעג געטאָן, צי זי איז הונגעריק, צי זי איז דאָרשטיק? ער האָט קיין געלט נישט? וואָס טוט אַ שטאָט־אינספּעקטאָר מיטן געהאַלט? און אפשר איז מעק גאָר אַ גאַסן־קערער? בעסי האָט זיך צעלאַכט.

באַ דער טיר, צווישן די אַכצן, ניינצן־יאָריקע יינגלעך, וואָס האָבן גע־וואַרט, ווער אַף ראָזען, ווער אַף בעקין, ווער אַף אסתרן, איז אויך געשטאַנען

מעק. פון די ניי־מאַשינען האָבן זיך געהויבן אויגן, פאַרחידושטע געקוקט אויף מעקן:

— ווער איז ער?

— אויף וועמען וואַרט ער?

פון זיך אַליין האָבן די שניידערנס אויסגעפונען, אַז דער יונגערמאַן איז געקומען אָפּנעמען בעסין. און אַז די אַרבעט האָט זיך געענדיקט איז איינע נאָך דער אַנדערער אונטערגעגאַנגען צו בעסין און מיט שמד־שטיק אין קול, מיט שמד־שטיק אין די אויגן, האָבן זיי איר אָנגעזאָגט:

— מען וואַרט אויף דיר, בעסי.

— אַ דזשענטלמאַן וואַרט אויף דיר, בעסי.

— אַ שיינער יונג, בעסי.

בעסין איז צוגעקומען אַ שטיק געזונט. זי האָט זיך לענגער ווי אַלע־מאָל איינגעוואַשן. זי האָט זיך געפּודערט, זיך געפּוצט די נעגל. די ליפּן — רויט. די ברעמען, די אויגן, די וויעס — שוואַרץ, און אינגאַנצן איז זי געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער. זי איז אַרויס צו מעקן:

— האַלאָ, מיסטער מעק.

— האַלאָ, בעס.

— איר וואַרט שוין לאַנג?

— כ'בין נאָר וואָס אַריין.

אויף דער גאַס האָט מעק גענומען בעסין אונטערן אָרעם. ביידע — אין הייך. ביידע אַפּילו ענלעך, ווי זיי וואָלטן שוין יאָרן געווען מאַן און ווייב. דערצו האָט אין בעסין אַלץ אָנגעקוואָלן. זי וועט מיט מעקן אַריינגיין אין אַן ערשט־קלאַסיקן רעסטאָראַן, וועט זיך הייסן געבן פאַרשפּייז, זופּ, געבראָטענע הון, קאָמפּאָט. פונעם בלויזן געדאַנק האָט דאָס מויל בא איר גענומען וואַסערן. נאָכן אָוונטברויט וועלן זיי אַוועק אין „ראַדיאָ־סיטי". דערנאָך . . . זי האָט אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן און זיך עטוואָס אָנ־געשפּאַרט אויף מעקן. זי האָט סתם אַ זאָג געטאָן:

— וואו וועלן מיר גיין עסן? איך בין הונגעריק.

— אָ, — האָט מעק געצויגן די ווערטער, — מ'קאָן אַריינגיין אין דער ערשטער בעסטער קאַפעטעריע. איך אָבער בין שוין אַ געגעסענער.

בעסי האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך דערפילט באַליידיקט. די באַליידיקונג איז איבערגעגאַנגען אין אַ נכפה. וואָס הייסט, ער האָט שוין געגעסן? און וואָס שיקט ער זי אין אַ קאַפעטעריע? אזוי, ער איז פון די

אמתע יונגען, א „טשיפּ גאַי”, וואָס שפּאָרט קישקע־געלט. ער וועט שוין היינט קרעכצן און זי, בעסי, וועט אָפּעסן אַף זיין חשבון א מיטאָג מיט געבראָטענער הון. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט איז א רעסטאָראַן.

— די אַלע ווינקל־רעסטאָראַנען, — האָט מעק א צי געטאָן בעסין און איז מיט איר פאַרבייגעגאַנגען דעם רעסטאָראַן, — זיינען פּאַרדעכטיק. די פרישסטע מאכלים זיינען אין קאַפעטעריעס, וואו הונדערטער, וואו טויזנטער מענטשן עסן א טאָג.

די נכפה האָט זיך א שטעל געטאָן בעסין אין האַלדז אריין. וואָס לאָזט זי אים נישט שטיין אינמיטן גאַס? וואָס דעקט זי אים נישט מיט די גראָבסטע ווערטער? איר מזל!

בעסי האָט געשלעפּט אין א רעסטאָראַן, מעק — אין א קאַפעטעריע. אויסגעפירט האָט מעק. אין דער קאַפעטעריע האָט בעסי זיך אוועקגעשטעלט לעבן די פליישן, וואָס האָבן ארויסגעשריגן פון די קעסלען. מעק האָט איר איינגערוימט:

— אין אזא היץ דאַרפסט איר פלייש? נעמט גרינסן, נעמט א סאַלאַד, א „סענדוויטש”.

בעסי האָט באַשטעלט א סאַלאַט און אָפּגעמאַכט בא זיך: וועט ער נישט באַצאָלן פאַר איר עסן, לאָזט זי אים שטיין אינמיטן גאַס און גייט אוועק.

דאָס עסן האָט באַטראָפן צוואַנציק סענט. מעק האָט באַצאָלט. זיי זיינען ארויס פון דער קאַפעטעריע און געבליבן שטיין אינמיטן טראָטואַר. מעק האָט א פרעג געטאָן, ווי עס וואָלט בא אים געווען אַן אָפּקומעניש:

— וואָס, מיר וועלן אריינגיין אין א מואַווי?

— מיר וועלן גיין אין „ראַדיאָ־סיטי”, — האָט בעסי א הויב געטאָן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט אויספּירן.

— נישט איך, — איז מעק געוואָרן בלויז ביטול, — איך האָב נישט ליב „ראַדיאָ־סיטי”, און צו וואָס דאַרף מען צאָלן א דאָלער אין „ראַדיאָ־סיטי”, ווען מען קאָן די זעלבע „מואַווי” זען פאַר פופצן סענט? פאָלגט מיך, בעסי, און קומט בעסער אהיים. אין דער היים וועלן מיר בעסער פאַרברענגען.

— נישט איך, — האָבן זיך די ליפּן בא בעסין א בלעזל געטאָן, — און וואָס מען קאָן שוין מיט אייך פאַרברענגען. איר זענט פון די אמתע „ספּאָרטס”. די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, ווען מיר צעגייען זיך אָט דאָ.

יאָ, איר האָט באַצאָלט פּאָר מיין עסן. נאָט אייך די צוואַנציק סענט.

מיט צונויפגעדרייטע פינגער האָט זי גענומען זוכן אינעם בייטל. זי האָט ארויסגענומען צוואַנציק סענט און זיי אַ שטעק געטאָן מעקן אין דער האַנט אריין. ער האָט דאָס געלט נישט געוואָלט נעמען. בעסי האָט עס אַראָפּגעוואָרפן לעבן זיינע פיס און מיט גיכע טריט גענומען אוועקגיין פון אים. מעק האָט אַ וויילע נאָכגעקוקט בעסין און זיך צעלאַכט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די צוואַנציק סענט, זיי איבערגעלייגט פון איין האַנט אין דער אַנדערער, און זיך געקווענקלט, — זאָל ער זי גיין איבערבעטן?

מעק האָט זיך געלאָזט נאָך בעסין.

1936

ספרים

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען טריוועס האָט אַ שאַר געטאָן פון זיך די פריש־באַשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר און זיך אויסגעגלייכט. ערשט איצט, ווען ער איז געבליבן זיצן מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן שטול־בענקל, האָט ער דערפילט אַ מיש אין די אויגן. ער האָט אויפגעעפנט צו זען וואָס ס'טוט זיך אַרום אים. עס האָט גענומען אַ ווייל ביז ער האָט זיך באַפרייט פון דער וועלט, וואָס איז געלעגן אין די באַשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר. און אַז ער האָט זיך געהאַט אויסגעריבן מיט די פויסטן די אויגן, איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס איז ער אָפּגעזעסן אַ האַלבע נאַכט ניט איבער קיין שרייב־טיש, נאָר איבער אַ וואַרשטאַט, וואו ס'האָבן זיך נאָך געוואַלגערט שטויסן ביכער, צונויפגעלייגטע פּאַפּירן, שער און פעדער. און אַז פון די הענט האָבן זיך גענומען טראָגן ריחות פון פריש־געשניטן פּאַפּיר, פון טינט, פון גומעראַביקע, פון אויסגעמעקטע און צונויפגעקלעפּטע שורות — איז אויפגעגאַנגען אין טריוועסן אַ פרייד, די פרייד פון אַן ערד־אַרבעטער, וואָס איז זיכער, אַז ניט אומזיסט גראָבט ער זיך אין דער ערד, ס'פאַרזייטע וועט אויפגיין, וועט וואַקסן.

וועט עס טאַקע אויפגיין?

טריוועס האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און האָט זיך אויפגעשטעלט. ס'צימער איז אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן. וואו אַ שפּרייז, וואו אַ קער — ווענט. ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער איז צו צום פענצטער. פון אַ ווינקל האָט זיך געזען דער האָדסאָן — אַ צעשפּילטער, אָן אויפגעהייטערטער — ווי ס'וואָלט געווען סעפּטעמבער, ניט סוף יאַנואַר. אַ חשק צו שפּרייזן האָט זיך אין טריוועסן אַ וועק געטאָן, צו שפּרייזן מיילן. נאָך אַ נאַכט שרייבן האָט ער ליב געהאַט זיך אַוועקצולאָזן אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. דאָס שפּאַנען מיטן האָדסאָן האָט ניט צעיאָגט די ספקות, ס'האָט בלויז געטאַמעוועט די בלוטן און מיד געמאַכט די גלידער. ס'איז געווען אַ מיטל צום שלאָפן.

טריוועס האָט אָנגעטאָן ס'רעקל, איז אַריין אינעם ווינטער־מאַנטל און מיטן קאַפּעליוש אין האַנט איז ער אַראָפּ אויף דער גאַס. דער פרימאָרגן איז

געווען אַ שטייפער, אַ פּרעסטלדיקער. אַפן „דראַיוו" זײַנען כמעט קיין מענטשן ניט געווען. רעכטס — דער האָדסאָן, לינקס — שטאָקיקע מויערן, ווי פעסטונגען, ווי פּאַלאַצן, און אין דער מיט — דער געפּלאַסטערטער „דראַיוו", וואו אָטאָמאָבילן האָבן זיך געיאָגט, זײַנען געבליבן שטיין, האָבן זיך ווייטער געיאָגט, ווי אין אַ געוועט.

טריוועס איז ניט געגאַנגען. ער האָט געשפּאַנט און געשפּרייזט. און אין מיטן שפּרייזן זײַנען זײַנע אויגן, גרויסע, גרויע אויגן, פול געווען מיט חידוש, האָבן געקוקט אַפן אַרום־און־אַרום מיט בליקן פון פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן. ער האָט געזוכט אַ שייכות צווישן דעם האָדסאָן און די מויערן אַפן „דראַיוו", וואו יידן האָבן געוואוינט, געזוכט און ניט געקאָנט געפינען. ער האָט געקוקט אַף די מויערן. פונדאַמענטן — שטיינערנע, צעמענטענע; ווענט — הויכע, ברייטע, אַ געבוי איבער אַ געבוי. מיט אַזוינע פאָדפאָרעס דאַרף קיין שטורעם ניט פאַרטראָגן.

און פונדעסטוועגן?

פונדעסטוועגן האָט ניו יאָרק, ווי יעדער גרויסער טייך, ווי דער האָדסאָן, צוויי שטראָמען — דער שטענדיקער אויבערשטער שטראָם, וואָס האַלט אין איין אויסברייטערן, אויסציען די שטאָט, און אַן אינעווייניקסטער שטראָם, וואָס רייסט אויס אײַנגעזעסענע ישובים, טאַשט זיי, טאַלירט זיי. פון דער טיף ווערט אַ שטיק לענג און פון דער לענג אַ שטיק טיף.

אַ פאַרמוחטער איז טריוועס פאַרבײַ דער הונדערט און דריטער גאַס, און אַז ער איז שוין געווען לעבן דער הונדערט און פערטער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָר־וואָס עפּעס פאַרבײַגעגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט.

אַף דער הונדערט און דריטער גאַס, באַרג־אַרויף, זײַנען ביכער געווען אָנגעשאָטן אין אַ באַרג, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבן טראָטואַר. טריוועס האָט אויפגעציטערט.

— וואָס, ביכער? ביכער נאָר אַרויסוואַרפן אַף דער גאַס, ווי מען וואַרפט אַרוים אַן אָפּגעדינט, צעבראָכן שטיקל מעבל? וואַנדאַלן! זיי דאַרפן זיך לערנען בײַ אונדז יידן. פאַלט אַראָפּ אַ ספר, הויבט עס אַ ייד אויף מיט אַ קוש. „שמות" באַגראָבט מען אַפן בית־עולם, מען לאָזט זיי ניט וואַלגערן זיך אַף דער גאַס. און דאָ — אַזוי פיל ביכער אַרויסגעוואָרפן אין רינשטאָק אַריין. וואַנדאַלן!

טריוועס האָט אַ צי געטאָן דעם קאַפּעלוש איבערן קאָפּ טונקעלע האָר.

ער איז געשטאַנען איבערן באַרג ביכער און ס׳בלוט האָט באַ אים אַ פּלייץ געטאָן פון די פיס אין די הענט, פון די הענט אין די שליפן אריין. דאָס זיינען געווען ספרים, אַ באַרג אַרויסגעוואָרפענע ספרים. ער האָט זיך איינ־געבויגן. די פינגער, ציטערנדיקע, האָבן געעפנט איין ספר, אַ צווייטס, אַ דריטס. דאָס זיינען געווען „תלמוד־בבלי״, „תלמוד־ירושלמי״, „טורים״ — אַלטע דרוקן, מיט הונדערט, מיט צוויי הונדערט יאָר קריק. צווישן די גמרות, געבונדן אין אַלטן פּאַרמעט, אין אַלט לעדער, האָבן זיך געוואַלגערט — אַ „מורה־נבוכים״, אַ „כוזרי״, ביאַליקס ערשטער באַנד שירים.

טריוועסן איז היים געוואָרן. ער האָט צעקנעפּלט אויף זיך דעם מאַנטל, אַראָנגעכאַפּט דעם קאַפּעלוש, פאַרריסן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיט די שטאָקיקע מויערן :

— וואָס טוט זיך דאָ ?

צווישן צוויי זעכצן־שטאָקיקע מויערן איז געשטאַנען אַ שמאָל דריי־גאָרנדיק הויז, געשטאַנען צונויפגעקוועטשט, אַז מען האָט עס קוים אַרויס־געזען. די טירן, די פענצטער — פאַרמאַכט.

טריוועס איז אַרויף אויפן טרעפּל און האָט אָנגעקלונגען. מען האָט ניט געענטפערט. ער האָט אַ שטאַרקן קלונג געטאָן. די קעלער־טיר האָט זיך געעפנט. ס׳איז אַרויס אַ האָריקער הונט. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ פון אַן עלטערער פרוי :

— וואָס, איר ווילט דינגען ס׳הויז ?

— ניין — האָט טריוועס געוויזן אויף די ספרים — כ׳וויל וויסן, וועמעס ביכער דאָס זיינען ?

— די ביכער ? — האָט די דזשעניטאָרן אַ קוק געטאָן אויף טריוועסן — די ביכער געהערן קיינעם ניט. אויב איר דאַרפט די ביכער, נעמט זיי, אַז ניט וועלן קינדער זיי צעשלעפּן. העלפט האָבן זיי שוין נעכטן צעשלעפּט.

טריוועס האָט געפילט, ווי פון אומבאַהאָלפנקייט ווערן באַ אים אָפּ־גענומען הענט און פיס. ער איז געשטאַנען איבערן באַרג ביכער, ווי איבער אַ מת און געהערט ווי די דזשעניטאָרן דערציילט אַ מעשה וועגן אַן אַלטן פאָטער, וואָס איז געזעסן איבער די ספרים און האָט געלערנט. און אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן, האָבן די צוויי טעכטער זיך גענומען איבערבויען ס׳הויז. ס׳אַלט־פרענקישע מעבל, די ספרים — אַלץ האָבן זיי געהייסן אַרויס־שטעלן אויף דער גאַס. אויפן מעבל האָבן זיך גלייך געפונען בעלנים, מען האָט עס צעכאַפּט. די ספרים וואַלגערן זיך נאָך אויף דער גאַס.

די דזשעניטאָרן האָט אַ רוף געטאָן דעם הונט, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרריסענעם פּוס און האָט באַנעצט דעם באַרג ספרים. און אַז דער הונט מיט דער דזשעניטאָרן זײַנען פֿאַרשוואונדן אין דער קעלער־טיר, האָט טריוועס געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט:

— דאָס איז די תורה און דאָס איז איר שכר.

דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעבויגן, אַ נעם געטאָן אין דער האַנט אַרײַן אײן גמרא, אַ צווייטע, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַן אָרעם ספרים ביז איבערן קאָפּ. און אַז ער האָט זיך קריק אויסגעגלײַכט, האָט ער דערזען אַרום זיך פֿיר אינגלעך. טריוועס האָט זיי געפֿרעגט:

— ווייסט איר ניט, קינדער, וואו ס׳איז דאָ פֿאַראַן אַ שול?

— אַ שול?

— אויף דער הונדערטער גאַס.

— העלפֿט מיר, קינדער — האָט טריוועס זיך געבעטן בײַ די פֿיר קינדער — העלפֿט מיר טראָגן די ספרים אין שול אַרײַן.

טריוועס איז געגאַנגען אויף אַ פֿריער מיטן שטוס ספרים, נאָך אים — די אינגלעך. מיטן גיין איז געוואָרן אויס „דראַיוו", אויס האָדסאָן, אויס ניו יאָרק. יאָרן האָבן זיך גענומען רוקן אויף קריק. טריוועס האָט אָנגעציילט צוויי־און־צוואַנציק יאָר. ס׳איז געווען אין סאַמע ברען פֿון דער וועלט־מלחמה. דער רוס האָט אַרויסגעטריבן די אידן פֿון די גרענעץ־שטעט. צווישן די אַרויסגעטריבענע איז אויך געווען טריוועסעס פֿאָטער. ער האָט אַלץ איבער־געלאָזט אינעם גרענעץ־שטעטל אויף הפקר—ס׳הויז, ס׳שניט־געוועלב, ס׳מעבל. ער האָט בלויז אָפּגעראַטעוועט די ספרים. אַפֿן וואָגן, וואו טאַטע־מאַמע מיט די קינדער זײַנען געזעסן, איז אויך געלעגן אַ קופֿערט אָנגעפּראָפּט מיט ספרים.

און הײַ?

די קאַלטע לופֿט איבער טריוועסן — הייסע קללות און חרמות. דער שוויס האָט זיך פֿון אים געגאָסן. פֿון יעדן טראָט — אַ רוגזה אָן ווערטער.

און הײַ?

„. . . קיין פּנים, קיין פּרצוף, קיין צלם־אלהים."

.1938

אַפּן גזשיבאָוו

משה קלאַפּטער, דער איינגטימער פון דריי לאַסטוועגנער, פון צען דראָזשקעס, האָט פאַרנומען דעם גאַנצן דריטן הויף בא יאַקובן אַפּן גזשיבאָוו.

די ערשטע צוויי הייף, טונקעלע, מיט געוועלבטע אַריינגאַנגען, האָבן זיך געצויגן ווי טונעלן. אַ הויף אין אַ הויף. אַז מען האָט פאַרריסן דעם קאָפּ — פענצטער און באַלקאָנען, וואָס האָבן זיך געהויבן ביז איבערן פערטן שטאָק. די הויפן האָבן ניט גערוט. מאַנצבילן — יונג און אַלט — האָבן פאַרענדיקט די אָפּ שנעל אויפגעקלאַפּטע סוכות, וואָס זיינען געשטאַנען אַף די באַלקאָנען אין די הויפן. ס'איז געווען אַ געגיי, אַ געאייל, אַ געלויף. פון די אָפענע פענצטער האָט זיך געטראָגן אַ זשומעריי, אַ גערעדעריי, אַ געקלאַפּעריי. די הייף זיינען פול געווען מיט יום־טובדיקע ריחות, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם, גערייצט דעם אַפּעטיט. ס'האָט געשמעקט מיט געהאַקטע פיש, מיט געפילטע פיש, מיט געקאָכטע פיש. ס'האָט געשמעקט מיט פאַרבראָקטע הינער־יויכן, מיט געבראָטענע קאַטשקעס און גענדז, מיט זיסע ציבעלקעס געהאַקט מיט פרישע, קרוכלע גריבן. ס'האָט געשמעקט מיט איינגעקאָכטע, פאַרברוינטע צימעסלעך — מערן, פלוימען, שעפּטאַלן.

דער דריטער הויף, וואָס איז ענלעכער געווען אַף אַ שטיק פערד־מאַרק, ווי אַף אַ וואַרשעווער הויף, האָט קיין מגע ומשא ניט געהאַט מיט די ערשטע צוויי הייף. די פערד, די הינט, די יונגען — דאָס אַלץ האָט אָפּגעהאַלטן די שכנים צו גיין אַהין. איבער איין האַלבן הויף האָבן זיך געצויגן הילצערנע שאָפּעס, וואו די וועגענער זיינען געשטאַנען. איבערן צווייטן — געמויערטע פערד־שטאַלן. איבער די פערד־שטאַלן — אַ דירה פון צען צימערן, וואו משה קלאַפּטער האָט געוואוינט מיט זיינע „קעסט־קינדער". אַזוי האָט ער גערופן די יונגען, וואָס האָבן געאַרבעט בא אים. פון די פערד־שטאַלן, פון די צוויי בערג מיסט, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אינעם שטייפן נאָכמיטאָג, האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער גערוך, דערמאָנט דעם גערוך פון געווייקט לעדער, געווייקטן דאָמב, וואָס האָט אויסגעוועפּט און פאַרשלונגען די ריחות פון די יום־טובדיקע מאכלים.

דעם גאנצן ערב יום־טוב האָט משה קלאפּטער געמייסטרעוועט ארום דער סוכה. ס'איז אים נעגאנגען אין לעבן, אז זיין סוכה זאָל זיין שענער פון די באלעבאטישע און חסידישע סוכות, וואָס אין די שכנישע הייף. די פיר ווענט ארום דעם הילצערנעם דיל האָבן זיך געהאלטן אף קייטלען. די מזרח־וואַנט האָט ער באהאנגען מיטן ווייבס טערקישן שאַל־טוך. אף די איבעריקע ווענט — לויוויטשער „קילמס", וואָס מען דעקט מיט זיי צו צונגאָווע פערד. אפן געדעקטן טיש — זילבערנע לייכטערס, „גאָנשערס" ווין, א געפלאָכטן קאָשיקל בראָנפן. משה קלאפּטער מיטן ווייב זיינען געזעסן אויבנאָן. פון ביידע זייטן — די קינדער. נאָך די קינדער — די „יונגען" לויט דער עלטער. צוויי יונגען האָבן געסארווירט. אנדערע צוויי האָבן געהאלטן אן אויג, אז קיין „יאָלד" פון די אנדערע הייף זאָל אהער נישט ארייננשמעקן. האָט זיך פאראיאָרן פארגנבעט א חסיד א „צלאָפּ", געוואָלט זען, ווי דער באלעבאָס, משה קלאפּטער, פּראוועט טיש, האָט אים א יונג אזא גלעט געטאָן איבער דער לעבער, אז ער וועט שוין פארזאָגן א צענטן אהער נישט ארייננצושמעקן.

ס'איז שוין געווען נאָך די געפילטע פיש, נאָך דער שיסל לאָקשן מיט „רעסעלעך", נאָך דעם געבראָטענעם אינדיק. משה קלאפּטער האָט צעעפנט דעם געשטרייפטן ריפּסענעם שלאָף־ראָק, די קאָלירטע ריפּסענע וועסט. ער האָט זיך א גלעט געטאָן איבערן בויך, ווי איבער א באראבאן און זיך גענומען צו דער שיסל מייערן. די מייערן, געשניטן אין קיילעכדיקע פּענעצלעך, געקאָכט אין האָניק, האָבן געבלישטשעט, ווי דוקאטן. ער האָט גרויס הנאה געהאט פון די מייערן, געגעסן מיט ביידע באקן און אין מיטן עסן א זאָג געטאָן צו די יונגען:

— וואָס טרינקט איר נישט, חברה?

די יונגען, אויפגעלייגטע, האָבן זיך א שאר געטאָן מיט די רעכטע אקסלען. די העלדזער פון די „גאָנשערס" האָבן זיך אויסגעבויגן, אָנגעפילט די גלעזער מיט א געבולבעריי. „גראדול" האָט נאָך דער ערשטער כוסה געלאָזט פאלן א וואָרט:

— אפן „מקום" האָט מען געשלאָגן יידן.

— וואו, אף אלט־שטאָט?

— און אין זאקסישן גאָרטן אויך.

— אפן גושיבאָוו וועלן זיי נישט קומען — האָט משה קלאפּטער מיט

די בלויזע ציין געקנאַקט די האַרטע קערן פון שעפּטאַלן און איבער אַלעמענס קעפּ אַרויסגעשפּיגן די צעבראָכענע שאָלן דורך דער אָפענער טיר.

— אַז יידן לאָזן זיך שלאָגן אַף אַלט־שטאָט, לאָזן זיך שלאָגן אין זאַקסישן גאָרטן — האָט שלמה ביקל לויזער געמאַכט דעם פּאַסעק אַף אַ לעבל — וועלן זיי זיך אַפן גזשיבאָוו אויך לאָזן שלאָגן.

— אפשר דו, ביקל — האָט גראַדול אים אַ שאַר געטאָן מיט די פינף פינגער פון דער גאָמבע ביז צום שטערן — נישט איך, נישט שימעלע גראַדול. און די שלעגער זיינען גאָר קיין שלעגער נישט. די סטודענטן מיט די זשילעט־מעסערלעך אַף די שטעקנס. אַזאַ איינעם איז נענוג אַ גלעט טאָן איבער דער לעבער, איז ער פּאַרטיק, איז ער אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

דער וויין האָט לויזער געמאַכט די שרייפלעך און די יונגען האָבן זיך צערעדט. און ווי זיי האָבן זיך צערעדט, האָט זיך אַף אַ פריער צעבילט איין הונט, דערנאָך אַ צווייטער.

— ס'קומט עמיצער? ווער קומט? — האָט משה קלאַפּטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די יונגען און בשעת־מעשה אַ רוק געטאָן פון זיך דעם לאַנגן טיש, ס'זאָל לייכטער זיין אַפּירצוגיין.

אַ יונג איז אַרויס פון דער סוכה. נאָך אים — אַ צווייטער. באַלד זיינען זיי צוריקגעקומען מיט אַ האַלבן מנין איבערגעשראָקענע שכנים.

משה קלאַפּטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ריפּסענעם שלאָפראָק און איז אַנטקעגן געגאַנגען די שכנים:

— וואָס, מען שלאָגט אַפן גזשיבאָוו?

— מען באַוואַרפט די סוכות מיט שטיינער, מען צינדט אונטער דעם סכך.

— אַ לופט זיי אין די אויגן!

— אַ בראַנד זיי אין די גדערים!

— קומט, חברה! — האָט משה קלאַפּטער אַרויפגעכאַפּט אַף זיך אַ לעדערנע קורטקע.

— וועסט נישט גיין — האָט ס'וויב זיך אים אַ שטעל געטאָן אין וועג אַריין.

— מאַכסט שוין שטיק, מלכהלע? — האָט קלאַפּטער אָוועקגעשאַרט ס'וויב — נעם די קינדער און גיי אַרויף אין שטוב אַריין.

ס'איז געוועז שטיל אַפן הויף. קלאַפּטער מיט די יונגען האָבן זיך

א ווייל געפּאַרעט אינעם פערד־שטאַל. דערנאָך זיינען זיי אַרויס צו צוויי, צו דריי, זיך געלאָזט מיטן הויף אין גאַס אַריין.

ס׳איז געווען שטיל און פינצטער אַפן גזשיבאָוו. פון הויף האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע קולות. ס׳איז געווען שווער עפּעס אויפצוכאַפּן. מיט־אַמאָל האָט זיך אַריינגעשניטן אַ געשריי:

— יידן, מען שלאָגט!

אַ צעשלאָגענער ייד האָט זיך געטראָגן פון איין טראָטואַר אַפן אַנדערן. נאָכן צעשלאָגענעם יידן — אַ צווייטער, נאָכן צווייטן — אַ דריטער.

משה קלאַפּטער האָט זיי אָפּגעשטעלט:

— וואָס לויפט איר? לויפט נישט, יידן!

— אַז מען יאָגט זיך נאָך אונדז.

אַ מאַן צוואַנציק, מיט אויפגעהויבענע שטעקנס אין די הענט, האָבן זיך געטראָגן איבערן גזשיבאָוו, זיך געיאָגט נאָך די יידן, געהאַקט בשעת־מעשה שויבן און נישט באַמערקט משה קלאַפּטערן מיט דער חברה.

משה קלאַפּטער אַף אַ פריער. נאָך אים — ביקל און גראַדול — ווי צעשפּרייטע פליגל האָבן זיך אַריינגעשניטן צווישן די שלעגערס. מעסער־קלינגלעך האָבן געבליצט. דאָ און דאָרט אַ לאַנגער, צעצויגענער קוויטש — „אָלאַ באָגאַ״ — דאָ און דאָרט אַ פאַל מיט דער נאָז אַפן אַספאַלט, אַף די שטיינער. דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזוי שנעל און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט בלויז געזען, ווי די גוים לויפן און די יידן יאָגן. און געיאָגט האָט שוין נישט קלאַפּטער מיט זיינע יונגען, נאָר סתם יידן. יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן געריסן פרענטעס, שטאַבעס, זיינען אַרויס פון די הויפן מיט שטיינער, מיט ציגל, געווען בייז אַף די יידן, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן גוישע שלעגערס.

גזשיבאָוו, פון דער גמינע ביז גראַניטשנע, איז נישט געווען דורכצוגיין — קעפּ אַף קעפּ. אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן געטענהט:

— צוריקשלאָגן!

— דאָס איז דער איינציקער וועג!

— צוריקשלאָגן!